STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03455

UFSHTAYG

Gershon Dua-Bogen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. באָגען

אופשטייג

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

Printed in Soviet Union

Редактор — С. Годинер. Техред — М. Погостер. Корректор—М. Иткин. Сдано в набор 26/VI — 35 г. Подп. к печ. 20/VIII—35 г. Ф. б. 82×110[1]/[32]. $12^{1}/_{2}$ п. л. Уполн. Главлита—Б-11385 „Эмес“ № 120. Тираж 3000.
Цена 4 р. 25 к. Переплет— 60 коп. Типогр. „Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. 709

3297

פאָרוואָרט

דער קאמפ צווישנ דער צעפוילטער, אָפשטארבנדיקער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פונ די ארבעטנדיקע מאסנ נעמט אָנ אלצ שארפערע פאָרמענ. די קאָמוניסטישע פארטיי איינציק אונ אליינ פירט אָנ מיט דעם דאָזיקנ העלדישנ קאמפ. איר רופ פאָלגנ מיליאָנענ.

די קאָמוניסטישע אידייענ אונ לאָזונגענ דרינגענ אלצ מער ארײַנ אינ די טיפענישנ פונ די מאסנ. וועגנ קאָמוניזמ אונ זײַנע ענד־צילנ רעדט מענ אינ פאבריק, אינ ווארשטאט, אינ כאטע אונ אינ פעלד. יעדנ טאָג שטעלנ זיכ פרישע טויזנטער אינ די קאמפ־מאסנעס, גרייט זיכ מאקריעוו צו זײַנ פארנ קאָמוניזמ.

אינ אָפגרונט פונ נויט, פארצווייפלונג, הונגער שײַנט ארײַנ א גרויסער ליכטיקער שטערנ — דער פינפ־שפיציקער שטערנ מיטנ סערפ אונ האמער — ראטנפארבאנד. מיליאָנענ הייבנ אופ זייערע אויסגעהאָרעוועטע הענט, דראפּענ זיכ ארויס פונ אָפגרונט, שטעלנ זיכ אינ די שטאָלענע רייענ פונ לענינ־סטאלינ־פארטיי.

די קאָמוניסטישע באוועגונג האָט אויסגעהאָדעוועט אונ דערצויגנ טויזנטער אומבאוווּסטע העלדנ. זייער נאָמענ איז לעגיאָנ. זיי ארבעטנ אינ די שווערסטע באדינגונגענ פונ פאשיזמ אונ בלוטיקנ ווײַסנ טעראָר. זיי קומענ בײַ פײַניקונגענ אונ טויט, גייענדיק פאָרויס צומ גרויסנ ציל. אונטערנ קוילנ־האָגל, אינ קלעמ פונ נויט אונ פײַנ, גראָבנ זיי א קייווער פארנ קאפיטאליזמ. געאָרגי דימיטראָוו, מאטיאס ראקאָשי, די בעסטע זינ אונ טעכטער פונעמ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט גיבנ יעדנ טאָג אָפ זייער לעבנ פאר דער גרעסטער אידיי, וואָס די קעמפנדיקע מענטשהײַט האָט אינ איר שויס אויסגעטראָגנ — דעם קאָמוניזמ.

נית אלע האַלטנ אויס דעמ דאָזיקנ שווערנ טיטאַנענ־קאַמפ. שוואַכע ווערנ צעמאָלנ אינ דער שטאָלענער מיל פונ קלאַסנקאַמפ, צעשיטנ זיי זיכ ווי שטויב און וואַרפנ זיכ אַוועק אינ דער צעבלוטיקטער ערד. נית עס אָפטרינניקע, קליינמוטיקע, וועלכע אַנטלויפנ, נית עס פאַרעטער, וועלכע ציטערנ פאַר זייער אומריינער פעל, פאַרקויפנ זיי זייער קלאַס פאַר א פאָר רענדלעכ.

האַרט בײַ דער סאָוועטישער מערעוו־גרענעצ ליגט דאָס אומגליקלעכע לאַנד — מערעוו־ווײַסרוסלאַנד. דער זיגרײַכער מאַרש פונ זיכ בוױענדיקנ סאָציאַליזמ דערטראָגט זיכ אָפ די אויסגעטריקנטע פעלדער פונעמ אויסגײַענדיקנ אינ הונגער ווײַסרוסישנ דאָרפ. פופצנ יאָר גייט דער קאַמפ פונ די ווײַסרוסישע אַרבעטנדיקע מאַסנ מיט זייער בלוטסויגע — דעמ פּויליש‌נ אימפּעריאַליזמ. דער פירער פונ דעמ דאָזיקנ קאַמפ — איז די קאָמפּאַרטיי. זי האָט פאַרבינדערט די ווײַסרוסישע אַרבעטנדיקע מאַסנ מיטנ פּראָלעטאַריאַט פונ פּוילנ, זי האָט געייניקט אינ בלוט אלע אַרבעטנדיקע אינ פּוילנ: פּאָליאַקנ, אוקראַינער, ווײַסרוסנ, יידנ, דײַטשנ און ליטווינער.

קעגנ דער קאָמפּאַרטיי, קעגנ די אַרבעטער און פּויערימ פונ פּוילנ און מערעוו־ווײַסרוסלאַנד און מערעוו־אוקראַינע איז געווענדט דער גאַנצער ברוטאַלער מעכאַניזמ פונ פּוילישנ פאַשיזמ — די פּריצימ, בורזשואַזיע און קלערװקאַלנ. זיי צוהילפ איז דער פּראַראַט פונ די „סאָציאַליסטישע" פירער.

ס'זײַנענ צו פריש די געשעענישנ, אַז מע זאָל זיי קאָנענ שוינ איצט פאַרייביקנ אינ א גרויס מײַסטער־ווערק. ס'וועט קומענ דער גרויסער מײַסטער, דער קינסטלער פונ וואָרט און בילד און וועט אָנשרײַבנ פאַר דער צוקונפט די דראַמע פונ קלאַסנ־קאַמפ אינ פּוילנ און מערעוו־ווײַסרוסלאַנד. זאָל אימ מײַנ בוכ דינענ אלס מאַטעריאַל. איכ האָב זיכ באַמיט צונויפזאַמלענ פאַקטנ און פּאַסירונגענ פונ מענטשנ, וועלכע האָבנ עס איבערגעלעבט.

איכ ווידמע מײַנ בוכ די אומבאַוווּסטע העלדנ, וועלכע שמאַכטנ אינ די טפיסעס פונעמ פּוילישנ פאַשיזמ.

ד. באָגענ

יונ, 1935 יאָר.

אין דאָרף

די פֿעלדער זײַנען געלעגן װײַט צעװאָרפֿענע, גראָע, שמוציקע, אַדורכגענעצטע פֿון רעגן, פֿאַרװאַלגערטע מיט פֿאַרשװאַרצטע שטיקער ניט צעגאַנגענעם שניי. װײַט באַם האָריזאָנט האָט זיך געבליכט אַ געדיכטער בעריאָזע־װאַלד. דער שמאָלער פֿליסיקער טײַכל האָט דורכגעשניטן דאָס דאָרף און אַװעקגעצױגן זיך טיף אין װאַלד. אײנצלנע נידעריקע קוסטעס זײַנען אַראָפּגעװאַקסן נידעריק איבער טײַכל, געשפּיגלט זיך אין דער װאַסער־קלאָרקײַט.

דאָס דאָרף איז געלעגן ברייט צעװאָרפֿן אין פֿעלד. די נידעריקע שמוציקע הײַזער מיט די שטרויענע דעכער האָבן זיך אײַנגעגראָבן אין דער ערד, אײניקע האָבן פֿון אַלטקײַט אָנגעבויגן זיך אָן אַ זײַט. גראָבע קלעצער האָבן אונטערגעהאַלטן די כוהוועס. די ברייטע לאַנגע דאָרפֿגאַס, צעאַקערט פֿון טיפֿע גריבער, האָט זיך געטרונקען אין בלאָטע. די זון האָט זיך שפּעט באַוויזן, גיך זיך אַראָפּגעלאָזט צום װאַלד. דער גרויער הימל האָט זיך פֿאַרצױגן מיט קלאָרע, קלײנע פֿרילינגװאָלקנס. ס'האָט געטונקלט.

אַפֿן ברעג װאַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי רײַטער. זיי האָבן זיך שנעל דערנענטערט צום דאָרף. פֿון ערגעץ אַ שטאַל האָט זיך דערהערט דאָס הירזשען פֿון אַ פֿערד, דאָס אומעטיקע מוקען פֿון אַ קו. די רײַטער זײַנען שטום אַרײַנגעריטן אין דאָרף. פֿון אַ כאַטע איז אַרויס אַ פֿרוי. זי האָט געװאָרפֿן אַ בײזן, אומצופֿרידענעם בליק אויף די רײַטער און צוריק פֿאַרשװונדן אין הויז.

— זיי זײַנען שוין ווידער דאָ, די פֿאַרשאָלטענע, — האָט זי זיך געװענדט צום מאַן.

דער מאנ, א גרייז־גראָער מיטל־וווּקסיקער פויער, האָט אומרויִק זיכ אויסגעדרייט אפ דער באנק.

— זיי זוכנ אימ מיסטאָמע. מע דאַרפ צו וויסנ געבנ דימיטריִנ.

— אזוי שפּעט, ווּ־אזוי?

— מע דאַרפ שיקנ עמעצנ צו אימ אינ וואַלד.

—ווּעמענ?

— אנדרייענ.

— אנדרייענ?! צו יונג נאָכ צו אזעלכע זאכנ.

— ער איז קליינ אונ קיינער וועט אימ ניט באמערקנ.

— עפּשער קיינעמ ניט שיקנ?

— ניינ, מע מוז אימ געבנ צו וויסנ. כ'האָב היינט געטראָפנ וואַסילנ, ער האָט געזאָגט, אז דימיטרי האָט בעדייע היינט אינאָוונט צו קומענ אינ דאָרפ. די פּאָליציאנטנ וועלנ מיסטאָמע נעכטיקנ באמ סאָלטים[1].

די פרוי האָט זיכ נערוועז געדרייט בא דער פּליטע, געמאכט פייער. איר פארעלטערט, אינ קנייטשנ געזיכט, איז געווענ פארהייגעט אונ בייז.

— דער סאָפ וועט זיינ, אז זיי וועלנ אימ ארעסטירנ. ווי לאנג קאָנ מענ זיכ אזוי אויסבאהאלטנ. ער איז געל געוואָרנ פונ הונגער אונ קעלט. ס'וואָלט גלייכער געווענ, ווענ ער אנטלויפט אהינ... ווי פּאָוועל. וואָלטנ מיר אלע רויִקער געווענ.

דער אלטער האָט מיט ביטל א מאכ געטאָנ מיט דער האנט.

— איכ האָב שוינ מיט אימ ניט איינמאָל איינגעטענהט וועגנ דעמ. אונ טאָמיד דער זעלבער ענטפער: ער וועט ניט אוועק פונ דאנענ. א מענטש האָט זיכ ארייננעקלאפּט אינ קאָפּ: סאָוועטנ אינ ווייסרוסלאנד ווילט זיכ אימ! דו קענסט דאָכ דימיטרינ. קיינ רייד וועלנ דאָ ניט העלפנ. גיי בעסער זוכ אופ אנדרייענ. איכ וועל צוקוקנ צומ פייער.

די פרוי האָט ארופגעוואָרפנ אפנ קאָפּ אנ אלטע פאטשיילע אונ קרעכצנדיק פארלאָזנ די כאטע. דער אלטער האָט שווער אָפּגעזיפצט, א קוק געגעבנ אפנ פענצטער אונ בייז אויסגעשפּיגנ.

---

1 סאָלטים — דאָרפ־סטאַראָסטע.

— נאָ דיר נאָכעמ אָפּ דער עלטער פֿונ אַנ אײנ־אונ־אײנציקנ זונ... — האָט ער מיט ביטערניש אונ פֿאַרדראָס צו זיכ אַלײנ גערעדט.

פֿונװײַטנס האָט זיכ געהערט אַ בײזער בילנ פֿונ דאָרפֿישע הינט אונ די קװיטשערײַ פֿונ שפּילנדיקע קינדער.

די רײַטער זײַנענ צוגעריטנ צו אַ גרויס, ברויג הילצערנ הויז. אַפֿנ גאַנעק האָט זײ באַגעגנט אַ הויכער, ברײטפּלײציקער עלטערער פּויער מיט קלײנע לאַכנדיקע, כיטרע אויגנ אונ פּאַטריאַרכאַלער װײַסער באָרד. ער האָט האַכנאָעדיק זיכ טיפֿ פֿאַרנײגט.

— איכ, גרים דעמ הער קאָמענדאַנט. מיט װאָס האָב איכ די ערע?

דער קאָמענדאַנט האָט זיכ צעלאַכט, אַראָפּגעשפּרונגענ פֿונ פֿערד אונ צוגעבונדנ עמ צומ פּלויט. דאָס זעלבע האָט געטאָנ דער פּאָליציאַנט. דער קאָמענדאַנט, אַ הויכער בלאָנדער דרײַסיק־יאָריקער מענטש אינ אַ בלויענ פּאָליצײ־אוניפֿאָרמ האָט זיכ באַגריסט מיטנ פּויער.

— פֿאַרבעט אונדז אינ שטוב אַרײַנ. דרויסנ איז קאַלט.

דער פּויער האָט גאַסטפֿרײַנטלעכ אויסגעשפּרײט זײַנע הענט אונ זיכ װידער פֿאַרנײגט.

— איר זײַט שטענדיק אַנ אָנגעלײגטער גאַסט בא מיר, הער קאָמענדאַנט.

אַלע דרײַ זײַנענ ראַש אַרײַנ אינ הויז. דער באַלעבאָס האָט זײ אַרײַנגעפֿירט אינ אַ גרויס ליכטיק צימער. קעגנ איבער דער טיר אינ װינקל איז געהאַנגענ אַ גרויסע אײל־איקאָנע פֿונ דער „הײליקער מוטער“, לעבנ װעלכער עס האָט געקאָפּטשעט אַ שמוציק לעמפּל. די מעבל אינ צימער — אַ מישמאַש פֿונ דאָרפֿישע טאַפּטשאַנעס מיט אַ ביליקער שטאָטישער שראַנק, טיש אונ שטולנ. די פּאָליציאַנטנ האָבנ זיכ ברײט צעזעצט. דער קאָמענדאַנט האָט װי צו זיכ אַלײנ אַרויסגעבורטשעט:

— טײַװלאָניש קאַלט דרויסנ.

דער באַלעבאָס האָט כיטרע אַ שמײכל געטאָנ, געעפֿנט די טיר, װאָס האָט געפֿירט אינ אַ צװײט צימער, אונ אַרײַנגעשריענ:

— מאַרפֿאַ, זײַ מעכאַבעד אונדזערע געסט. דו װײסט דאָכ װאָס דער הער קאָמענדאַנט האָט ליב.

דער קאָמענדאַנט האָט צופֿרידנ אַ שמײכל געטאָנ.

— צו דיר לוינט זיך באַטש צו פאַרפאָרן, מאַטיוכע. מע קאָן זיך בא דיר אָנוואַרעמען און א ביסל אָפּרוען פון דער פארשאָלטענער ארבעט. ווו איז נאַדקע?

אפֿן באַלעבאָס געזיכט האָט זיך באַוויזן אַן אומצופרידענע גרימאַסע. מיט א פאַרשטיקטן קאָל האָט ער אָפּגעענטפערט:

— זי איז אוועק צו דער פוילישער לערערן.

די פּאַליציאַנטן האָבן זיך שמייכלענדיק איבערגעקוקט.

— דו האָסט א שיינע טאָכטער, מאַטיוכע.

דער באַלעבאָס האָט ניט געענטפערט, געפאָרעט זיך ארום די טעלער, געשניטן ברויט, ארויסגענומען א פלעשל בראָנפן און שטום אוועקגעשטעלט עס אפֿן טיש. די פרוי האָט ארײַנגעטראָגן פארשיידענע צובײַסנס, זיך שטיל באַגריסט און פארלאָזן דאָס צימער.

א לענגערע צײַט האָט קיינער ניט גערעדט. די פּאַליציאַנטן האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט, געטרונקען. דער באַלעבאָס האָט שטום געקוקט אויף זיי און געשוויגן.

אָפּגעגעסן, האָט דער קאָמענדאַנט שארף זיך אויסגעדרייט צום באַלעבאָס.

— וואָס הערט זיך אין דאָרף?

— אַלץ אין אָרדענונג.

— מיר האָבן אַנדערע ידיעות.

— אַשטייגער?

— די קאָמוניסטן גרייטן עפּעס צום ערשטן מײַ. האָסטו דאָ ניט געזען קיין אויפרופן? איז דיר ניט ארײַנגעפאַלן אין די הענט קיין קאָמוניסטישע צײַטונגען? ניין? בא דיר איז אַלץ אין אָרדענונג? און די פויערים האָבן עס יאָ געזען.

— קיין אויפרופן האָב איך ניט געזען. זיי וועלן דאָך מיר ניט זאָגן, אַז זיי גרייטן זיך צו דעמאָנסטרירן. איר ווייסט דאָך, אַז זיי היטן זיך פאַר מיר.

— מאַטיוכע, דו באַהאַלטסט אויס פון דער מאַכט — דעם קאָמענדאַנטס שטים האָט געדראָעט.

דער באַלעבאָס האָט געמאַכט א פאַרצווייפלטע באַוועגונג.

— איך ווייס ניט, וואָס דער הער קאָמענדאַנט וויל. אַלץ וואָס איך ווייס גיב איך אײַך איבער. איך קאָן שוין סײַווי ניט אדורכגיין

די גאַס. אַלע שרײַענ מיר נאָכ „פּױלישער אַגענט, שפּיאָנ, פּאַרקױפטער נעפעש, „פּאַרעטער". די יונגנט דראָעט אונטערצוציענ מיר דאָס הױז. נאָדקענ לאָזנ זײ איכ ערגעצ ניט צו, באַװאַרפנ זי מיט זידלװערטער, איר אײנציקע באַקאַנטע איז די פּױלישע לערערנ. אונ איר האָט נאָכ אַלצ טײַנעס צו מיר.

— דו האָסט ניט פאַרגעסנ, װיאַזױ דו ביסט געװאָרנ סאָלטיס? צי געדענקסטו װעמענ די פּױערימ האָבנ געװאָלט אַלס סאָלטיס? איכ אונ דער סטאַראָסטע[1], אָט װער עס האָט דיכ געװײלט. מיר האָבנ געהאָפט, אַז דו װעסט זײַנ דאַנקבאַר דער פּױלישער מעלוכע. דו, אָבער, שײַנט מיר, שפּילסט א צװײדײַטיקע שפּיל. קײנמאָל װײסטו פונ גאָרניט, דרײסט זיכ אַרױס פונ געבנ קלאָרע יעדיעס. שטענדיק האַרפ מענ בײַ דיר עפּעס אַרױסקװעטשנ. מענ איז מיט דיר אומצופרידנ.

— איר װילט, הער קאָמענדאַנט, אַז מע זאָל מיכ סאָפקאָלסאָפ מאַכנ מיט א קאָפּ קירצער.

דער קאָמענדאַנט האָט בײז א קלאַפּ געטאָנ אָנ טיש:

— װאָס קלאַנגסטו שטענדיק? אונדז דראָעט יעדנ טאָג דער טױט. אונ מיר טוענ אונדזער פליכט. זײ װעלנ דיר ניט װאַגנ קײנ שלעכטס טאָנ. מיר װאָלטנ דאָס גאַנצע דאָרף פאַרניכטעט. מיט װעמענ ביסטו, מיט פּױלנ אָדער מיט די אָפּגעריסענע כאַמעס און בונטאָװשטשיקעס?

— איכ בינ געטרײַ פּױלנ. דאָס, װאָס איכ בינ אױכ א װײַסרוס...

— דו האָסט אופגעמאָנט די שטראָפּ בײַ די פּױערימ?

— װאָס פאַר א שטראָפּ?

— דו מאַכסט זיכ פאַרגעסנ. דו האָסט דאָכ באַקומענ די אָפּיציעלע מעלדונג, אַז דער סטאַראָסטע האָט אַרופגעלײגט א שטראָפּ פונ 50 זלאָטעס 2 אָפּ אַלע עלטערנ פונ די קינדער, װעלכע האָבנ געזונגענ אינ שול װײַסרוסישע רעװאָלוציאָנערע לידער, באַלײדיקט פּילסודסקיס בילד אונ אױסגעפײַפט די לערערנ. װאַשינסקי האָט דאָכ דיר איבערגעגעבנ די ליסטע פונ די קינדער.

---

1 סטאַראָסטע — רעגירונג־נאַטשאַלניק פונ א ראַיאָנישער טעריטאָריע.

2 אָ פּױלישע מאָטבײע — 22 קאָפּ.

— דער קאָמענדאַנט, צווישנ די עלטערנ געפינענ זיכ אייניקע באַשעווע, רײַכע פויערימ, וואָס זײַנענ ניט קיינ בונטאָווששיקעס, עס וואָלט געווענ אנ אוולע זיי צו באַשטראָפנ.

דער קאָמענדאַנט האָט זיכ אפ א ווײַלע פאַרטראַכט אונ א שמייכל געטאָנ.

— איכ פאַרשטיי. דו ווילסט באַפרײַענ פונ שטראָף דײַנע גוטע פרײַנט. גוט, איכ בינ מאַסקעמ. באַשטימ מיט וואַשינסקענ וועמענ צו באַפרײַענ. בא די איבעריקע מוז די שטראָף אופגעמאָנט ווערנ.

די טיר האָט זיכ פלוצעמ געעפנט אונ ס'איז אַרײַנגעלאָפנ א פאַרוויינט יונג מיידל, אָנגעטאָנ אינ א העלנ שרײַענדיקנ שטאָטישנ מאַנטל. דער קאָמענדאַנט האָט זיכ שנעל אופגעהויבנ אונ איז צוגעגאַנגענ צו איר.

— וואָס איז געשענ, פרײַלנ נאַדקע, פאַרוואָס האָסטו געוויינט — ער האָט זיכ באַמיט איר אַרומצונעמענ.

נאַדקע, א מיטלוווקסיקע שאַטענקע מיט קלאָרע בלויע אויגנ אונ א קײַלעכדיק ווײַס געזיכט, עטוואָס בײַג קערפער האָט זיכ לײַכט אַרויסגעריסנ פונ אימ.

— לאָז מיר. ס'איז שוינ אומעגלעכ אַדורכצוגיינ די גאַס. יעדנ טאָג שטיי איכ אויס אַנדערע באַליידיקונגענ. הײַנט האָבנ מיר זײַערע פּאָנערנ באַוואָרפנ מיט בלאָטע, געשריענ „דעמ קאָמענדאַנטס קאַבאַנקע, מאָסערקע, פראָוואָקאַטאַרקע“. — דאָס מיידל האָט זיכ היסטעריש צעוויינט.

דער קאָמענדאַנט האָט אומבאַמערקט צופרידנ א שמייכל געטאָנ, נאָר באַלד געמאַכט אַנ ערנסט געזיכט.

— ווער האָט געשריענ?

דאָס מיידל האָט אופגעהערט צו וויינענ אונ דערשראָקנ א קוק געטאָנ אפנ קאָמענדאַנט.

— איכ וועל ניט זאָגנ. איכ האָב אַזוי אויכ גענוג אויסצושטיינ פאַר דעמ, וואָס איכ האָב אײַכ געזאָגט וועגנ דימיטרינ. אויב זיי וועלנ געוואָר ווערנ, אַז איכ האָב ווידער גערעדט, וועלנ זיי מיר דערהאַרגענענ.

— האָב ניט קיינ מורע, מירנ אָפהאַקנ די הענט בא די אָפגעריסענע קאָמוניסטנ!

דערווײַל האָט ער זיך דערנעענטערט צו איר און אַרומגענומען זי. זי האָט עס ווי ניט באַמערקט און געשטאַמלט.

— איך וועל ניט זאָגן, איך האָב מורא.

דער פֿאָטער האָט זיך שטום צוגעקוקט צו דער דאָזיקער סצענע, נאָכגעשפּירט נאָך די באַוועגונגען פֿונעם קאָמענדאַנט. ער איז האַרט צוגעגאַנגען צו איר.

— גיי אַרײַן, נאַדקע, צו דער מאַמען, הער אוף צו רעווען. מירן דערנאָך מיט דיר ריידן.

— און איר מיינט אַלץ, אַז איך בין צו ווייניק געטרײַ דער פּוילישער מלוכה! — אין מאַטיוכעס שטים האָט געקלונגען נידערגעשלאָגנקייט און רעציכע.

דער קאָמענדאַנט האָט געשפּרײַזט נערוועז איבערן צימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרופֿגעלייגט זײַן האַנט אַף מאַטיוכעס.

— דו זעסט אַליין, וווּהין דײַן וועג פֿירט. סײַווי האַסן זיי דיר, סײַווי וועלן זיי דיר רופֿן פֿאַררעטער. קיין גוטס לעבן מיט זיי וועסטו שוין קיינמאָל ניט האָבן. זײַ אונדזערער אַ מענטש און מיר וועלן דיר שטיצן. דו ווייסט, אַז מיר קאָנען עס.

מאַטיוכע האָט אַ לאַנגע צײַט געשוויגן.

— איך בין מאַסקעם אַף אַלץ. איך וועל זיי ניט מוחל זײַן די באַליידיקונגען, נאָר מײַן טאָכטער, הער קאָמענדאַנט, לאָזט צורו. איר מיינט דאָך ניט ערנסט.

דער קאָמענדאַנט האָט אומצופֿרידן זיך אָפּגערוקט פֿון אים.

— איר, פּויערים, זײַט אַ מאָדנער פֿאָלק. אין אַלץ זעט איר באַלד שלעכטס. דײַן טאָכטער איז אַ שיין מיידל. ס'איז אָנגענעם מיט איר צו פֿאַרברענגען. אַרום איז ניטאָ מיט וועמען צו ריידן. אין שטאָט וואָלט קיינעם ניט אײַנגעפֿאַלן צו ריידן וועגן אַזוינע נאַרישקייטן. ס'וואָלט געווען באַטירלעך. און דאָ, — „לאָזט צורו", וואָס, איך וועל זי אויפֿעסן. מע דאַרף זי לערנען, שיקן אין אַ שול, און דו פֿאַרשטייסט דאָס ניט.

דער באַלעבאָס האָט שטום זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז בראָנפֿן און מיטאַמאָל זי אויסגעטרונקען. ער האָט זיך ווידער געצייילעמט אַנקעגן דער איקאָנע און אַוועקגעזעצט זיך. דער קאָמענדאַנט האָט זיך צוגעזעצט האַרט צו אים.

— ווו איז דימיטרי?

— ער באהאלט זיכ אוימ ערגעצ אינ וואלד. איכ רעכנ, אז היינט באנאכט וועט ער קומענ אינ דארפ.

דער קאמענדאנט האט אופגעלעבט.

— פונ וואנענ ווייסטו?

— נאדקע האט אינדערפרי פארבײַגייענדיק פארבײַ גאווריליענקאס כאטע געהערט ווי דער יונגער איוואנ האט צו עמעצנ אנ אומבא־קאנטנ געזאגט: „היינט באנאכט". מיסטאמע דארפ היינט באנאכט זײַנ זייערע א פארזאמלונג. אפ זייערע א פארזאמלונג קומט ער מאמער. ער איז דאכ זייער פירער.

— דאס איז וויכטיק, — האט זיכ באמ קאמענדאנט ווי קעגנ זײַנ ווילנ ארויסגעכאפט. — דער אומבאקאנטער איז נאכ אינ דארפ?

— ניינ, ער האט בלויז גערעדט מיטנ יונגנ גאווריליענקא אונ טיי־קעפ אוועק. נאדקע האט געזענ.

— א שאד, דאס מוז זײַנ א וויכטיקער העכט. הער, די ליסטע פונ די קאמוניסטנ, וואס דו האסט מיר געגעבנ, איז א פולע?

— מער האב איכ דערווײַל ניט צוצוגעבנ.

— גוט, מיר האבנ באקומענ א באפעל צו ארעסטירנ אלע פאר־דעכטיקע אינ קאמוניזמ פארנ ערשטנ מײַ. אזוי־ארומ וועלנ מיר צעש־טערנ זייער יאנטעוו. היינט באנאכט אונ מארגנ וועלנ מיר אײַנאר־דענענ מאסנ־רעוויזיעס אונ ארעסטנ. אבער איכ באדארפ דימיטרינ. ס'איז מיר דערעסנ שוינ ארומצוזוכנ אימ. מיר וועלנ איצט פארלאזנ דאס דארפ, דאס זאל הייסנ, אז מיר זײַנענ אוועק. שפעט באנאכט וועלנ מיר צוריקקומענ. דימיטרינ באדארפ איכ.

די פאליציאנטנ האבנ זיכ שנעל געזעגנט מיטנ באלעבאס אונ פארלאזנ דאס דארפ.

אנדריי אונ דימיטרי

מיט א טיפ ארײַנגערוקטער פאטשיילע איבערנ פאנעם האט די פרוי פארזיכטיק פארלאזנ די כאטע, אומקוקנדיק זיכ קעסיידער צי באמערקט זי ניט עמעצער. זי האט אריבערגעשפרײַזט די בלאטיקע דארפישע גאס אונ פארשווּנדנ אינ אנ ארעמער האלב־אײַנגעפאלע־נער כורווע.

אפ דער שוועל פונ הויז איז געזעסנ א יונגער, ווײַסהאָריקער, דאַ־
דער אָפגעריסענער ייִנגל אונ מיט פארכאָלעמטע אויגנ געקוקט אינ
הימל ארײַנ. דערזענ די פרוי, וואָס האָט זיכ צו אימ דערנענטערט,
איז ער שנעל אופגעשפרונגענ אונ צוגלײַכ מיט איר ארײַנ אינ שטוב.

— וואָס איז די מומע אזוי אופגערעגט?

— ווו איז די מאמע? — האָט זי ניט ענטפערנדיק אפ זײַנ פראַ־
גע, צוריק געפרעגט.

— די מומע ווייס דאָכ, אז זי איז הײַנט אוועק וואשנ וועש צומ
פאָרעצ ליאכאָווסקי. — האָט ער פארוואונדערט אָפגעענטפערט.

אפנ צעקנייטשטנ, פארדרײַנטנ געזיכט האָט זיכ באוויזנ א צופרי־
דענער שמייכל.

— זייער גוט, זייער גוט — האָט זי סוידעסדיק געשמייכלט צומ
ייִנגל.

— וואָס איז גוט, מומע?

די פרוי האָט זיכ מיד אוועקגעזעצט אפ אנ אלטער אָפגעריבענער
לאנגער באנק בא דער וואנט אונ, ווי מוירע האָבנדיק, אז עמעצער
זאָל ניט אונטערהערנ, האָט זי מיט דער האנט א ווונק געטאָנ צו
אימ, אז ער זאָל צוגיינ נעענטער.

דאָס ייִנגל האָט מיט שטומענ כידעש זיכ דערנענטערט.

— וואָס איז געשענ? — האָט ער אויכ שטיל געפרעגט.

— דו האָסט געזענ די פאָליציאנטנ ארײַנרײַטנ אינ דאָרפ?

דעמ ייִנגלס פארכאָלעמטע אויגנ האָבנ א בליצ געטאָנ מיט א
בייזנ פײַער. זײַנע יונגע דאַרע פליוצעס האָבנ זיכ אויסגעגליכנ אונ
ברייטער געוואָרנ. מיט א קאָל, וואָס איז פרי געשטעלט געוואָרנ,
האָט ער ליידנשאפטלעכ אויסגעשריגנ:

— זיי זוכנ ווידער דימיטרינ?

די פרוי האָט שטומ צוגעשאָקלט מיטנ קאָפ. זי האָט זיכ צוגע־
בויגנ צומ ייִנגלס אויער אונ שטיל אימ ארײַנגעשעפטשעט:

— דימיטרי קלײַבט זיכ הײַנט בײַנאכט קומענ אינ דאָרפ.

— מומע, איכ וועל אימ וואָרענענ. איכ וועל א גאנצע נאכט ניט
שלאָפנ — ער האָט זי אָנגעכאפט בא דער האנט, ער האָט אינגאנצנ
געברענט פונ אופרעגונג.

— אנדריי, וואָס וועט די מאמע דײַנע זאָגנ, געוויר ווערנדיק,

אז איכ האָב דיר געשיקט, — האָט די פרוי מיט צווייפל און שרעק געפרעגט.

אנדריי האָט מיט פאַרדראָס א קוק געטאָנ אַפ איר.

— איכ בינ ניט מער קיינ קינד. איכ בינ א פּיאָנער. פאַר דימיטרינ זײַנענ מיר אַלע גרייט צו גיינ אינ פײַער. זײַט רויִק, די מאַמע וועט ניט וויסנ.

— געדענק, אנדריי, דײַנ סאָפ וועט אויכ זײַנ אינ טפיסע, — נאָר כאַפּנדיק זיכ גלײַכ, אַז זי איז ניט געקומענ מוסער זאָגנ אים, האָט זי א שולדיקנ שמייכל געטאָנ און אַרויסגעשטאַמלט: — אָרעמע מאַמע... אנדריי, געדענק, אויב דו וועסט ניט זײַנ פאָרזיכטיק, מאַכסטו זיכ און דימיטרינ אומגליקלעכ.

דער 14-יאָריקער אנדריי האָט מיט א גליקלעכ געזיכט, זיכ ערנסט צוגעהערט צו די דערקלערונגענ פונ דער מומענ, וויאַזוי צו געפינענ דימיטרינ. ער האָט זיכ טייקעפ געלאָזט אינ וועג צומ וואַלד.

ס'איז שוינ געווענ שטאַרק פינצטער, ווענ אנדריי האָט דערגרייכט דעמ וואַלד. מיטנ אינסטינקט פונ א וואַלדקינד האָט ער זיכער און דרייסט געשפּרײַזט אינ דער פינצטער, ער האָט געטאַפּט פונ איינ סטעזשקע אַפ דער צווייטער. איינ געדאַנק האָט אים באַהערשט: אויספילנ די שליכעס. נאָכ צוויי שעה גיינ האָט אנדריי זיכ אָפּגעשטעלט. ער האָט א לאַנגע צײַט זיכ אײַנגעהערט צו דער וואַלד-שטילקײַט. אינ וואַלד איז געווענ רויִק. ער האָט אַרײַנגעשטעקט צוויי פינגער אינ מויל און אַרויסגעלאָזט א לאַנגנ, אויסגעצויגענעמ פײַפ. אינ קורצנ האָט זיכ ניט ווײַט דערהערט א שאַרפער אָפּגעהאַקטער פײַפ.

— ער איז דאָ, — האָט אנדריי פריידיק אויסגעשריִענ און זיכ געלאָזט לויפנ. ער האָט אינ דער פינצטער זיכ אָנגעשטויסנ אַפ א ווײַט-אַרויסשטאַרצנדיקנ וואָרצל, אומגעפאַלנ און באַקומענ א שטאַרקנ קלאַפ. ער האָט א הויכנ קרעכצ געטאָנ און שנעל אויפגעשפּרונגענ.

— ווער גייט? — ער האָט דערהערט דימיטריס באַקאַנטע הייזעריקע שטימ.

— איכ, אנדריי.

דימיטרי איז ווי אויסגעוואַקסנ פונ אונטער דער ערד. אינ דער פינצטערניש האָט אנדריי ניט געקאָנט זענ זײַנ פּאָנעמ. פונ דימיט-

רים קליידער האָט זיכ געפילט דער ריעכ פונ בלאָטע. דימיטרי האָט אָנגענומענ אנדרייענ בא דער האנט אונ אימ אוועקגעזעצט אפּ אַנ אָפּגעהאַקטנ בוימ.

— וואָס טוסטו דאָ אינ וואַלד אזוי שפּעט?

— איכ בינ געקומענ צו דיר!

— צו מיר? — דימיטרי האָט זיכ צעלאַכט, — וואָס איז, דיכ, קליינער, זוכט שוינ אויכ די פּאָליציי?

— ניינ, — האָט אנדריי ווי שולדיק געענטפערט. — מע האָט מיר געשיקט צו דיר.

ער האָט איבערגעגעבנ וועגנ דער פּאָליציי אונ דעמ משאד, אז זיי זײַנענ ווידער געקומענ אימ זוכנ.

דימיטרי האָט שטומ אויסגעהערט אנדרייענ אונ א לאַנגע צײַט דער־נאָכ אויכ געשוויגנ. ביידע זײַנענ געבליבנ זיצנ פאַרטראַכט. אנדריי האָט שווער געסאָפּעט אונ לאַנגזאַמ געקומענ צו זיכ. דימיטרי האָט צערט־לעכ צוגעטוליעט צו זיכ אנדרייענ, ווי ער וואָלט זיכ צוגעהערט צו זײַנ האַסטיקנ אָפּגעהאַקטנ אָטעמ. דערנאָכ האָט ער ווי ניט ווילנדיק אימ א גלעט געטאָנ איבערנ קאָפּ.

— וואָס רעכנסטו איצט צו טאָנ, דימיטרי?

די דאָזיקע פראַגע האָט דימיטרינ ארויסגעריסנ פונ דער קורצער פאַרטראַכטקײַט. ער איז אופגעשפּרונגענ אונ גענומענ זיכ האַסטיק שפּאַנענ הינ אונ צוריק.

— א שאָד, די הײַנטיקע פאַרזאַמלונג וועט שוינ ניט פאַרקומענ. ס'איז גלײַכער אזוי. מיסטאָמע וועלנ הײַנט באַנאַכט פאַרקומענ רעווי־זיעס אונ ארעסטנ. די פּאָליציי־הינט גרייטנ זיכ אויכ צומ ערשטנ מײַ. כאָטש מיכאיל האָט מיסטאָמע געוואָרנט, אז די כאַווײרימ זאָלנ ניט שלאָפנ אינ דער היימ. גיכ איבער איוואַנענ... — ער האָט זיכ פּלוצעמ אָפּגעשטעלט אונ אָפּגעהאַקט איינמיטנ.

— וואָס איבערגעגעבנ? — האָט אנדריי איבערגעריסנ דאָס אומגע־ריכטע שווײַגנ.

דימיטרי, ווי ניט הערנדיק, האָט פאַרגעזעצט:

— ס'קאָנ זײַנ, אז איוואַנ וועט הײַנט באַנאַכט ארעסטירט ווערנ. אויב איוואַנ ווערט ארעסטירט, דעמלט גיב איבער גאַטאַשענ, אז זי דאַרפ מאָרגנ קומענ אינ דאָרפ פונ פריצישנ גוט. גיב איבער, אז דער

קרײַז-קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי האָט באַשלאָסנ פאַר יעדער פּרײַז אײַנצואָרדענענ דעמ דאָזיקנ ערשטנ מײַ א דעמאָנסטראַציע אינ שטאָט. אינ דער דעמאָנסטראַציע דאַרפנ אָנטיילנעמענ די אַרבעטער פונ דער הוטע, פונ דער ציגל-פאַבריק, די איבעריקע אַרבעטער און פויערימ פונ די אַרומיקע דערפער. דער קרײַז-קאָמיטעט לייגט באַזונדערע האָפענונגענ אַפ אונגאַרישע ראַיאָנ. 12 אַזייגער באַטאָג האַרפ זיכ אָנהייבנ די דעמאָנסטראַציע אַפנ שטאָטישנ מאַרק-פּלאַץ. אונדזערע דאַרפנ זײַנ אינ שטאָט פאַר 12. זיי זאָלנ ניט פאָרנ און גייג צוזאַמענ. עס וועלנ זיכער זײַנ פּאָליצייִשע זאַסטאַוועס אַפ די וועגנ און ראָגאַטקעס. זאָלנ זיכ אונדזערע צעוואַרפנ און אײַנציקווײַז פאַרטאָג און שפּעטער זיכ אַרײַנקריגנ אינ שטאָט. די דעמאָנסטראַציע וועט זיכ אָנהייבנ, ווענ עס וועלנ זיכ ענדיקנ די טפילעס אינ די קלויסטערס און ס'וועט זיכ באַווײַזנ א רויטע פאָנ. אַלע דאַרפנ זיכ זאַמלענ אַרומ דער פאָנ. פאַרשטאַנענ?

אַנדריי האָט שטומ געשאָקלט מיטנ קאָפּ.

— זאָל מענ צו וויסנ געבנ די נאָענטע דערפער לע און גע — דו ווייסט דאָכ. אינ די איבעריקע ערטער האָט מענ שוינ צו וויסנ געגעבנ. אַלע באַוויירימ, וואָס זײַנענ באַוווּסט דער פּאָליציי, זאָלנ ניט שלאָפנ אינ דער היימ. דער קאָמיוג איז הײַנט אינפאָרמירט געוואָרנ וועגנ זײַנע אויפגאַבנ. גיב איבער זענאָנענ אינ נאָמענ פונ פּאַרטייִשנ ראַיקאָמ, אַז מיר לייגנ באַזונדערע האָפענונגענ אַפ דער יוגנט. די יוגנט מוז זיכ פאַרנעמענ מיט פאַרשפּרייטנ ליטעראַטור, אויסהענגענ פענער, מאָלנ לאָזונגענ, מוז מאַסנווײַז זײַנ פאַרטראָטנ אַפ דער דעמאָנסטראַציע. אויכ די פּיאָנערנ דאַרפנ באַווײַזנ, וואָס זיי קאָנענ. דער ערשטער מײַ האַרפ זײַנ אַנ עקזאַמענ אויכ פאַר אײַכ, קינדער.

— אַפ דער דעמאָנסטראַציע? — האָט אַנדריי האַסטיק געפרעגט.

— ניינ, — האָט דימיטרי א שמייכל געטאָנ, — ניט דאָס איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פאַר די פּיאָנערנ. אײַער זאַכ איז העלפנ צו פאַרשפּרייטנ אויפרופנ, פאַנאַנדערוואַרפנ זיי אינ די כאַטעס, אויפקלעפּנ אַפ די סלופּעס, העלפנ אויפהענגענ פענער, ווו עס וועט נאָר מעגלעכ זײַנ, העלפנ מאַכנ די דערפער רויט אינ טאָג פונ ערשטנ מײַ.

— און אַפנ סאָלטיסעס הויז און אַפ דער קירכ מעגנ מיר אויפהענגענ א פאָנ? — האָט אַנדריי שטיפעריש א פרעג געטאָנ.

דימיטרי האָט זיכ צעלאַכט.

— מעגנ מעגט איר. נאָר דעמ סאָלטיסעס בייזער הונט וועט ניט איינעמ פונ אײַכ ארויסרײַסנ דאָס פלייש פונ הינטנ. מ׳וועט אײַכ נאָכ ארעסטירנ. פאָרזיכטיק, קליינוואַרג.

— דײַגעט ניט וועגנ הונט. יורעק שפּײַזט שוינ דעמ הונט א גאנצע וואָכ מיט פלייש. ער האָט דערהאַרגעט דער פּוילישער לערערקעס צוויי הינער און איז איצט א גאנצער פאַניבראַט מיטנ הונט. מיר האָבנ באַשלאָסנ, אז יורעק זאָל אופהענגענ די פאָנ.

— גוט, — האָט דימיטרי א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט, — קינדער, איכ זאָג נאָכאַמאָל, זײַט פאָרזיכטיק.

— מיר זײַנענ ניט קיינ קינדער און שפּילנ זיכ ניט — האָט אנדריי א באַליידיקטער אָפּגעענטפערט.

— נו, נאָר ניט באַליידיקט זיכ, אנדריי. אָט וואָס דו זאָלסט געדענקענ, זײַט פאָרזיכטיק מיטנ סאָלטיס, באַזונדערס מיט זײַנ טאָכטער. די דאָזיקע אויסוואורפנ זײַנענ פּוילישע שפּיאָנענ.

— מיר ווייסנ דאָס. מיר האָבנ אָרגאַניזירט אַלע קינדער. מיר פאַרביטערנ איר דאָס לעבנ. מע באַוואַרפט איר מיט שטיינער. הײַנט האָבנ מיר איר אײַנגעאָרדנט אזא מוזיק, אז זי וועט עס געדענקענ.

— איכ ווייס דאָס. דערפאַר דאַרפ מענ זײַנ נאָכ מער פאָרזיכטיק. זי האַסט אונדז אַלעמענ און איז גרייט אפ אַלצ, אַבי זיכ נוקעמ זײַנ.

— אפ דער דעמאָנסטראַציע זאָלנ די פּיאָנערנ גיינ, דימיטרי? — האָט אנדריי ווידער א פרעג געטאָנ.

— איכ האָב שוינ געזאָגט, אז ניט דאָס איז אײַער וויכטיקסטע אופגאַבע. איר דאַרפט אינ דעמ דאָזיקנ טאָג אויסנוצנ אַלע אײַערע קויכעס, קעדיי דאָס דאָרפ זאָל זײַנ קאָמוניסטיש רויט. די וויכטיקסטע זאַכ איז העלפנ, אז די דעמאָנסטראַציע זאָל זײַנ א געלונגענע. איר קאָנט א סאַכ טאָנ, — אויסשטעלנ וואַכנ אפ די וועגנ, וואָס פירנ צו דער שטאָט — „רויטע קוריערנ“, דו ווייסט דאָכ, און וואָרענענ די דעמאָנסטראַנטנ פאַר דער פּאָליציי. אויסגעפינענ, וועלכע וועגנ זײַנענ פרײַ, פאַרבינדנ די איינצלנע גרופּנ. דאָס איז א גרויסע הילפ, און דאָס קאָנט איר אונדז געבנ. אויב דאָס וועט אײַכ געלינגענ, וועט די דעמאָנסטראַציע זיכער אדורכ מיט דערפאָלג. דערמיט וועלנ מיר אָרגאַניזירנ פונ אײַכ א שטענדיקע גרופּע „רויטע קוריערנ“.

אנדריי איז געווענ אנציקט פונ דעמ דאָזיקנ פאַרשלאָג. „רויטע־קוריערנ“, היטנ די וועגנ... פאַרלויפנ דער פּאָליציי דעמ וועג... פאַרבינדנ די דעמאָנסטראַנטנ...

— אָט דאָס הייסט ריכטיקע רעוואָליוציאָנערע ארבעט. — די יונגע פאַנטאַזיע האָט זיכ צעשפּילט. ער האָט זיכ געזענ גייענ פאָרויס א טויזנטקעפּיקנ אוילעמ, ווי אלע גייענ נאָכ זײַנ, אנדרייס, אָנפירונג.

— גוט, דימיטרי. מאָרגנ רופ איכ צונויפ א פאַרזאַמלונג פונ די פּיאָנערנ, — ער האָט גערעדט ערנסט, ווי א דערוואַקסענער, אונ דימיטרי האָט געקוואָלנ פונ אימ — מיר וועלנ אויסארבעטנ א פּלאַנ, וויאַזוי אדורכצופירנ דאָס, וואָס דו הייסט.

— מאָלאָדיעצ, אנדריי! עס קאָנ אויסוואַקסנ פונ דיר א גוטער קאָמוניסט. דעריקער — האַלטנ די צונג טיפ אינ מויל. ניט פּלאַפּלענ, ניט רימענ זיכ. קיינעמ ניט דערציילנ, אפילע עלטערע כאַווייירימ, אז דו ביסט געווענ בא מיר. וואָס ווינציקער ריידנ וועטנ דער דעמאָנסטראַציע. קיינער דאַרפ דערווײַל נאָכ ניט וויסנ ווו, אינ וואָס פאַר א צײַט עס וועט פאָרקומענ די דעמאָנסטראַציע, ביזנ טאָג פונ ערשטנ מײַ. פאַרשטאַנענ?

— זײַ רויִק, איכ ווייס ווי צו האַלטנ דאָס מויל.

— נו, ס'איז צײַט דו זאָלסט גיינ אהיימ. נא, דאָ האָסטו א פּעקל אופּרופנ. איכ האָב זיי געוואָלט אליינ ברענגענ. איצט באַזאָרג זיי דו. גיב זיי איבער איוואַנענ אָדער נאַטאַשענ. נאָר זײַ פּאָרזיכטיק. באַהאַלט זיי גוט. עס וועלנ זיכער זײַנ רעוויזיעס. זײַ געזונט, אנדריי.

אנדריי האָט אָנגעכאַפּט דימיטריס האַנט, ניט געלאָזט אימ אוועקגיינ.

— ווו וווינסטו, דימיטרי? — האָט ער מיט קינדערישער נײַגעריקײַט געפרעגט.

דימיטרי האָט א שמייכל געטאָנ.

— ווו איכ וווינ? קומ, וועל איכ דיר ווײַזנ מײַנ פּאַלאַצ.

ער האָט אָנגענומענ אנדרייענ פאַר דער האַנט אונ שטומ אימ געפירט אינ דער וואַלד־פינצטערניש. אָפּגייענדיק עטלעכע מינוט, איז ער שטיינ געבליבנ, געהייסנ אנדרייענ וואַרטנ אונ פאַרשוווּנדנ. אנדריי האָט זיכ צוגעהערט צו דימיטריס שנעלע שווערע טריט, געהערט דאָס פאַנאַנדערוואַרפנ פונ צווײַגנ, דאָס פאַלנ פונ א שווערנ שטיינ, א

שווערנ קרעכצ פונ א מענטשלעכער ברוסט. דימיטרי האָט זיכ ווידער דערנעענטערט, אָנגענומענ אַנדרייענ באַ דער האַנט. זיי זײַנענ אָפּגעגאַנגענ נאָכ א פּאָר טריט, אַנדריי האָט דערפילט, ווי די ערד גליטשט זיכ אימ ארויס פונ אונטער די פיס. א שטאַרקער ריס באַ דער האַנט אונ ביידע זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ טיפ אינ דער ערד. אַנדריי האָט זיכ דערשראָקנ אומגעקוקט.

די פינצטערניש האָט אײַנגעהילט דעמ וואַלד. די ביימער האָבנ זיכ געשאָקלט אונ סוידעסדיק גערוישט. א פרילינג־ווינט האָט מיט א פײַפ שטיפעריש געשפּרונגענ פונ צווײַג אַפּ צווײַג. טאַפּנדיק מיט די הענט האָט אַנדריי זיכ אָנגעשטויסנ אַפּ ענגע פײַכטע ערדענע ווענט, די הייכ פונ א מענטשלעכנ וווקס. אונטער די פיס איז געלעגנ אויסגעשפּרייט פאַרדומפּענע פײַכטע היי אונ א דורכגענעצטע גראָבע דעקע.

אַנדריי האָט ציטערנדיק מיטנ גאַנצנ קערפּער זיכ געטוליעט צו דימיטרינ. אומבאַגרענעצטע ליבע אונ פאַרגעטערונג צומ עלטערנ כאַווער האָט באַהערשט דאָס צאַפּלדיקע יינגל.

דימיטרי האָט זיכ אָנגעבויגנ, צערטלעכ ארומגענומענ אַנדרייענ אונ אַפּ די הענט אימ ארויסגעטראָגנ פונ דער הייל.

— נו, זײַ געזונט, מײַנ טײַערער. זע, פאַרבלאָנדזשע ניט. גיי ארײַנ אינ דאָרפ אומבאַמערקט.

— ווענ וועל איכ דיר זענ, דימיטרי.

— איכ וויים ניט ווענ. נאָר יעדיִעס פונ מיר וועט איר זיכער האָבנ.

דער וואַלד האָט שטורמיש, סוידעסדיק גערוישט. די ביימער האָבנ זיכ געשאָקלט. פינצטערע שאָטנס האָבנ זיכ אויסגעשפּרייט איבערנ גאַנצנ וואַלד. א מידער איז אַנדריי פאָרזיכטיק געגאַנגענ אַהיימ. אימ האָט זיכ אָפּטמאָל געדאַכט, אַז די שאָטנס זײַנענ פאַרהאַסטע פּאָליציאַנטנ, וועלכע יאָגנ זיכ נאָכ אימ. ער האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט, ווענ ער איז ארויס פונ וואַלד.

דער ווינט האָט אינ דער נאַכט־פינצטערניש אויסגעפײַפט א קאַמפּלוסטיקע ליד.

נאכט-רעוויזיעס און ארעסטנ

דאָס דאָרף איז געלעגנ אײַנגעהילט אינ טיפער נאכט-פינצטערניש. די אָרעמע כאַטעס האָבנ זיכ נאָכ נידעריקער געבויגנ צו דער ערד. די שווערע שטילקייט איז פונ צייט צו צייט איבערגעריסנ געוואָרנ דורכ א ווויענ פונ א הונגעריקנ הונט. מענטשנ, מידע פונ זאָרגנ אונ שווערע ארבעט זײַנענ אומרויִק געשלאָפנ. דער נאכט-וועכטער, אײַנגעהילט אינ אַנ אלטנ אָפּגעריבענעמ צוגענעמ פּעלצ, האָט זיכ מיד אָנגעלענט אָנ דעמ איינציקנ דאָרפ-סלופּ לעבנ דעמ ברוינעמ הויז פונעמ סאָלטיס. ער האָט פארוואונדערט געקוקט צומ פענצטער פונ מאַטיוכעס צימער, ווו עס האָט אינ דער שפּעטער נאכט געברענט ליכט.

— וואָס איז געשענ מיט מאַטיוכענ, — האָט דער נאכט-וועכטער געטראַכט. — אזוי שפּעט באַנאַכט ברענט בא אימ ליכט. וועלכע שווי-דימ לאָזנ אימ ניט שלאָפנ?

דאָס קוקנ אינ סאָלטיס פענצטער איז אימ דאָכ גיכ נימעס געוואָרנ. ער האָט פונ פארדראָס א שפּײַ געטאָנ אונ זיכ געלאָזט גייִנ איבערנ וועג. א קודלאַטער דאָרפישער הונט האָט זיכ געטוליעט צו אימ. ער האָט פאריסנ די אויגנ צו זײַנ באלעבאָס אונ זיכ באַמיט צוצופּאַסנ זײַנע הינטישע טריט צו די מענטשלעכע.

— עכ, מאַזעפּע, — האָט דער נאכט-וועכטער מיט ליבשאַפט זיכ אויסגעטײַנעט מיטנ הונט. — וועמענ היטנ מיר עס יעדע נאכט? די דאָרפישע אָרעמקייט? קיינ משוגענער הונט וועט בא זיי ניט גאַנווע-נענ. ניטאָ וואָס, מײַנ טײַערער. אלע הונגערנ. אלע האָבנ געשוואָלענע בײַכער. דאָס מענטשלעכע לעבנ איז איצט געוואָרנ א הינטישעס. דו, מאַזעפּע, האָסט הײַנט געהונגערט. מיר נאָגט אויכ באַמ הארצנ.

דער הונט, ווי ער וואָלט פארשטאַנענ די מענטשלעכע רייד, האָט ראַכמאָנעסדיק א ביל געטאָנ אונ געדריקט זײַנ קודלאַטנ קאָפּ צומ וועכטערס פיס.

— שאַ, מאַזעפּע, ניט בילנ. ס'וועט דיר, ברודעריקע, ניט העלפנ. נײַע פאראָרדענונגענ. דער קאָמענדאַנט אונ דער סאָלטיס האָבנ מיר געהייסנ נאָכשפּירנ ווער פונ די פויערימ גייט שפּעט באַנאַכט ארומ אינ דאָרפ, פונ וועלכע כאַטעס זיי גייענ ארויס. איבערגעבנ זייערע נע-מענ. ניינ, ברודערקע, דאָס איז ניט מײַנ זאַכ. איכ בינ ניט קיינ פּאָלי-

שער שפּיאָנ. אַ קרענק זײַ אינ די ביינער. האַ, מאַזעפּע. מיר האָבנ גאַרניט צו די קאָמוניסטנ. זיי האָבנ אונדז ניט צוגענומענ אונדזער ברויט. זאָלנ זיי אַרבעטנ, קלעפּנ אופרופנ, דאָס איז ניט אונדזער זאַכ. מיר זענענ טיט, מיר ווייסנ פונ גאַרניט.

דער נאַכט-װעכטער האָט זיכ שטיל צעלאַכט און איז פּלוצעמ שטיל געבליבנ. פונ וויטנס האָט זיכ דערטראָגנ דאָס צאַקענ פונ פערדישע קאָפּיטעס. די טריט האָבנ זיכ אַלצ דײַטלעכער געהערט. זיי האָבנ זיכ שנעל דערנענטערט צומ דאָרפ.

— האַ — האָט דער װעכטער שטיל אויסגעשריגנ, — פּאָליציי!.. מאַטיוכע וואַרט שפּעט באַנאַכט אַפּ געסט. הינטישער זונ!.. פאַרקויפט זיכ צו פרעמדע, צו סאָנים...

ער האָט האַסטיק אַוועקגעשפּרונגענ. ער האָט זיכ פאַרקערעוועט אָנ אַ זײַט און איז אַלצ שנעלער געגאַנגענ, קימאַט געלאָפנ. מאַזעפּע איז מיט פאַרוואונדערטע אויגנ נאָכגעלאָפנ זײַנ באַלעבאָס, ניט פאַרשטייענדיק די פּלוצעמדיקע מענטשלעכע אופרעגונג. דער װעכטער איז צוגעלאָפנ צו אַנ אָפּגעזונדערטער אינ פעלד כאַטע און שטיל אָנגעקלאַפּט אינ פענצטער.

— ווער איז? — האָט זיכ דערהערט פונ הויז אַנ איבערגעשראָקענע שטימ.

— איכ. קיריל.

— שטיי, איכ קומ גלײַכ אַרויס.

די טיר האָט זיכ ראַש געעפנט. אַ יונגער בלאָנדער פויער אינ איינ העמד האָט זיכ באַוויזנ אפנ שוועל.

— וואָס איז געשענ? — האָט ער דערשראָקנ געפרעגט.

— איוואַנ, דו הערסט? — האָט קיריל שטיל אַ זאָג געטאָנ.

— פּאָליציי?.. אַ דאַנק דיר, קיריל, דו ראַטעוועסט מיר שוינ דאָס צווייטע מאָל. איכ וועל דיר דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסנ.

— עכ, וואָס איז דאָ צו דאַנקענ. ווענ איכ וואָלט געווענ יינגער, וואָלט איכ אַליינ געגאַנגענ צו די קאָמוניסטנ. זע בעסער צו פאַרשווינדנ. מיסטאָמע וועלנ זיי מאַכנ דעמ ערשטנ וויזיט צו דיר.

קיריל איז שנעל אַוועק.

דער קאָמענדאַנט מיט צוועלפ פּאָליציאַנטנ זײַנענ שנעל אַרײַנגעריטנ אינ דאָרפ. זיי האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט באַמ סאָלטיסעס הויפ

אונ אראָפּ פונ די פערד. די פּאָליציי, באַוואָפנטע מיט ביקסנ האָבנ
שטיל אונ אופגערודערט גערעדט צווישנ זיכ.

— שטילער, — האָט זיכ דערהערט דעמ קאָמענדאַנטס שטימ.

דער קאָמענדאַנט איז פארשוונדנ אינ דער כאַטע. די פּאָליציאַנטנ
האָבנ צוגעבונדנ די פערד צומ פּלויט אונ געוואַרט. אייניקע מינוטנ
שפּעטער האָט זיכ באַוויזנ דער קאָמענדאַנט מיטנ סאָלטיס. זיי האָבנ
צוגערופנ דעמ נאַכט=וועכטער, וועלכער האָט זיכ שוינ ווידער באַוויזנ
דערנעבנ אונ באַגלייט פונ די פּאָליציאַנטנ האָבנ זיי אָנגעהויבנ די
רעוויזיעס אונ אַרעסטנ.

דער קאָמענדאַנט האָט געהאַלטנ אינ האַנט א פּאַפּיר מיט פאַר=
שריבענע נעמענ אונ שטיל אָנגעוויזנ דעמ סאָלטיס אונ נאַכט=וועכטער,
אינ וועלכע הײַזער מע זאָל אימ פירנ. כאַטעס זײַנענ ארומגערינגלט
געוואָרנ. מענטשנ זײַנענ דאָרט אופגעוועקט געוואָרנ פונ שלאָפ. דאָס
רויִקע דאָרפ האָט זיכ אופגעכאַפּט מיט ראַש. ס׳האָבנ זיכ געהערט
פארצווייפלטע געוויינענ פונ פרויענ, גראָבע קלאָלעס פונ די פּאָלי־
ציאַנטנ.

— מערדער!.. מײַנ אייניציקנ שפּײַזער נעמט איר צו... אוי, אליאָ־
שא, וואָס ווילנ זיי פונ דיר... האָט ראַכמאָנעס אפ מײַנ זונ, ער איז
אומשולדיק...

דאָס דאָרפ האָט גערוישט. הײַזער האָבנ זיכ אינ דער נאַכט=פינצ-
טערניש צעפּראַלט. די פויערימ זײַנענ אינ פּאַניק געלאָפנ, געשפּרונ-
גענ איבער פּלויטנ. בייזע געשרייענ פונ פּאָליציאַנטנ.

— שטייט בלײַבנ! מיר שיסנ! האַלט, האַלט! ס׳וועט אײַכ ניט
העלפנ. דאָס דאָרפ איז ארומגערינגלט... ער איז ארײַנ אינ דעמ דאָ־
זיקנ גאָרטנ...

אייניקע ביקסנ=שאָסנ האָבנ אָפּגעהילכט אינ דער לופטנ. געשרייענ
פונ געשלאָגענע האָבנ זיכ צונויפגעמישט מיט היסטערישנ געוויינ פונ
די פרויענ.

לאַנג האָט געדויערט די רעוויזיע בײַ דימיטריס עלטערנ. דער קאָ=
מענדאַנט, בייז, וואָס ס׳איז אימ ווידער ניט געלונגענ צו אַרעסטירנ
דימיטרינ, האָט געשאָלטנ אונ געזידלט, אדורכגענישטערט אונ צע־
שטערט אלצ אינ דער כאַטע. ער האָט זיכ געוואָרפנ שלאָגנ דעמ אלטנ
פאָטער, געדראָעט אימ אַרעסטירנ. דער אַלטער האָט טרייסלענדיק

זיכ געשוואָרנ, אַז ער ווייסט ניט, וווּ זײַנ זונ איז. די פּאָליציאַנטנ זײַ-
נענ געקראָכנ אינ שפּײַכלער, אינ שטאַל, געקלעטערט אפנ בוידעמ, אַראָפּגעלאָזט זיכ אינ ברונעמ.

— ניטאָ. אומעטומ געזוכט, הער קאָמענדאַנט. — האָבנ די פּאָליציאַנטנ פאַרסאָפּעטע געמאָלדנ.

— אומעגלעכ! — האָט זיכ דער קאָמענדאַנט געבייזערט — איכ האָב זיכערע יעדיעס, אַז ער איז אינ דאָרפ. — איבערנישטערנ דאָס גאַנצע דאָרפ. אומעטומ זוכנ... דו, מאַטיוכע, וועסט גיינ מיט די פּאָליציאַנטנ. די אַרעסטירטע דערווײַל פאַרשליסנ אינ שול. אַוועקשטעלנ אַ וואַכ. איכ וועל וואַרטנ אפנ רעזולטאַט בײַ מאַטיוכענ אינ הויז. איכ האָב זיכ אויסגעהונגערט. דײַנ ווײַב וועט דאָכ מיר געבנ עפּעס צו עסנ, האַ, מאַטיוכע.

דעמ סאָלטיסעס געזיכט איז פינצטער געוואָרנ. ער האָט געוואָלט עפּעס אָפּענטפערנ, נאָר דער קאָמענדאַנט האָט אימ ניט געלאָזט קומענ צומ וואָרט.

— מאַרש, אַרומרינגלענ דאָס דאָרפ. קיינעמ ניט אַרויסלאָזנ. געפינענ דימיטרינ, איוואַנ גאַווריליענקאָ, ליטעראַטור!..

אינ דאָרפ זײַנענ געגאַנגענ די רעוויזיעס. די פּאָליציאַנטנ האָבנ געטריבנ די אַרעסטירטע אינ דער דאָרפישער שול. פרויענ אונ קינדער האָבנ מיט געוויינ אונ קלאָלעס אַרומגערינגלט די פּאָליציאַנטנ מיט די אַרעסטירטע. הינט האָבנ בייז געבילט, געוואָרפנ זיכ מיט רעציכע אפ די פרעמדע געסט. די נאַכט איז אָנגעפילט געוואָרנ מיט איימע אונ מענטשלעכנ צאַפּל.

דער קאָמענדאַנט האָט זיכ געלאָזט מיט שווערע טריט צו מאַטיוכעס הויז. אפנ גאַנעק איז געזעסנ אײַנגעהילט אינ אַ פּאַטשיילע מאַטיוכעס ווײַב אונ דערשראָקנ זיכ צוגעהערט צומ גוואַלדיקנ טומל אינ דאָרפ. זי האָט זיכ פרומ געציילעמט אונ אײַנגעטײַנעט.

— הייליקע מוטער, באַהיט אונ באַשירעמ אונדז פונ שלעכטס אונ פונ בייזע מענטשנ. זאָל כאָלילע קיינ בייז ניט געשענ: מײַנ מאַנ מאַטיוכע, מײַנ טאָכטער נאַדקע אונ דײַנ דינסט מאַרפּאַ.

דער קאָמענדאַנט האָט מיט אַ גראָבנ געלעכטער איבערגעריסנ איר געבעט.

— מײַנע מאַרפּאַ, איכ בינ הונגעריק. אַ פאַרשאָלטענע אַרבעט.

א פּאָלק אַ הינטישעס. אומעטום בונטאָווּשטשיקעס. ניטאָ קיינ רו ניט באַטאָג ניט באַנאַכט. דאָס מענטשלעכע לעבנ איז גאָרניט ניט ווערט. גיב עפּעס איבערבײַסנ.

מאַרפֿאַ האָט זיכ נאָכאַמאָל איבערגעציילעמט אונ אַרײַנ אינ הויז. דער קאָמענדאַנט איז איר נאָכגעגאַנגענ. זי האָט אַוועקגעשטעלט אַפֿנ טיש א פֿלעשל בראַנפֿנ, ברויט, הערינג, א געבראָטנ שטיקל פֿלייש אונ אַוועק אינ קיכ אויפֿשטעלנ טיי. דער קאָמענדאַנט, א הונגעריקער, האָט זיכ געוואָרפֿנ צום טיש, געגאָסנ אינ זיכ איינ גלאָז בראַנפֿנ נאָכ דער אַנדערער אונ איז אַלצ מער אונ מער שיכּורער געוואָרנ. ער האָט געוואָרפֿנ לײַדנשאַפֿטלעכע בליקנ אַפֿ דער טיר, וואָס האָט געפֿירט צו נאַדקעס צימער. אַפֿ זײַנ צעהיצטנ, שיכּורנ געזיכט האָט זיכ באַ־וויזנ א טײַוועדיקער אויסדרוק.

מאַרפֿאַ האָט אַרײַנגעטראָגנ טיי. פֿונ צווייטנ עק דאָרפֿ האָט זיכ דערטראָגנ א פֿאַרצווייפֿלטער געשריי פֿונ א געשלאָגענער פֿרוי. ס'האָבנ אָפּגעהילכט איינציקע ביקסנ־שאָסנ. דער קאָמענדאַנט איז אויפֿגעשפּרונ־גענ.

— מאַרפֿאַ, זיי בונטעווענ זיכ. מע דאַרפֿ זיי אַלע דערשיסנ, ווי די הינט. גיי איכ בעט דיכ, ווער געוווּר וואָס טוט זיכ אינ דאָרפֿ. איכ בינ מיד אונ דערצו האָב איכ א ביסל צופֿיל געטרונקענ, ס'פּאַסט ניט אַזוי צו ווײַזנ זיכ.

ער האָט זי גראָב אָנגענומענ אונ ניט וואַרטנדיק אַפֿ איר האַס־קאָמע, אַרויסגעשטויסנ זי פֿונ צימער. איינציקע סעקונדנ איז ער גע־שטאַנענ, צוגעהערט זיכ צו די דערווײַטערנדיקע זיכ טריט פֿונ דער פֿרוי. ער האָט זיכ אויסגעלאַסנ צעלאַכט אונ זיכ געלאָזט גייג צו דער טיר, וואָס האָט געפֿירט אינ נאַדקעס צימער.

נאַדקע איז די גאַנצע צײַט, וואָס דער קאָמענדאַנט האָט זיכ גע־פֿונענ אינ הויז, געלעגנ אומרויִק אונ מיט אָפֿענע אויגנ. זי האָט זיכ צוגעהערט, וואָס עס קומט פֿאָר פֿונ יענער זײַט טיר. דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער קאָמענדאַנט געפֿינט זיכ אַזוי שפּעט באַנאַכט בײַ זיי אינ הויז. פֿאַרוואָס איז ער בײַ זיי אָנ דעם פֿאָטער? איר האַרצ האָט אומרויִק געקלאַפּט. א געדאַנק האָט אויפֿגעבליצט — אָנטאָנ זיכ אונ אַנטלויפֿנ פֿונ הויז. נאָר פֿונ שרעק איז זי געבליבנ ליגנ אײַנגעקאָר־טשעט אונטער דער פֿערענע.

דער קאָמענדאַנט האָט זי ליב. ער האָט איר דאָס שוינ ניט איינמאָל געזאָגט. ניט איינמאָל געשוואָרנ, אַז ער וועט מיט איר כאַסענע האָבנ. זי האָט אימ זייער ליב. ער איז אַזוי שטאַרק אוּנ שיינ אינ זיינ פּאָליציי-מונדיר. ווענ ער קושט זי, כאַפּט אַרומ איר מיידלשנ קערפּער אַ ליידנשאַפטלעכער ציטער. נאָר דער טאַטע קוקט שטענדיק בייז אויפנ קאָמענדאַנטס צערטלעכקייטנ צו איר אוּנ די מאַמע האָט איר ניט איינמאָל געוואָרנט: „געדענק, נאַדקע, ער וועט דיכ נאָכ אוּמגליקלעכ מאַכנ!" ס'קאָנ ניט זיינ — האָט זי געטראַכט. ער האָט אַזוי פײַערדיק געשווירנ אינ געטרײַשאַפט אוּנ ליבע. ער וועט זי ניט אָפּנאַרנ. אינ דאָרפ איז לעצטנס געוואָרנ אַזוי אוּמעטיק אוּנ שווער פאַר איר דאָס לעבנ. אַלע האָבנ זי פײַנט, באַליידיקנ זי. אַ שרעק, אַ סינע האָט זי אַרומגענומענ צומ דאָרפ, צו די פּויערימ. פאַרוואָס בונטעווענ זיי, די פאַרשאָלטענע קאָמוניסטנ. פאַרגינענ ניט, אַז עמעצנ גייט גוט. זיי פאַרגינענ ניט איר פאָטער זײַנע 30 העקטאַר ערד, זײַנע פּאָר קי אוּנ די פּאָר פערד. זיי זײַנענ בייז, פאַרוואָס זי כאַווערט זיכ מיט דער פּוילישער לערערנ. די לערערנ איז אַזאַ אינטערעסאַנטע. דערציילט אַזוינע פּיקאַנטע זאַכנ פונ וואַרשע, ווילנע. דאָרטנ איז דאָס עמעסע לעבנ. אַרויסרײַסנ זיכ פונ פאַרשאָלטענעמ דאָרפ. דער קאָמענדאַנט רעדט לעצטנס זייער אָפט וועגנ דעמ, אַז זי זאָל פאָרנ קיינ ווילנע זיכ לערנענ. זי וועט פאָרנ. זיי רופנ זי — פּוילישע שפּיאָנקע. נו, איז וואָס? זי האָט זיי פײַנט. זי האַסט זיי. זאָלנ זיי ניט בונטעווענ. זיי צולאָכעס וועט זי אַלצ דערציילנ דעמ קאָמענדאַנט. הײַנט האָט מענ זי ווידער שרעקלעכ באַליידיקט. מע האָט איר נאָכגעוואָרפנ שטיינער, אָנגערופנ זי „דעמ קאָמענדאַנטס קאָכאַנקע". יאָ, צולאָכעס זיי, זי האָט אימ ליב.

ווענ דער קאָמענדאַנט האָט געעפנט די טיר, האָט נאַדקע פונ שרעק אויסגעשריגנ: „ווער איז דאָרט?!"

דער קאָמענדאַנט האָט זיכ געלאָזט גיינ אינ דער פינצטער נאָכ נאַדקעס קול אוּנ מיט וואַקלדיקע טריט זיכ דערנענטערט צומ בעט. ער האָט זיכ אָנגעשטויסנ אויפ אַ שטול אוּנ מיט אַ קלאָלע אוּמגעפאַלנ אויפ איר בעט. נאַדקע, אַ דערשראָקענע, האָט אימ געפּרוּווט אָפּשטויסנ, געשטאַמלט:

— הער קאָמענדאַנט, גייט אַרויס פונ דאַנענ. איכ בינ דאָכ נאָ-

קעט. וואָס טוט איר... גייט אַרויס פֿון דאַנען, דערבאַרעמט זיך!..

דער קאָמענדאַנט האָט שיקער געלאַכט, אָנגעכאַפּט איר בײַ די הענט און זי אַנידערגעוואָרפֿן אַף די קישנס. ער האָט אַראָפּגעריסן די פּערענע און מיט ביידע הענט גענומען גראָב שאַרן איבער איר קער-פּער.

נאַקעט האָט, ציטערנדיק, אומגעלומפּערט זיך געווערט, אים אָנגע-כאַפּט פֿאַר די הענט, אומבאַהאָלפֿן געבעטן זיך:

— וואָס טוט איר?.. איר מאַכט מיר אומגליקלעך... איך בין דאָך א מיידל... גיין... גייט אַרויס פֿון דאַנען... לאָזט זיך מיר אָפּ... איר זײַט דאָך א גוטער!

ער האָט לײַדנשאַפֿטלעך געברומט, אַרײַנגעיאָגט איר אין געזיכט דעם רייעך פֿון בראַנפֿן און שווייס און געפּליסטערט:

— האָב ניט קיין מורע... איך וועל מיט דיר כאַסענע האָבן... שרײַ ניט... — ער האָט געריסן שטיקער פֿון איר העמד, גראָבנדיק זיך אַלץ טיפֿער אין איר קערפּער. זי האָט זיך שוואַך געווערט, געפֿילט איר הילפֿלאָזיקייט. זי האָט דערפֿילט, ווי אירע מיידלשע איליוזיעס ווערן אויסגערונען. זי האָט זיך צעכליפּעט.

איר ווערן זיך און געוויין האָט אַרײַנגעבראַכט דעם קאָמענדאַנט אין ווילדער רעציכע.

— שטיל בלײַבן!.. ס'וועט באַלד ווערן אַן אויפֿגעלאָף אַרום הויז.

ער האָט זיך אַרופֿגעוואָרפֿן אַף איר קערפּער. א ווייטיקדיקער געשריי ווי פֿון א געקוילעטער בהמה האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון הויז און פֿאַרשטומט געוואָרן אינעם קאַלטן נאַכטיקן דרויסן.

ווען די רעוויזיעס אין דאָרף זײַנען געווען פֿאַרענדיקט, האָט שוין געטאָגט. אין שול זײַנען אַרײַנגעוואָרפֿן געוואָרן א צוויי צענדליק אַרעסטירטע. די פּאָליציאַנטן, בייזע און מידע פֿון א גאַנצער נאַכט אַרומלויפֿן, האָבן גראָב, מיט די ביקסן-קאָלבעס געטריבן די אַרעס-טירטע פּויערים פֿון שול אַף דער גאַס. זיי זײַנען אַרופֿגעריטן מיט די פֿערד אַף די וויינענדיקע פֿרויען, געטראָטן זיי מיט די קאָפּיטעס. זיי האָבן זיך געאײַלט צו פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. דער קאָמענדאַנט האָט גאַלאָפּירט אַף זײַן ברוין פֿערד און אָפּגעגעבן זײַנע לעצטע באַ-פֿעלן. אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט פּאָליציאַנטן, זײַנען די אַרעסטירטע געטריבן געוואָרן אין דער נאָענטער טפֿיסע.

די גאס איז פול געווענ מיט א שרעקלעכנ געוויינ פונ די פרויענ אונ קינדער פונ די ארעסטירטע פויערים.

אירע אונ סעמיאָנ

דער וואָקזאַל אינ דער פּעראָנ זיינענ געווענ איבערפולט מיט א פאַרשיידנאַרטיקנ עולם: פויערים אונ פויערטעס מיט זעק אונ קוישנ, בערדיקע ייִדנ מיט פּעקלעך אונ טשעמאָדאַנעס זיינענ פאַר־שמייעט געלאָפנ אהינ אונ צוריק, ענערגיש איינגעטייענעט איינער מיטנ צווייטנ, יאָגנדיק זיכ ערגעץ. א פּאָרעץ אָנגעטאָנ אינ א ברייטנ בערע־נעמ פוטער האָט גאַדלעכדיק ארומגעשפּאַצירט מיט א גראָבנ ציגאַר אינ מויל. ער האָט מיט פאַראכטונג געקוקט אויפנ ארומיקנ עולם. עטלעכע סאָלדאַטנ מיט מיידלעך אינ טיכלעך אויף די קעפּ האָבנ פריי־לעכ ארומגעשפּאַצירט, צוויי באַנ-פּאָליציאַנטנ זיינענ געשטאַנענ פונ ביידע זייטנ פּעראָנ אונ גלייכגילטיק געקוקט אויפנ ארומיקנ עולם.

א הויכער, בלאָנדער, געזונטער באָכער האָט זיכ ארומגעדרייט מיט א שטעקנ אינ האַנט, אָפּגעשטעלט זיכ דאָ אונ דאָרטנ צווישנ פּובלי־קומ, פאַרויכערט א פּאַפּיראָס, שטילערהייט זיכ צוגעהערט צו גע־שפּרעכנ, אויף וועמענ געוואָרפנ א הויכדורכדרינגענדיקנ בליק אונ ווי פונ לאַנגווייליקייט ווידער אוועק אינ א שפּאַציר.

דער עולם האָט געטומלט, געהיצט זיכ. טייל האָבנ מידע זיכ אוועקגעזעצט אויף זייערע געפּעק, געוואַרט מיט אומגעדולד אויפנ צוג. היינט איז א מאַרקטאָג אינ שטעטל. עפּשער וועט געלינגענ צו כאַפּנ א פּאַרדינסטל, א פּאָר זלאָטעס אויף יאָנטעוו.

דער בלאָנדער האָט זיכ פּלוצעמ אָפּגעשטעלט לעבנ דעמ וואָקזאַל־לאָמטערנ אונ פאַרזיכטיק געוואָרפנ א בליק אויף א בלייכנ יונגערמאַנ, וואָס איז געשטאַנענ אָנ א זייט לעבנ פּלויט מיט א טשעמאָדאַנ אינ דער האַנט. דער יונגערמאַנ איז רויִק געשטאַנענ אונ געקוקט אָנ דער זייט, פונ וועלכער עס האָט זיכ געלאָזט באַווייזנ דער צוג. ווי ער וואָלט דערפילט דעמ שטעכיקנ בליק, האָט ער זיכ לאַנגזאַמ אויסגעדרייט אונ זייערע אויגנ האָבנ זיכ אויף א סעקונדע צונויפגעטראָפנ. „א שפּיאָנ“ — האָט דעמ יונגערמאַנ א טשאָכקע געטאָנ אינ געדאַנק. „א קאָמוניסטי־

שער קוריער מיט ליטעראטור" — האָט פריידיק אויסגעטאַנצט דער געדאַנק באַם בלאָנדן. דער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין רויק. דער בלאָנדער האָט ווײַטער לאַנגזאַם שפּאַצירט, גערייכערט זײַן פּאַפּיראָס.

ס'האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער הילכיקער פײַף פונעם לאָקאָמאָטיוו. מענטשן האָבן זיך געכאַפּט צו די פּעק, געשריִען איינע צו די אַנדערע, זיך דערמאָנט עפּעס. מיט ראַש, שווער סאָפּענדיק האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט. דער אוילעם איז אײַליק געשפּרונגען אין די וואַגאָנעס. די, וואָס זײַנען פאַרבליבן אויפן פּעראָן, האָבן אונטערגעטראָגן טשעמאָדאַנעס, קוישן און פּעק, זיך געזעגנט, געווונטשן עפּעס, נאָכגעשריִען.

דער יונגערמאַן האָט זיך פלינק אַדורכגעשטופּט דורכן אוילעם און איז פאַרשוווּנדן אין וואַגאָן.

קוים זיך אַרויסשטופּדיק צווישן אוילעם איז פון וואַגאָן אַרויסגעשפּרונגען אַ יונג מיידל, אָנגעטאָן אין אײַנפאַכע שטאָטישע קליידער. זי האָט זיך צונויפגעמישט מיטן אוילעם און לאַנגזאַם צוזאַמען מיט אים פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל.

דער צוג האָט פּאַמעלעך גערירט. דער בלאָנדער האָט די לעצטע סעקונדע אַרײַנגעשפּרונגען אין גייענדיקן צוג. די צוויי פּאָליציאַנטן האָבן שמייכלענדיק אים נאָכגעקוקט און פויל זיך געלאָזט גיין צום באַן-בופעט.

די אָנגעקומענע איז עטלעכע מינוט געגאַנגען צוזאַמען מיטן אוילעם. זי האָט זיך פאַרקערעוועט און אַרוים אַף דער מאַרקגאַס. פון דערווײַטנס האָט זי דערזען אַ גרויסן שמוציקן שילד: „וואַרשעווער רעסטאָראַן". זי האָט זיך געלאָזט גיין אין דער דאָזיקער ריכטונג. אַ קאַלטער פרילינג-ווינט האָט געבלאָזן פון פעלד. דאָס מיידל האָט זיך געטוליעט אין איר לײַכטן מאַנטל און דרייסט געעפנט די טיר פון רעסטאָראַן.

אין רעסטאָראַן האָט געהערשט די מאָרגן-שטילקייט. בײַ אַ זײַטיק טישל אין ווינקל זײַנען געזעסן צוויי פורמאַנעס און געטרונקען בראָנפן, פאַרביסן מיט ברויט און מאַרינירטע הערינג. זיי האָבן הויך גערעדט צווישן זיך, ניט שענקענדיק קיין שום אויפמערקזאַמקייט די אַרײַנגעקומענע. אַן עלטערע פרוי האָט מיט אַ בעזעם געריניקט דעם דיל, פאַרשאָטן אים מיט זאַמד. באַם בופעט איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי און באַטראַכט די אַרײַנגעקומענע. דער גאַסט איז צוגעגאַנגען צו איר, אַ

סעקונדע איר אויפמערקזאַם באַטראַכט און שטיל זיך געוווּנדערט צו איר:

— ביטע, דרײַ אייער ווייכע מיט סמעטענע, פּוטער און וואַרשע־ווער זעמל.

די פֿרוי באַם בופֿעט האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף די צוויי פֿורמאַנעס און שטיל איר אָפּגעענטפֿערט.

— בײַ אונדז באַקט מען ניט קיין וואַרשעווער זעמל, נאָר ווילנער.

— זאָל זײַן ווילנער, נאָר פֿרישע.

— איך וועל באַלד צו וויסן געבן.— האָט די פֿרוי באַם בופֿעט שטיל אַרויסגערעדט און הויך צוגעגעבן,— זעצט אײַך, ס'וועט באַלד זײַן פֿאַרטיק.

דער גאַסט, דאָס יונגע מיידל, האָט זיך אַוועקגעזעצט. די פֿרוי באַם בופֿעט איז אַוועק אין קיך פֿאַרטיק מאַכן די באַשטעלונג. אין איינציקע מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען, געבראַכט אויף אַ טאַץ די באַשטעלטע אייער און זעמל מיט פּוטער. אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש, אַ פֿרעג געטאָן צי זי וויל עפּעס טרינקען, שטיל צוגעגעבן: „וואַרט עטלעכע מינוט“.

די פֿורמאַנעס האָבן הויך גערעדט, עמעצן געזידלט, זיי האָבן גע־שאָלטן דעם נעכטיקן רעגן. אין רעסטאָראַן זײַנען אַרײַנגעקומען נאָך עטלעכע מענטשן. זיך צעזעצט בײַ די טישן, באַשטעלט ביר, בראָנפֿן. די בופֿעט־פֿרוי האָט פֿלינק באַדינט, געפּאָמפּעט ביר און מער ניט גע־שאָנקען קיין אויפֿמערקזאַמקייט דעם גאַסט.

אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען, האָט דער גאַסט געוואָרפֿן אַ בליק צום בופֿעט. לעבן דעם בופֿעט איז געשטאַנען אַ יינגל פֿון אַ יאָר 14־13 און פֿאַרגאַפֿט געקוקט אויף די ביר־גלעזער. די בופֿעט־פֿרוי, טרעפֿנדיק זיך מיטן בליק פֿון גאַסט, האָט פֿאָרזיכטיק אָנגעוויזן מיטן קאָפּ אויפֿן יינגל.

דער גאַסט האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום בופֿעט, אַרויסגענומען פֿון האַנט־בײַטל געלט און געפֿרעגט וויפֿל עס קומט. אָנגענומען די סומע, האָט די פֿרוי גלײַך שטיל צוגעגעבן: „גייט נאָך דעם יינגל“. דאָס יינגל, דערזעענדיק דעם גאַסט לעבן בופֿעט, האָט זיך געלאָזט גיין צום גאַס און איז פֿאַרשוווּנדן.

אַרויסגעגאַנגען פֿון רעסטאָראַן, האָט זי דערזען דאָס יינגל שטיין אויף דער צווייטער זײַט גאַס. ניט אומקוקנדיק זיך אויף איר, האָט זיך

דאָס ייִנגל געלאָזט גיינ, אונטערפײַפנדיק א פריילעכע סאָלדאַטישע מעלאָדיע. זי איז אימ פאַמעלעכ נאָכגעגאַנגענ. אדורכגייענדיק עטלעכע געסלעכ, האָט זיכ דאָס ייִנגל פארקערעוועט אינ א שמאָל, ניט באַלעבט געסל. ער איז געבליבנ שטיינ און איר געלאָזט פאָרויס, שעפּטשענדיק „גייט, איכ וועל אײַכ דעריאָגנ“. אָפּגעגאַנגענ עטלעכע מינוט, האָט זיכ דאָס ייִנגל פּלוצעמ באַוויזנ אקעגנ איר, ער האָט מיט די אויגנ אָנגעוויזנ אויפ א צווייסטאָקיק הויז און פארשוווּנדנ אינעווייניק. זי האָט זיכ לאַנגזאַמ דערנענטערט. ארײַנקומענדיק אינ הויז האָט זי זיכ אָנגעטראָפנ מיטנ ייִנגל, וועלכער איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגענ פונ די טרעפּ.

— אָט דאָ אויפנ ערשטנ שטאָק, אינ דער האָזיקער טיר. קיינער איז ניט נאָכגעגאַנגענ. אַלצ אינ בעסטער אָרדענונג, באַוואָרנט — האָט ער פריילעכ שטיל אַרויסגערעדט און פארשוווּנדנ.

דער צימער, אינ וועלכנ זי איז אַרײַנגעקומענ, איז געווענ זייער אָרעמ מעבלירט. צוויי הילצערנע בעטנ בײַ די ווענט, אינמיטנ א טיש מיט עטלעכע שטולנ, רעכטס אינ ווינקל אַנ אַלטע אָפּגעבליאַקירטע שראַנק. האַרט בײַ דער טיר — אַנ אײַנגעמויערטע קליינע קיכ. א פינפיאָריק שוואַרצהאָריק מיידעלע האָט זיכ געשפּילט אויפנ דיל מיט א ליאַלקע. דאָס קינד איז אַזוי געווענ פאַרטאָג אינ שפּיל, אַז זי האָט ניט באַמערקט די אַרײַנקומענדיקע.

לעבנ דער קיכ איז געשטאַנענ א יונגע פרוי פונ מיטעלנ וווּקס מיט ברוינע האָר און גרויסע גרויע אויגנ. זי איז געווענ אָנגעטאָנ אינ אנ אַלט, גרינ קלייד, פארצויגנ מיט א קיכ-פאַרטעכ. זי האָט זיכ אויפמערקזאַמ צוגעקוקט צו די קאָכנדיקע מילכ.

— צי קאָנ איכ זענ סעמיאָנענ? — האָט זיכ די אַרײַנגעקומענע געווענדעט.

— ער איז בײַ דער אַרבעט. ער וועט קומענ פאַרנאַכט. זעצט אײַכ. טוט אויס דעמ מאַנטל. מאַכט אײַכ היימיש. איר זײַט אַוואַדע מיד פונ וועג.

פרײַנטלעכע אויגנ, א שמייכלענדיק גוט געזיכט האָט באַטראַכט דעמ גאַסט.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקנ, — האָט די באַלעבאָסטע ווײַטער גערעדט, — די מילכ האַלט באַמ לויפנ. אָט דאָ לייגט אַוועק דעמ מאַנטל. איר זײַט אַוואַדע הונגעריק.

— אַ דאַנק, — האָט דער גאַסט געענטפערט, זעצנדיק זיכ באַמ טיש, — איכ האָב געגעסנ אינ רעסטאָראנ. צי וועל איכ קאָנענ צו־וואַרטנ בא אײַכ ביז אָוונט?

— זיכער, — האָט די באַלעבאָסטע שנעל געענטפערט, — איר וועט זיכ אויסרוענ, אָדורכשלאָפנ אויב איר ווילט. איר זײַט אַנ אומגעריכ־טער גאַסט. מע האָט זיכ אָפּ אײַכ ניט געריכט. פאַר סעמיאָנענ וועט עס זײַנ אַנ איבעראַשונג. ער וועט זײַנ זייער צופרידנ.

דער גאַסט האָט געשמייכלט, באַטראַכט די פרוי, דאָס שפּילנדיקע קינד. די שטוב־וואַרעמקײַט האָט זי אַרומגענומענ און זי האָט פלו־צעמ דערפילט אַ שרעקלעכע מידקײַט. די צווייטע נאַכט פאַרברענגט זי שוינ אינ באַנ. דאָס האָט זיכ געלאָזט פילנ. זי האָט אָנגעלענט דעמ קאָפּ אָפּ דער האַנט און געבליבנ זיצנ פאַרטראַכט.

די מילכ האָט אָפּגעקאָכט און די פרוי האָט זיכ געפּאָרעט, צו־געגרייט פרישטיק פאַרנ קינד און פאַר זיכ. דעמ קינד איז מיִעס גע־וואָרנ די שפּיל. עס האָט זיכ אָפּגעהויבנ פונ דיל און שטיל באַטראַכט די פרעמדע פרוי. די פרעמדע איז געווענ אַ יונגע פרוי פונ אַ יאָר פיר־פינפ־און־צוואַנציק. קורצע בלאָנדע האָר האָבנ זיכ געקרײַזלט אי־בער איר קליינ, קײַלעכיק געזיכט, צוגעגעבנ איר אַ קינדערישנ אויסזענ, נאָר די גרינגע טיפע אויגנ און דאָס קליינע ענערגישע מויל מיט שאַרפע קנייטשנ אַרומ די ליפּנ האָבנ אײדעס געזאָגט, אַז דער מענטש מיט אָט דעמ קינדערישנ געזיכט האָט אַ שטאַרקנ ווילנ און פיל ענערגיע. דאָס מיידעלע איז צוגעגאַנגענ צומ גאַסט און אַ צי געטאָנ פאַר אַ האַנט.

— ווי רופט מענ דיכ, מומע?

דער גאַסט האָט זיכ צעלאַכט, גענומענ דאָס קינד אָפּנ האַנט.

— אירא. און דיכ, ווי רופט מענ?

— מיכ רופט מענ רוטקע, — האָט דאָס מיידעלע ערנסט געענט־פערט, — איכ וועל דיכ ליב האָבנ, מומע אירע.

— ווי רופט מענ דײַנ טאַטנ? — האָט דער גאַסט פאַר צײַטפאַר־טרײַב געפרעגט.

— ער הייסט נאַכמענ. נאָר דער טאַטעשי איז ניטאָ אינ דער היימ. ער איז אינ וואַלד. איכ בינ אַליינ מיט דער מאַמעשי, — האָט די קליי־נע מיט שטאָלצ צוגעגעבנ.

דער גאסט האָט פרײַנדיק א קוק געגעבנ אפ דער באלעבאָסטע זי האָט זיכ פרײַנדיק צוגעזעצט צומ טיש. די באלעבאָסטע, פארשטייענדיק דעמ שטומענ פרײַנדיקנ בליק, האָט זיכ צעלאכט.

— איר האָט אוודע געמיינט, אז סעמיאָנ איז מײַנ מאנ? ניינ, מײַנ מאנ ארבעט אלס אָנגעשטעלטער אינ טארטאק פונ הער... בא מיר איז א טרעפ־פונקט פאר כאווײרימ פונ צענטער. בא מיר איז זיכערער.

— פארוואָס?

די באלעבאָסטע האָט זיכ פארויטלט.

— איכ בינ אנ אומפארטײיִשע... ס'הייסט בינעוו בינ איכ א קאָ־ מוניסטקע. נאָר אָפיציעל געהער איכ ניט צו דער פארטײ. נו, ווייסט נאָכ ניט די פאָליצײ פונ אונדז. דערפאר זײַט איר דאָ פולשטענדיק זיכער.

אירע האָט פארגעסנ אָנ איר מידקײַט אונ אופמערקזאמ באטראכט די באלעבאָסטע.

— פארוואָס־זשע זײַט איר אנ אומפארטײיִשע?

— איר שטעלט מיר אינ א פארלעגנהײַט — האָט די באלעבאָסטע ווערנדיק נאָכ מער רויט פארטראכט געענטפערט, — קיינער האָט מיר נאָכ ניט געשטעלט די דאָזיקע פראגע. פאר די היגע כאווײרימ איז עס עפעס נאטירלעכ אזוי.

זי האָט שמייכלענדיק צוגעגעבנ:

— ס'איז עפשער גלײַכער אזוי. די כאווײרימ האָבנ זיכ לאנג גע־ כאמערט, געזוכט א זיכערנ טרעפ־פונקט פאר כאווײרימ פונ צענטער. האָב איכ זיי אליינ פאָרגעלייגט מײַנ צימער. ווענ איכ וואָלט געווענ אקטיוו, וואָלט איר ניט געקאָנט דאָ זײַנ.

— אײַער מאנ ווייסט, אז איר גיט אײַער דירע פאר אונדז?

— אָ, זיכער! ער איז אויכ א סימפאטיקער פונ קאָמוניזמ. ער איז דערפונ צופרידנ. כאָטש מיט עפעס העלפנ די קאָמוניסטנ, זאָגט ער.

אירע האָט לעבהאפט באטראכט די דאָזיקע אפנ קוק פריילעכע זאָרגלאָזע פרוי, וועלכע גיט אָפ איר וווינונג פרעמדע ניט באקאנטע קאָמוניסטנ.

— האָט איר ניט קיינ מורע פאר ארעסט?

דאָס געזיכט פונ דער פרוי איז ערנסט געוואָרנ. זי האָט געוואָרפנ א צאַרטנ בליק אפנ קינד, וואָס איז געזעסנ בא דעמ גאַסט אפנ שויס אונ געשפּילט זיכ מיט איר האַנט־זייגער.

— איכ האָב א מאָל שוינ געטראַכט, אַז סאָפּקאָלסאָפּ וועל איכ אַרײַנפאַלנ אונ אַרעסטירט ווערנ. נאָר איכ גיב גערנ מײַנ וווי־ נונג פאַר דער פאַרטיי. וואָס האָב איכ צו זשאַלעווענ? מײַנ אָרעמ־ קייט? — האָט זי אָנגעוויזנ מיטנ האַנט אפנ צימער, — מיט וואָס בינ איכ בעסער פאַר אַנדערע. ריזיקירנ דאָכ פילע מיט זייער לעבנ. האָבנ דאָכ אַנדערע אויכ קינדער, אַזוי ווי איכ. איכ האָב אָפּגעמאַכט מיט מײַנ מאַנ, אַז אויב איכ וועל אַרעסטירט, זאָל ער דאָס קינד אָפּגעבנ מײַנ מאַמענ. נו, איכ האָב זיכ צערעדט אונ איר זיצט קוימ. לייגט אײַכ בעסער צו אונ רוט אָפּ א ביסל.

די באַלעבאָסטע האָט צורעכט געמאַכט א בעט, אונ דער גאַסט האָט מיט דאַנק א מידע, אינ אָנטאָנ, זיכ א וואָרפ געטאָנ אהינ אונ טויקעפ אײַנגעשלאָפנ.

ווענ זי האָט זיכ אופגעכאַפּט, איז שוינ געווענ אָוונט. אינ צימער האָט געברענט ליכט. אַנ אומבאַקאַנטער, ברייטפּלייציקער מאַנ האָט שטיל גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע. זי האָט זיכ האַסטיק אופגעזעצט אונ פאַרשולדיקט זיכ געווענדט צו די צוויי:

— געשלאָפנ א גאַנצנ טאָג. פאַרוואָס האָט איר מיר ניט אופגע־ וועקט?

די באַלעבאָסטע האָט זיכ צעלאַכט.

— איר האָט גאָרניט פאַרשפּעטיקט. איר זײַט געשמאַק געשלאָפנ, אונ מיסטאָמע גוט זיכ אויסגערוט. אָט איז כאַווער סעמיאָנ. ער איז נאָרוואָס אַרײַנגעקומענ.

סעמיאָנ איז צוגעגאַנגענ צו איר אונ אויסגעשטרעקט א ברייטע פאַרהאַרטעוועטע האַנט.

— גוטנאָוונט, כאַווערטע. מיר האָבנ זיכ ניט גערעכנט אפ אײַכ. א פאָר טאָג פאַרנ ערשטנ מײַ. צו געפערלעכ איצט צו מאַכנ רײַזעס. אינ קרײַז קומענ פאָר מאַסנ־אַרעסטנ. וואָס איז געשענ? — האָט ער נײַ־ געריק אונ לעבהאַפט געפרעגט.

זי איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגענ פונ בעט, געדריקט זײַנ האַנט.

— איר זײַט גערעכט. ס'איז איצט טאַקע געפערלעכ צו מאַכנ

רײַזעס. אין לע בין איך נעכטן שיר ניט דורכגעפאַלן. מיט א „קונצ־ זיך אויסגעדרייט פון די שפּיקעס. אָבער איך האָב וויכטיקע דירעקטיוון צו אײַך. מיר ליגן אויף אײַער קרײַז גרויסע האָפענונגען. דער דאָזיקער ערשטער מײַ דאַרף זײַן א קויכעס־פּרוּוו פאַר אונדזער פּאַרטיי. איר האָט אונדזער צירקוליאַר ניט באַקומען? — סעמיאָן האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף „ניין". — מיר ווייסן. איר האָט ניט געקאָנט באַקומען. דער קוריער איז אַרעסטירט געוואָרן. נו, האָב איך זיך אַליין געמוזט מאַטריען זײַן. — זי האָט זיך פריילעך צעלאַכט און גלײַך צוריק געוואָרן ערנסט. — זיצט, וועלן מיר זיך אַדורכריידן.

סעמיאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט, געקוקט ערנסט אויפן גאַסט, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי נאָענט און באַקאַנט, כאָטש ער האָט זי קיינמאָל אין לעבן פריער ניט געזען.

— איך מוז מוידע זײַן, — האָט ער זיך געווענדט צו איר, — אַז איך פּערזענלעך און דער גאַנצער קאָמיטעט ווערט זײַן צופרידן פון אײַער באַזוך. מיר האָבן שוין אַזוי לאַנג ניט געהאַט קיינעם פון צענטער. מיר האָבן זיך שוין געפילט פאַריאָסעמט. — האָט ער שנעל צוגעגעבן, באַמערקנדיק, אַז זי וויל אים איבעררײַסן. — מיר האָבן אײַך ניט געגעבן קיין אַדרעס. דער לעצטער טרעף־פּונקט איז דורכגעפאַלן און מיר האָבן געזוכט א זיכערן אַדרעס. קוים געפונען, כאָטש א רעסטאָראַן איז ניט איבעריק גוט פאַר פרויען.

— גוט וואָס איר אָנערקענט אײַער שולד. דרײַ כאַדאָשים ניט געבן קיין אַדרעס, דאָס איז צופיל. אַזוי איז אומעגלעך צו אַרבעטן. דאָס פאַרשווערט גוואַלדיק די אַרבעט פון צק. נו, גוט, וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער ריידן. מיר וועלן בעסער צוטרעטן צום איניען, וועגן וועלכן איך בין געקומען.

די באַלעבאָסטע האָט פאַרוווּנדערט געקוקט אויף איר, אויף דער מאָדנער ענדערונג, וואָס איז אין איר פאָרגעקומען. ס'איז ניט געווען מער די מוידע ליבלעכע מיידל, וואָס איז געזעסן מיט איר איינדערפרי און אַזוי אינטים געשמועסט. פאַר איר איז געזעסן אַן אַנדער פרוי. די גרויע אויגן האָבן געקוקט שטרענג און ערנסט. איר גאַנצע פיגור איז געווען אָנגעצויגן, פון איר גאַנצן וועזן האָט געשלאָגן ווילן און אַנטשלאָסנקייט. איר יעדעס וואָרט איז אַרײַנגעדרונגען טיף אין באַוווּסטזײַן פון די צוהערער, געצוווּנגען אויפמערקזאַם זיך צוהערן, ניט צו

פֿאַרפֿעלן קיין וואָרט. זי האָט גערעדט שטיל, נאָר טיילמאָל האָט זיך איר שטים אָפּגעהויבן, מיטגעריסן דעם צוהערער. סעמיאָן איז די גאַנצע צייט געזעסן, ניט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון איר, באַמיט זיך ניט צו פֿאַרלירן קיין וואָרט, אײַנשליסן פֿעסט אין זיקאָרן דאָס אַלץ, וואָס זי האָט דערציילט.

זי האָט אים איבערגעגעבן די לעצטע פּאַרטיי־באַשלוסן. זי האָט פֿאַר אים געשילדערט די פּאָליטישע סיטואַציע, די סאָציאַלע ענדערונגען און איצטיקע קויכעס־פֿאַרהעלטענישן אין לאַנד, די שטעלונג פֿון דער פּאַרטיי צו די דאָזיקע אַלע פֿראַגן, די דערגרייכונגען פֿון דער פּאַרטיי און אירע שוואַכע זײַטן, אונטערגעשטראָכן די וויכטיקסטע געשעענישן, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין די לעצטע כאָדאָשים: דעם גוואַלדיקן קויכעס־פֿאַרמעסט צווישן פֿאַשיזם און דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — קאָמוניזם. זי האָט פֿאַרענדיקט איר אינפֿאָרמאַציע מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער:

— אָפּשאַצנדיק די געשאַפֿענע סיטואַציע, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי באַשלאָסן צו מאָביליזירן דעם האַיאָריקן ערשטן מײַ אַלע רעוואָלוציאָנערע קויכעס פֿון לאַנד פֿאַר אַ מעכטיקער גאַמט־דעמאָנסטראַציע. די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע איז — דורך אַ ברייטער מאַסנאַגיטאַציע פֿאַרן אייננהייטלעכן פֿראָנט אײַנצואָרדענען געמיינזאַמע אינטערנאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציעס פֿון ווײַסרוסישע, פּוילישע און יידישע אַרבעטער און פּויערים אין די שטעט, שטעטלעך און דערפֿער. אײַער קרײַז איז איינער פֿון די וויכטיקסטע אין מערבֿ־ווײַסרוסלאַנד. דער דאָזיקער ווינטער איז געווען זייער אַ שווערער. אין דאָרף הערשט הונגער. די פּויערים גייען אַרום מיט געשוואָלענע בײַכער. ס'בושעווען עפּידעמיעס. ס'איז גענוג איבערצולייענען די אָפֿיציעלע פֿאַשיסטישע פּרעסע, כדי צו באַקומען אַ בילד פֿון דער שרעקלעכער נויט, וואָס עס הערשט אין דאָרף. די אַרבעטער און פּויערים זײַנען פֿאַרביטערט און אויפֿגערעגט אויף דער מאַכט. ס'האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גוואַלדיקער ברענשטאָף בײַ די מאַסן. אונדזער פּאַרטיי האָט אַלטע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס אין אײַער קרײַז. ניט איינמאָל שוין זײַנען דאָ פֿאָרגעקומען שטורמישע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען. די דירעקטיוון פֿון צענטראַל־קאָמיטעט זײַנען, אַז איר מוזט אײַנאָרדענען אין שטאָט אַ מעכטיקע מײַ־דעמאָנסטראַציע און אַרײַנציען די פּויערים פֿון אַלע אַרומיקע דערפֿער אָנטייל־

צונעמענ איג איר. איר מוזט טייקעף מאביליזירנ אלע פאראנענע קווכעס, ווארפנ דעמ גאנצנ אקטיוו איג די פאבריקנ אונ אינ דארפ.

זי האט א ווײַלע געשוויגנ אונ ווײַטער פארגעזעצט:

— מיר ווייסנ, די צײַט איז קורצ אונ די ארעסטנ האבנ זיכ פארשטארקט. מיר פארשטייענ די גוואלדיקע שוועריקײַטנ, וואס אײַכ שטייענ פאר. דאכ האפט דער צענטראל־קאמיטעט, אז אײַער ארגאניזאציע וועט שטיינ אפ דער הייכ פונ דער דאזיקער וויכטיקער אופגאבע. ס'איז ניט אונדזער שולד, וואס איכ בינ געקומענ אזוי שפעט צו אײַכ. ווי נאר מע האט באקומענ פונ אײַכ אנ אדרעס האט מענ מיכ ארויסגעשיקט.

סעמיאנ האט א לאנגע צײַט געשוויגנ, איבערגעכאזערט איג געדאנק אלצ, וואס ער האט געהערט פונ איר. ער האט אנגעכאפט איר האנט אונ ווארעמ, כאווערישע זי געדריקט.

— א דאנק, כאווערטע. איר האט מיכ אופגעלעבט. איכ באדויער נאר, וואס נאר איכ אײנער האב אײַכ געהערט. כ'וועל זיכ באמיענ איבערצוגעבנ אלצ, וואס איכ געדענק, די כאווײרימ.

— איכ האב געהאט בעדייע צונויפצורופנ דעמ קאמיטעט. נאר דער פארטיי־סעקרעטאריאט, געמענדיק איג אכט, אז ס'איז פארנ ערשטנ מאל, האט מיר שטרענג פארבאטנ דאס צו טאנ. ער האט מיר אנגעזאגט, אז איכ זאל זיכ זענ נאר מיט אײַכ אונ מער מיט קײנעמ ניט.

— דער סעקרעטאריאט האט ריכטיק געהאנדלט. — האט זיכ סעמיאנ לעבהאפט אפגערופנ. — ס'איז אזוי אויכ א גרויסע געפאר פאר אײַכ. צונויפרופנ איצט דעמ קאמיטעט מיט אײַכ צוזאמענ וואלט איכ ניט ריזיקירט. לעצטנס איז באזונדערז זייער אומרויִק. אוסאכ ארעסטנ זײַנענ פאר מיר אומפארשטענדלעכ — האט ער אומעטיק צוגעגעבנ.

— דערציילט, וואס הערט זיכ בא אײַכ.

סעמיאנ האט אינ פאשעטע ווערטער געשילדערט די אלגעמיינע לאגע אינ קרײַז אונ אינ דער פארטיי־ארגאניזאציע. די גוואלדיקע שוועריקײַטנ, וואס די ארגאניזאציע לעבט לעצטנס איבער. די שטימונג צווישנ די ארבעטער אונ די פויערימ האט זיכ לעצטנס זייער ראדיקאליזירט. נאכ קײנמאל האט די פארטיי ניט געהאט אזעלכע גרויסע סימפאטיעס צווישנ די מאסנ, ווי איצט. יעדעס ווארט פונ דער פארטיי ווערט לעבהאפט אופגעכאפט פונ די מאסנ. באזונדערס אומרויִק איז דאס דארפ, וואס ווארט אומגעדולדיק אפ רעוואליוציאנערע מײַסימ.

ס'קומט אָפטמאָל אויס אויפצוקלערנ אונ צו קעמפנ קעגנ טייל היצ־קעפ, וועלכע פאָדערנ, אַז די פארטיי זאָל טייקעפ רופנ צו א באוואָפנט אויפשטאַנד. אפ פארטיי־פארזאמלונגענ אינ דאָרפ קאָנ מענ אָפטמאָל הערנ אזעלכע טענעס: „אפ וואָס וואַרטנ מיר נאָכ? אלע זײַנענ מיר גרייט צו קעמפנ פאַר דער ראַטנמאַכט. גענוג גערעדט אונ אגיטירט!.. ניטאָ מער קיינ קויכעס צו ליידנ... זאָל דער צענטראַל־קאָמיטעט אונדז הייסנ זיכ נעמענ צום געווער. אלע ווי איינער וועלנ מיר אויפשטיינ". אזעלכע רייד קאָנ מענ הערנ ניט נאָר פונ פארטייִשע, נאָר פונ צענדליקער אומפארטייִשע.

ער האָט געבראַכט אייניקע בילדער, וועלכע האָבנ כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע שטימונג. אינ ראַיאָנ לע האָט זיכ געבילדעט א טעראָריסטישע גרופּע פונ א מאַנ צוואַנציק אונטער דער אָנפירונג פונ אייניקע געוועזענע כאַווייריִמ, וועלכע זײַנענ אַרויסגעטראָטנ פונ דער פארטיי, ווייל די פארטיי איז קעגנ אינדיווידועלנ טעראָר. דער באַוווסטער געראַסימ איז זייער פירער. זיי באַפאַלנ איינצלנע פּאָליציאַנטנ אונ מאָרדנ זיי. זיי צינדנ אונטער די כאַטעס פונ פוילישע שפּיאָנענ אונ קאָנפידענטנ. אינ א סאַכ ראַיאָנענ צינדנ אונטער די פויערימ אלײנ די הײַזער פונ די באַלעגופימ, ווענמענ מע איז כוישעד, אַז זיי גיבנ איבער דער פּאָליציי יעדיעס. אַנ איינצלנעמ פּאָליציאַנט וועט איר איצט קיינמאָל ניט טרעפנ אינ דאָרפ, זיי האָבנ מוירע. זיי קומענ גרופּעסווײַז, טיילמאָל אפילע מיט קוילנוואַרפערס.

— אונ דער טעראָר? — האָט אירע אימ איבערגעריסנ.

— עס האָט זיכ פאַרשטאַרקט דער טעראָר. מע שלאָגט מערדערלעכ יעדנ איינעמ אַרעסטירטנ — איז ער שולדיק אָדער אומשולדיק. מע אַרעסטירט מאַסנווײַז, אינ די הונדערטער אונ מע שלאָגט אזוי לאַנג, ביז עמעצער האַלט ניט אויס אונ הייבט אָנ צו שיטנ. מיט אייניקע טעג צוריק האָבנ פּאָליציאַנטנ אינ דאָרפ יקע דערטרונקענ א יונגנ כאַווער. זיי האָבנ אימ לאַנג געפּײַניקט, פאַרלאַנגט פונ אימ ער זאָל אַרויסגעבנ די אָרגאַניזאַציע. דער כאַווער האָט זיכ געהאַלטנ העלדיש, געשוויגנ. דעמאָלט האָבנ זיי אימ אַרומגעבונדנ מיט א שטריק אונ אַראָפּגעלאָזט אינ ברונעמ, דראָענדיק, אַז אויב ער וועט ניט זאָגנ, וועלנ זיי אימ דערטרינקענ. די שטריק האָט זיכ אָפּגעבונדנ אונ ער איז אַרײַנגעפאַלנ אינ וואַסער. אַרויסגענומענ האָט מענ אימ

שוינ א טויטנ. אפנ פאליציי־פאסטנ אינ שטעטל רע האט מענ די ארעסטירטע אזוי לאנג געשלאגנ, אז איינער איז געבליבנ טויט גלײַכ אפנ ארט און די איבעריקע דרײַ קעמפנ ביז איצט מיטנ טויט אינ שפיטאל. פונ אומעטום קומענ די זעלבע שרעקלעכע יעדיִעס. איבער־הויפט איזדיעקעווענ זיי זיכ איבער ארעסטירטע פרויענ — ער האט ניט ווילנדיק א קוק געטאנ אפ די צוויי פרויענ און די האנט האט אימ אנגעהויבנ ציטערנ — מע טוט זיי אויס נאקעט, מע זידלט זיי מיט געמיינסטע ווערטער, מע באמיט זיכ זיי צו דערנידעריקנ און באשמוצנ אלס פרויענ. אפט שענדט מענ זיי.

ער איז געבליבנ זיצנ א ווײַלע, געטראכט שווער און ווײַטער פארגעזעצט:

— ראָס שווערסטע און פײַנלעכסטע איז די פראָוואָקאציע. דער באַוווסטזײַנ, אז צווישנ אונדז געפינט זיכ איינער אָדער איינציקע פראָוואָקאטערס, אָ, ווענ מיר זאָלנ וויסנ, ווער עס איז דער אויסוווּרפ, — זײַנ ברייט געזיכט מיט די ארויסשטארצנדיקע ברייטע קינבאקנ איז רויט געוואָרנ, ער האָט בייז א קריץ געטאָנ מיט די ציינ, — נאָר איכ פיל, אז ער איז ערגעץ נאָענט, לעבנ אונדז. מיר באווײַזנ ניט אפסנײַ אויפצושטעלנ אנ אָרגאניזאציע, ווי עס הייבנ זיכ אָנ די ארעסטנ. פונ אלטנ אקטיוו, — ער האָט זיכ ביטער צעלאכט, — איר רעדט דאָך פונ „אלטנ" אקטיוו, פונ די כאוויירימ וואָס האָבנ געארבעט אקטיוו פאָריקס יאָר. זײַנענ מיר פארבליבנ נאָר דרײַ: איכ, סעריאָזשע און מיכאל פונ דער יוגנט. די איבעריקע זײַנענ אלע ארעסטירט. טייל זײַנענ ארײַנגעפאלנ מיט שווערע קעגנ זיי באווײַזנ, איצט ארבעטנ פרישע כאוויירימ, ארויסגערוקטע פונ די קעמערלעכ.

— האָט זיכ די אָרגאניזאציע פארקלענערט?

— ניינ, — האָט ער לעבהאפט אויסגעשריִענ, — פארקערט, זי האָט זיכ פארגרעסערט. ניט קוקנדיק אפ די ארעסטנ, האָט זיכ אונדזער אָרגאניזאציע אינ קרײַז פארנ לעצטנ יאָר פארגרעסערט אפ פרישע 300 מיטגלידער.

זי האָט ליכטיק א שמייכל געטאָנ:

— זעט איר, כאווער סעמיאָנ, מע דארפ ניט קוקנ אזוי פעסימיסטיש. אונדזער ווירקונג וואקסט. אונדזערע אָרגאניזאציעס פארשטארקנ זיכ. וואָס האָט איר געוואָלט, אז דער סוינע זאָל זיצנ רויִק און גלײַכ־

גילטיק זיכ צוקוקנ, ווי מיר גראָבנ אים א קייווער. דער דאָזיקער טעראָר איז ניט קיינ סימענ פונ שטארקייט פונ פאשיזמ, נאָר פונ זיינ שוואכקייט. איז קלאָר אונדזער אויפגאבע — נאָכ ענערגישער, מיט מער קויכעס זיכ נעמענ צו דער ארבעט.

סעמיאָנ האָט זיכ פארוויילט.

— איכ ווייס עס, — האָט ער מונטער צוגעגעבנ, — דאָס האָב איכ זיכ א ביסל אראָפּגערעדט פונ הארצנ. פאר די כאוויירימ בינ איכ שוינ גאָרניט פעסימיסטיש. הא, לענא? — האָט ער שמייכלענדיק זיכ געווענדעט צו דער באלעבאָסטע.

די באלעבאָסטע איז די גאנצע צייט פונ זייער געשפרעכ געזעסנ אומבאוועגלעכ, ניט געוואָלט שטערנ דעמ שמועס. זי האָט זיכ באשיידנ געווענדעט צו דער פרעמדער.

— אָ, כאווער סעמיאָנ איז ניט קיינ פעסימיסט. פארקערט, אלע זאָגנ, אז ער איינער גיט צו מוט אלע כאוויירימ. אומעטומ איז ער דאָ. איכ מיינ אָפט צו אימ, אז אזוי טאָר מענ ניט ארבעטנ. אומעטומ ריזיקירט ער. אלע געפערלעכע ארבעטנ טוט ער אליינ.

— נו, לענא, — האָט סעמיאָנ ווידער רויט ווערנדיק ארויסגעשטאמלט און ווענדנדיק זיכ צו דער געקומענער צוגעגעבנ, — זי טרייבט איבער. איכ ארבעט ניט מער, ווי אנדערע.

און, ווי וועלנדיק ענדערנ די דאָזיקע טעמע, האָט ער פארטראכט ארויסגערעדט:

— איכ האָב מוירע פאר אייכ, כאווערטע. ווי וועט איר צוריק דערפאָרנ צומ צענטער אינ אזא צייט. איכ וואָלט ניט געוואָלט, אז מע זאָל אייכ ארעסטירנ, באזונדערס בא אונדז דאָ. ווי רופט מענ אייכ, כאווערטע?

זי האָט זיכ אויפגעהויבנ און מיט א שמייכל צוגעגאנגענ צו אימ, זי האָט ארויפגעלייגט די הענט אויפ זיינע ברייטע אקסלענ:

— רופט מיכ אירע. האָט ניט קיינ מוירע פאר מיר. איכ האָפ, אז איכ וועל זיכ דאָס מאָל אויכ ארויסדרייענ פונ די פאָליציייִשע הענט. איבעריקנס, — האָט זי ענערגיש צוגעגעבנ, — ניט דאָס ערשטע מאָל קומט מיר אויס צו זיצנ און ניט דאָס ערשטע מאָל באקומ איכ קלעפּ אינ דער דעפענזיווע.

לענא האָט זיכ דערמאָנט, אז דער גאסט האָט גאָרניט געגעסנ א גאנצנ

שאַנ. זי האָט זיכ שנעל אויפגעהויבנ און אָנגעהויבנ גרייטנ צומ טיש, אונטערשולדיקנדיק זיכ פאַרנ פאַרגעסנ ביז איצט צו געבנ עפּעס עסנ.

לאַנג איז נאָכ סעמיאָנ געזעסנ מיט דער אינסטרוקטערנ פונ צענטער, ער האָט זיכ נאָכגעפרעגט אפ כאַווייריס, אימ האָט אינטערעסירט ווי גייט די אַרבעט אינ אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ער האָט דערציילט איינצלהייטנ פונ לעבנ פונ דער אָרגאַניזאַציע אינ קרייז, זאַכלעכ און ערנסט האָבנ זיי באַטראַכט דעמ פּלאַנ פונ דער מײַ־דעמאָנסטראַציע, איר אָרגאַניזאַציאָנעלע דורכפירונג, די צוגרייטונג־אַרבעט אינ שטאָט און אינ דאָרפ. אירע האָט זיכ פאַרינטערעסירט מיטנ אָרטיקנ אַקטיוו, צוגעהאָלפנ סעמיאָנענ צונויפשטעלנ אַ רעשימע פונ כאַווייריס, וועלכע מע קאָנ מאָביליזירנ צו דער מײַ־קאָמפּאַניע, וועמענ צו שיקנ אינ דאָרפ, אינ די פאַבריקנ.

עס איז שוינ געווענ שפּעטער אָוונט. סעמיאָנענ האָט זיכ נאָכ אַלצ ניט געוואָלט אַוועקגייענ. אימ האָט זיכ אַלצ געדאַכט, אַז מיטנ אַוועקגייענ וועט ער עפּעס פאַרלירנ. ניט געפרעגנטערהייט האָט ער אַליינ דערציילט וועגנ זײַנ פאַרגאַנגענהייט. ס'האָט זיכ געפילט, אַז ער אַליינ באַמיט זיכ אופצושטעלנ אינ זיקאָרנ פאַרגאַנגענע בילדער און מײַסימ.

אַ קינד פונ יידישע אַרבעטער, איז ער יונג אַרײַנגעטראָטנ אינ דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. געווענ אַ קאָמיוניסט, געאַרבעט אינ נע אַ פּאָר יאָר, דאָרט זיכ אַרויסגערוקט און געוואָרנ סעקרעטאַר פונ שטאָטישנ קאָמיטעט פונ קאָמיוג. נאָכדעמ האָט אימ די פּאַרטיי איבערגעוואָרפנ אַפ פּאַרטיי־אַרבעט. געאַרבעט האָט ער דעמלט אינ פאַבריק. ער איז אַרעסטירט געוואָרנ און אָפּגעזעסנ פיר מיט אַ האַלבע יאָר אינ טפיסע. ער האָט לעבהאַפט געשילדערט זײַנע ערשטע איבערלעבענישנ:

— דאָס איז געווענ מײַנ צווייטער אַרעסט. איכ מוז זיכ מוידע זײַנ, אַז ביימנ אַרעסט האָב איכ זיכ שרעקלעכ געשראָקנ. איכ האָב זיכ געשראָקנ פאַר קלעפּ און געשעמט זיכ מיט זיכ אַליינ. ווי געוויינלעכ, האָט מענ מיר אינ דער דעפענזיווע גוט צענעריקט. דער ערשטער קלאַפּ האָט מיכ אַרויסגעפירט פונ גלײַכגעוויכט. איכ האָב זיכ פאַרגעסנ און זיכ געוואָרפנ צוריק שלאָגנ. ווי איר זעט — האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבנ — בינ איכ ניט פונ די שוואַכע, — לאַנג האָט געדויערט די ראַנגלעניש מיט מיר ביז זיי האָבנ מיכ געבונדנ און שוינ אומגעשטערט גוט צעמיימעסט. ווענ איכ בינ געלעגנ אַ געבונדענער און געכאַפּט די שווערע קלעפּ,

האָב איך געטראַכט וואָס פאַר אַ אידיאָט איך בינ געווענ, פאַרוואָס האָב איך מוירע געהאַט, מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט די דעפענזיווע־פייניקונגענ שרעקלעכער ווי זיי זײַנענ, אונ עפשער האָט ער פאַרטראַכט צוגעגעבנ — האָט עס נאָר אַפ מיר אַזוי געווירקט. עפשער האָט מענ מיר ניט אַזוי שטאַרק געשלאָגנ. האָב איך דאָכ געזענ אַנדערע, געזינטערע פאַר מיר, וועלכע האָבנ ניט אויסגעהאַלטנ אונ צוזאַמענגעבראָכנ.

— דאָס איז ניט די פראַגע פונ געזונטקײַט, — האָט אירע אימ איבערגעריסנ, — דאָס איז די פראַגע פונ כאַראַקטער, קאָמוניסטישנ באַוווסטזײַנ, פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער פּאַרטיי אונ אַכטונג צו זיך אַליינ.

— ריכטיק. צו דעמ אויספיר בינ איך געקומענ אינ טפיסע, באַאָבאַכטנדיק די יעניקע כאַוויירימ, וועלכע האָבנ ניט אויסגעהאַלטנ אונ געשאָטנ. די דאָזיקע אַלע מענטשנ האָבנ מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַזונדערע, כאָמעש אַ פאַרשיידנאַרטיקע, קאַטעגאָריע: קליינלעכ, פאַכדאַניש, מיט אומריינעמ געוויסנ, ניט שטאַנדהאַפטיק, מיט כאַראָטע אונ אָנ מינדסטער אַכטונג צו זיך אַליינ. די טפיסע איז פאַר מיר געווענ אַ גרויסע שול. דאָרט האָב איך געהאַט צײַט אַ ביסל זיך צו לערנענ, איבערצוטראַכטנ. מיר שײַנט, אַז אייגנטלעכ — אַ קאָמוניסט אינ פולנ זינ פונ וואָרט בינ איך ערשט דאָרטנ געוואָרנ.

— ס'איז מיר זייער שווער — האָט ער מיט באַדויער צוגעגעבנ, — אָנצופירנ מיט אַזאַ גרויסער וויכטיקער אָרגאַניזאַציע. נאָכנ אַרעסט פונ ראָמאַנאָווסקינ בינ איך באַשטימט געוואָרנ אַלס קרײַז־סעקרעטאַר. אָפטמאָל פיל איך, אַז איך בינ ניט בעקויעכ צו זײַנ דער פּאָליטישער פירער, אַז די אויפגאַבנ זײַנענ מיר איבערגעוואָקסנ. ס'פעלט מיר וויסנ. איך כאָלעמ וועגנ איינ זאַכ — באַקומענ די מעגלעכקײַט כאָטש איינ יאָר צו לערנענ זיך, באַרײַכערנ דאָס וויסנ, דעמלט זיך ערשט נעמענ רעכט צו דער אַרבעט.

אירע האָט געקוקט מיט אינטערעס אַפ דעמ דאָזיקנ ברייט־פּלייציקנ געזונטנ באָכער, מיטנ ענערגישנ געזיכט אונ נאַיווע קינדערישע ברוינע אויגנ. זי האָט כאַוועריש געשמייכלט צו אימ.

— אונדז אַלעמענ פעלט אַ סאַכ וויסנ. צומ באַדויערנ, זײַנענ מיר נאָכ ניט בא דער מאַכט. אונדזער וויסנ באַקומענ מיר אינ קאַמפ, אינ דער טאָגטעגלעכער פּראַקטיק. פונ אײַער אינפאָרמאַציע זע איך, אַז

איר אָריענטירט זיכ בעסער אונ שנעלער ווי פילע, וועלכע האָבנ א סאַכ געלערנט. איר פאַרמאָגט א גרויסע פּראַקטיק אונ, ווי מיר שײַנט, א ניט שלעכטנ אָרגאַניזאַטאָרישנ טאַלאַנט. אונ דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. דאָס דאַרפנ מיר פריִער פאַר אַלצ. פאַרשטייט זיכ, אז איר האָט פאַרדינט, אז מע זאָל אײַכ שיקנ אינ א פּאַרטיי־שול. איכ וועל די פראַגע שטעלנ פאַרנ צענטראַל־קאָמיטעט. אײַכ וועט זייער שטאַרק נוצנ א פּאַרטיי־שול. זעט נאָר ניט אַרײַנצופאַלנ אונ ניט אַרעסטירט צו ווערנ.

סעמיאָנ האָט זיכ צעלאַכט.

— ס'איז מערקווירדיק. איכ וואָרנ אײַכ, איר וואָרנט מיר. אז צוויי קאָמוניסטנ טרעפנ זיכ, מוזנ זיי ענדיקנ מיט דער באַמערקונג: „האַלט זיכ, ווערט ניט אַרעסטירט".

סעמיאָנ האָט שווער זיכ אויפגעהויבנ אונ גיט גערנ זיכ געזעגנט. ער האָט הייס געדריקט איר האַנט, זײַנ פיגור האָט געאָטעמט מיט ענערגיע.

— זײַט רויִק. גיט איבער דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אז מיר וועלנ טאָנ אַלצ, וואָס מעגלעכ אדורכצופירנ די דירעקטיוונ. מיר דאַנקענ דעם צענטער פאַר דער מאַטאַנע צום ערשטנ מײַ. דאָס מיינ איכ אײַכ — האָט ער פריילעכ צו איר געלאַכט.

— אונ א דעמאָנסטראַציע וועט זײַנ דער פּאָליציי אפצולאָכעס, אזא, אז זי זאָל פּלאַצנ, א דעמאָנסטראַציע, וואָס איז נאָכ ביז איצט דאָ אזא ניט געווענ.

די צוויי פרויענ זײַנענ פאַרבליבנ אַלייג. דאָס קינד איז שוינ פונ לאַנג געשלאָפנ. לענא האָט אויסגעבעט די בעטנ אונ באַמערקנדיק, אז אירע איז ווידער געוואָרנ די האַרציקע, אינטימע, וואָס אינדערפרי, האָט זי אויסטוענדיק זיכ געווענדט צו איר.

— קוקנדיק אפ אײַכ, אפ סעמיאָנען, וווּנדער איכ מיר. אזעלכע יונגע, באַזונדערס איר, א שיינע, ווי נעמט איר קויעכ זיכ אָפּצוזאָגנ פונ אַלצ, לײַדנ, פײַניקנ זיכ אינ טפיסע. אָפּזאָגנ זיכ פונ פערזענלעכנ גליק? צי וועל איכ אויכ פייִק זײַנ דערצו? — אירע גרויסע גרויע אויגנ האָבנ מיט טרויער אונ בענקשאַפט געקוקט אפ אירענ.

אירע האָט זיכ אוועקגעזעצט אפ איר בעט אונ זי אַרומגענומענ.

— איר פרעגט, פונוואַנענ נעמענ מיר קויעכ זיכ אָפּזאָגנ פונ אַלצ. ס'איז ניט עמעס, לענא, מיר האָבנ זיכ פונ גאָרניט ניט אָפּגעזאָגט. דאָס

טראַכטנ אויס וועגנ אונדז קליינבירגערלעכע ראָמאַנטיקער. פאַרקערט, אונדז שטויסט צו מײַסימ, אָפטמאָל צו העלדישע שריט און צו טאָגטעגלעכער נוצלעכער ארבעט אונדזער גוואַלדיקער דורשט צומ לעבנ, דער באַוווסטזײַנ, אַז מיר זײַנענ ניט קיינעמס אָפפאַלעכצ, אַז אַלצ, וואָס איז שיינ און ליכטיק, געהערט צו אונדז.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגנ. דאָס קינד האָט זיכ אומרויִק געדרייט אינ שלאָפ.

— מיר האַלטנ אויס טפיסע, פײַניקונגענ. איר ווייסט פאַרוואָס? ווײַל מיר גלייבנ אינ אונדזער מאָרגנ, וואָס מוז קומענ. מיר זײַנענ מאַרקסיסטנ און ווייסנ, אַז מיר מוזנ זיגנ. אינ די טאָגטעגלעכע שלאַכטנ האָבנ מיר געלערנט די געזעצנ פונ קלאַסנ-קאַמפ. טפיסע, אינקוויזיציעס זײַנענ אומפאַרמײַדלעכ פונקט ווי ס'זײַנענ אומפאַרמיידלעכ די ווייענ פונ דער מוטער באַמ געבורט פונ קינד. האָט איר דאָכ, לענאַ, געוווסט, אַז ס'וועט ווי טאָנ, דאָכ האָט איר זיכ ניט אָפגעשראָקנ. פאַרוואָס? ווײַל דאָס געזעצ פונ לעבנ, וואָס מע רופט מוטערשאַפט, האָט בײַ אײַכ שטאַרק פולסירט. איר האָט ליב באַקומענ דאָס קינד, נאָכ איידער איר זײַט באַפרוכפערט געוואָרנ. מיר האָבנ ליב דעמ קאָמוניזמ, וואָס מוז קומענ, וואָס איז שוינ געבוירנ געוואָרנ און וואַקסט שטורמיש אַפ אַ זעקסטל פונ דער ערד. און איר, לענאַ, זײַט שוינ איצט אַנ אונדזעריקע. איר וועט אויסהאַלטנ — זי האָט זיכ אַ ווײַלע פאַרטראַכט און שטיל צוגעגעבנ, — און עפשער בעסער און שטאַרקער, ווי אַ סאַכ, וועמענ ס'דאַכט זיכ אינ דער ערשטער מינוט, אַז זיי וועלנ יאָ אויסהאַלטנ.

דער קוריער

אַרײַנגעקומענ אינ וואַגאָנ, האָט דער בלייכער יונגערמאַנ מיטנ טשעמאָדאַנ פאָרזיכטיק זיכ אומגעקוקט. אַרומ אימ האָבנ זיכ געשטופט פויערימ מיט קוישנ, יידנ מיט פעק. יעדער האָט זיכ געפאָרעט מיט זײַנ באַגאַזש, זיכ געמאַכט באַקוועמ. ער האָט אוועקגעלייגט דעמ טשעמאָדאַנ אַפ דער אויבערשטער פאָליצע און אויס פאָרזיכטיקײַט גיכ אוועקגעזעצט אַפ דער קעגנאיבערדיקער באַנק. דער צוג האָט זיכ גע-

ריִט. דער יונגערמאַנ האט זיכ ארומגעקוקט אונ אײנגאַנצנ זיכ באַרויִקט. „ס'האט זיכ מיר געכאַלעמט א שפּיאָנ" — האט ער געטראַכט וועגנ דעם בלאָנדנ. די פּאַסאַזשירנ האָבנ היציק גערעדט, דיסקוטירט. אַנ עלטערער פּויער האט זיכ געקלאָגט אפנ הונגער, וואָס עס הערשט אינ דאָרפ, אפ די הויכע שטײַערנ אונ ליציטאַציעס [1]. ער האט אײַנגעטײַנעט מיט זײַנ שכנ, א ייִדנ, ווי ער וואָלט געהאָפט, אז יענער ווייסט מער פונ אים אונ קאָנ אים מיט עפּעס העלפנ.

— זאָגט, איכ בעט אײַכ, — האט ער געטײַנעט, — לאַנג קאָנ דאָס אזוי אָנהאַלטנ? ס'מוז דאָכ ווערנ גיט אינ פּלאַצנ. ווי לאַנג קאָנ מענ ארומגײנ מיט הונגעריקע בײַכער, הא? דאָס פאָלק איז אויפגערעגט. מענטשנ זײַנענ געוואָרנ כײַעס. גרייט זיכ וואַרפנ מיט די נעגל אײנער אפנ צווייטנ, אבי זיכ אַלײנ צו ראַטעווענ. די רעגירונג שווײַגט, אונ די משינאָוויקעס שינדנ די הויט. אָט האָבנ זיי דעם מאָנטיק צוגענומענ בײַ מיר די לעצטע קו. איכ בינ ניט קײנ בונטאַר, איכ מיש זיכ ניט אינ פּאָליטיק — האט ער פאָרזיכטיק ארומקוקנדיק זיכ, שטילער אָנגעהויבנ צו ריידנ, — נאָר די נויט קאָנ צו אַלצ דערפירנ. דערלאָז ניט דערצו, גאָט! וואָס וועט זײַנ, פרעג איכ?

דער ייִד האט שווער געקרעכצט, געקוקט מיט מיטגעפיל אפנ פּויער.

— איר מיינט, אז אינ שטאָט איז בעסער? אינ שטאָט איז עפּשער נאָכ ערגער. אײַכ וואַרפט מענ כאָטש ניט ארויס פונ די כאַטעס. מיר דראָעט דער ווירט ארויסצוּוואַרפנ מיט די קינדער אפ דער גאַס, אויב איכ וועל אים ניט באַצאָלנ פאַר זעקס כאָדאָשימ דירה־געלט, וואָס איכ בינ אים שולדיק. אָבער פונוואַנענ, פרעגט זיכ, וועל איכ נעמענ צו באַצאָלנ, אז שוינ כאָדאָשימ לאַנג, ווי מע גייט ארומ לײדיק. שוינ אויסגעפאַרקויפט אַלצ פונ שטוב, ניטאָ מער, וואָס צו פאַרקויפנ. גוטע פרײַנט האָבנ געבאָרגט א פּאָר זלאָטעס, האָב איכ אויסגעפּאַרטיקט עטלעכע פּאָר שיכ אונ פאָר אפנ מאַרק. עפּשער וועט געלינגענ עפּעס צו פאַרדינענ. אויב ניט בלײַבט איבער נאָר צו הענגענ זיכ אָדער צו נעמענ א טאָרבע אונ גײנ בעטלענ.

אַנדערע פּאַסאַזשירנ האָבנ זיכ צוגעהערט צו דעם האָזיקנ געשפּרעכ אונ אַלע האָבנ מיטאַמאָל זיכ צערעדט. יעדער אײנער האט זיכ גע-

1 ליציטאַציעס — געריכט־אויספאַרקויפ פונעמ אייגנטומ פונ די, וועלכע האָבנ ניט באַצאָלט קײנ שטײַערנ.

קלאָגט אויף זײַן גורל. געהאַט טענות צו עמעצן, געשאָלטן, געפֿרעגט, וואָס וועט זײַן. יעדער איינער האָט געוואָלט עפּעס צוגעבן, נאָר אָפּגעהאַקט אינמיטן, אומגעקוקט זיך דערשראָקן. עפּעס ניט דערזאָגטס, געהיימעס האָט געשוועבט אין וואַגאָן, געהאַלטן אַלעמען געשפּאַנט, און ווי יעדער איינער וואָלט געוואָלט, אַז און אַנדערער זאָל זײַן דער דריטער און דער ערשטער אָנהייבן ריידן, זײַנען אַלע פּלוצעם שטיל געבליבן.

איבערגעריסן די שטילקייט האָט אַן אַלטער פּויער, וועלכער האָט ביזהער ניט אָנטייל גענומען אין געשפּרעך, אָבער זיך צוגעהערט, רייכערנדיק רויק זײַן פּויערשע ליולקע.

— מע זאָגט, — האָט ער מיט אַ פֿאַרחלומטן קול אָנגעהויבן, — אַז דאָרטן איז ניט פֿאַראַן קיין אַרבעטלאָזע, אַז אַלע האָבן אַרבעט. אַלע פּויערים האָבן ערד, און די וואָס ווילן, פֿאַראייניקן זיך אין אַזעלכע קאָלעקטיוון. איז דאָס עמעס, מענטשן?

קיינער האָט ניט געפֿרעגט, ווו איז עס דער „דאָרטן". אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען דעם אַלטיטשקן, ווי אַלע וואָלטן די גאַנצע צײַט געטראַכט דאָס זעלבע און בלויז געוואַרט, אַז דער אַלטער זאָל דער ערשטער דאָס וואָרט אַרויסריידן. האָבן אַלע מיטאַמאָל ווידער הויך זיך צערעדט, איבערײַסנדיק איינער דעם צווייטן.

— יאָ, דאָרט איז עפּעס אַנדערש. — האָט איינער מיט אַ קרעכץ צוגעגעבן. — דאָרט וועט מען פֿון פּויער ניט צונעמען די לעצטע קו. דאָרטן האָט מען באַ אַנדערע צוגענומען.

— אַ טראַכט טאָן גאָר, — האָט אַן אַנדערער שטיל צוגעגעבן, — אַז דאָ האָט אויך געקאָנט זײַן דאָס זעלבע, אַז ס'איז שוין קימאַט געווען. נאַ דיר גרענעצן!

— גרענעצן, — האָט זיך אַ מיטעלייעריקער פּויער געבייזערט, — פֿון איין בלוט און פֿלייש, דאָס זעלבע פֿאָלק, און נאַ דיר גרענעצן! דאָרטן איז ווײַסרוסיש אין קאָוועד. און דאָ מוזטו די קינדער שיקן אין אַ פּוילישער שול און אויסהערן יעדן טאָג באַליידיקונגען.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי צערעדט? — האָט אַ פּויערטע אין אַ ברוינער פּאַטשיילע אומצופֿרידן אַ זאָג געטאָן, — וואָס איז אײַך די פֿרײַהייט נימעס געוואָרן? איר קאָנט שוין אַלעמען דאָ אין וואַגאָן?..

אַלע האָבן אומרויִק זיך אומגעקוקט. יעדער איינער האָט זיך באַמיט אַרײַנצוקוקן אין דער נעשאָמע צום צווייטן.

— עכ, וואס איז מיר די פרעזידענט, די זעלבע טפיסע, מאמש צי זיכ אויס איינמיטנ גאס און פייגער אוועק.—האט איינער געפרווט נאכ אונטערהאלטנ דעמ געשפרעכ, נאר קיינער האט זיכ מער ניט אפגע-רופנ. יעדער איינער האט זיכ באמיט ניט צו זענ און ניט צו באמערקנ דעמ שאכנ.

דער יונגערמאנ האט ניט גענומענ קיינ אנטייל אינ געשפרעכ, ער האט נאר געלייענט א צייטונג. אפ איינער א סטאנציע האט ער א קוק געטאנ אינ פענצטער, און אימ האט זיכ געדוכט, אז ער האט בא-מערקט אפנ פעראנ דעמ בלאנדנ שפאצירנ מיט נאכ עמעצנ. ער איז אומרויק געווארנ. דער געדאנק, אז דער בלאנדער איז א שפיאנ און פארט אימ נאכ, האט אימ געפייניקט. „ארײַנגעפאלנ", האט אימ א צי געטאנ באמ הארצנ. ער האט ניט ווילנדיק א קוק געטאנ אפנ טשע-מאדאנ, וואס איז רויק געלעגנ קעגניבער אפ דער פאליצע.

„אריבערגיינ פארזיכטיק אינ אנ אנדער וואגאנ, איבערלאזנ דא דעמ טשעמאדאנ, זאל מענ אימ ארעסטירנ, זיי וועלנ גארניט געפי-נענ", —איז אדורכ א געדאנק. ער האט זיכ אופגעהויבנ, שטיל זיכ אדורכגעגליטשט צווישנ די פאסאזשירנ, געמאכט זיכ ארײַנגיינ אינ קלאזעט.

אומגעקוקט זיכ, געזענ, אז קיינער קוקט אימ ניט נאכ, האט ער זיכ געלאזט גיינ אינ אנ אנדער וואגאנ.

אינ צווייטנ וואגאנ איז געווענ האלב-ליידיק. ער האט זיכ אוועקגע-זעצט אפ א ליידיקער באנק און פארטראכט ארויסגעקוקט דורכנ פענצ-טער, געקוקט אפ די פארבײַלויפנדיקע פעלדער און וועלדער. נאר ער איז רויִקער ניט געווארנ.

„און עפשער האב איכ זיכ טויע געווענ, ס'האט זיכ מיר נאר געדאכט, אז דאס איז דער זעלבער — האט ער א טראכט געטאנ — און אויב אפילע דאס איז דער זעלבער, איז פונוואנענ האב איכ גע-נומענ, אז ס'איז א שפיאנ? ווינציק מענטשנ קוקנ איינער אפנ צווייטנ? האב איכ דאכ אויכ אפ אימ א קוק געגעבנ? פונוואנענ האב איכ גענומענ, אז דאס איז א שפיאנ?"

די געדאנקענ האבנ זיכ געפלאנטערט, איבערגעהאקט איינער דעמ צווייטנ. ער האט צוגעדריקט דעמ קאפ צו דער קאלטער פײַכטער שויב. ער האט זיכ באמיט צו קאנטראלירנ זײַנע אייגענע געדאנקענ.

„אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט דעם טשעמאָדאַן אינעם צווייטן וואָגאָן, ווי דער לעצטער פּאַסקודניאַק, וואָס וועלן זאָגן די כאַווייריםם?” — האָט געקלאַפּט א געדאַנק. מע וועט לאַכן פון אים און טראַכטן, אז ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זײַן אייגענעם שאָטן. אין טשעמאָדאַן איז ערשטמייִקע ליטעראַטור. כאַווייריםם וואַרטן אויף דעם, מע קוקט זיי אַרויס מיט אומגעדולד. מיט וואָס וועט ער דערקלערן זײַן פאַרשוווּנדן? גרייטע וועט קוקן מיט פאַראַכטונג און וועט זיך רייצן מיט אַראָמען, — הא, — וועט ער זאָגן, — איך האָב געזאָגט, אז מע זאָל אים ניט שיקן. איך קען דעם העלד!

דאָס בלוט האָט אים א זעץ געטאָן אין פּאָנעם. „ער איז ניט קיין פּאַכדן. ער פאָרט טאַקע דאָס ערשטע מאָל מיט ליטעראַטור, אָבער מוירע האָט ער ניט. ניט דאָס ערשטע מאָל געווען אין פּאָליציי. אָבער אומזיסט איז זייערע העגט אַרײַנפאַלן, דאָס הייסט ניט די פּאַרטיי”.

„אָבער פונוואַנען ווייס איך, אז דאָס איז א שפּיאָן?”

ער האָט געקעמפט מיט זיך, איבערלייגנדיק און איבערקלערנדיק, וואָס צו טאָן. ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הײַזלעך פון שטעטל. ס'האָט זיך דערנענטערט די סטאַנציע, אויף וועלכער ער האָט געדאַרפט אַראָפּגיין. ער האָט זיך ענערגיש אויפגעהויבן און צוריק אַרײַן אין וואַגאָן, וווּ עס איז געלעגן דער טשעמאָדאַן.

„זאָל מען מיך אַרעסטירן, — האָט ער אין געדאַנק באַשלאָסן, — מײַן כוויוו איז צושטעלן די ליטעראַטור, געבן דער אָרגאַניזאַציע אויפרופן צום ערשטן מײַ”.

אין וואַגאָן האָט קיינער ניט באַמערקט זײַן אָפּוועזנהייט און זיך ניט געוווּנדערט אויף זײַן צוריקקומען. יעדערער איז געווען פאַרנומען מיט זײַנע אייגענע געדאַנקען. ער האָט זיך איינגעאַנצן באַרויִקט.

אויף דער סטאַנציע זײַנען אַראָפּגעגאַנגען זייער פיל מענטשן. ס'איז הײַנט געווען א גרויסער מאַרק־טאָג אין דעם דאָזיקן שטעטל. אַלע האָבן געאײַלט וואָס שנעלער צו קומען צום מאַרק. דער יונגעהמאַן האָט זיך צווישנגעמישט מיטן עולעם און שנעל פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל. דאָס שטעטל האָט גערוישט און געטומלט. דער מאַרק־פּלאַץ, וואָס האָט פאַרנומען א האַלב שטעטל, איז געווען איבערגעפולט מיט פויערישע פורן. צווישן די פורן האָבן זיך געשטופּט מענטשן, געהאַנדלט, געקריגט זיך, געדונגען זיך. אין די זײַטן און אינמיטן מאַרק זײַנען גע-

וועג אויסגעשטעלט בײַדלעך מיט סכוירעס. טייל האָבנ אויסגעלייגט זייער סכוירע אַפ דער ערד. אַלע האָבנ געשריִענ, גערופנ די קוינים צו זיך. אַרומ די ביידלעך האָבנ זיך געשטופּט פּויערים, געגאַפט, געקוקט נײַגעריק, זשעדנע, געקראַצט זיך פאַרלעגנ אינ קאָפּ אונ וויַטער געגאַנגענ. זעלטנ ווענ עמעצער פונ די פּויערים האָט עפּעס געקויפט. די הענדלער זײַנענ געווענ אומצופרידנ.

— נו, איר האָט שוינ געמאַכט אַ פּאַטשאַנטעק?[1] — האָט איינ סויכער געפרעגט באָמ צווייטנ, — איך שטיי שוינ דרײַ שאָ אונ נאָך ניט געלייזט קיינ גראָשנ. נאָ דיר אַ מאַרק, אַז פאַרשאָלטנ זאָל ווערנ דאָס לעבנ!

— אונ איך, — האָט דער געפרעגטער געענטפערט — האָב געלייזט צוויי גילדנ אונ דערלייגט דערצו 20 גראָשנ. זאָל עס ברענענ, וואָס וועל איך טאָנ, מיט דער דאָזיקער מישטיינס געזאָגט סכוירע. עסנ זי קאָנ מענ ניט.

דער יונגערמאַנ האָט זיך אויך געלאָזט צומ מאַרק. קלוימערשט באַטראַכט אונ באַקוקט סכוירעס, געדונגענ זיך, ניט מאַסקעמ געווענ מיטנ פרײַז אונ וויַטער געגאַנגענ. ער האָט זיך פאַרקערעוועט אינ אַ זײַטיק געסל אונ זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ נידעריק הײַזל, וואָס איז געווענ אַרומגערינגלט פונ ביידע זײַטנ מיט אַ גרויסנ פּלויט. ער האָט זיך פאָרזיכטיק אומגעקוקט צי קיינער גייט אים ניט נאָך אונ אַרײַנ אינ שטוב. דער הויפ האָט זיך געגרענעצט מיט אַ גרויסנ סאָד, אָפּגעטיילט מיט אַ נידעריקנ פּלויט. ער איז אַרײַנ אינ אַ ענגנ שמאָלנ הילצערנעמ קאָרידאָר, זיך אַ ווײַלע צוגעהערט, אונ הערנדיק פונ רעכטס דאָס קלאַפּנ פונ אַ שוסטעריש העמערל, האָט ער זיך געלאָזט גיינ אינ דער דאָזיקער ריכטונג אונ דרייסט געעפנט די טיר. אינ צימער איז געזעסנ אַ יונגערמאַנ אַפּ אַ נידעריק דרײַפיסיק שוסטעריש בענקל אונ געקלאַפּט הילצערנע טשוועקעס אינ אַ אַלטנ אָפּגעריבענעמ פויערשנ שטיוול.

דער שוסטער האָט אויסגעדרייט דעמ קאָפּ צומ אַרײַנגעקומענעמ אונ שטומ פרעגנדיק אים אָנגעקוקט.

— צי קאָנ מענ באַ אײַך באַשטעלנ אַ פּאָר גומענע שיך. נאָר די לעדער זאָל זײַנ קרינקער? — האָט דער אַרײַנגעקומענער געפרעגט.

---

1 אַנ אָנהייב.

— און הינגע לעדער טויג איַיך ניט? — האָט דער שוסטער שנעל אָפגעענטפערט.

דער אַריַינגעקומענער האָט געוואָלט עפעס ענטפערן. נאָר די טיר האָט זיך פלוצעמ שנעל געעפנט און אינ צימער איז אַריַינגעשפרונגענ א יונגער געזונטער באָכער. ער איז צוגעשפרונגענ צומ פרעמדנ און ארויסגעריסנ בא אימ דעמ טשעמאָדאנ.

— מע איז איַיך נאָכגעגאנגענ, כאווער. ס'גייענ דאָ אהער שפיקעס.— האָט ער שווער סאָפנדיק ארויסגערעדט און פארשוווּנדנ מיטנ טשעמאָדאנ הינטער דער טיר.

דאָס איז געשענ אזוי שנעל און אומדערוואַרט, אז דער פרעמדער איז געבליבנ שטיינ פארשטיינערט, קוקנדיק מיט אופגעריסענע אויגנ אפ דער טיר. דער ערשטער איז געקומענ צו זיך דער שוסטער. ער איז אופגעשפרונגענ און מיט געוואַלד אוועקגעזעצט דעמ פרעמדנ אפ א שטול.

— טוט איַיך אויס שנעל די שיך און זאָגט, אז איר האָט מיר געגעבנ זיי צו פאריכטנ, — האָט ער האסטיק ארויסגערעדט, העלפנדיק אימ אָפבינדנ די שיך-בענדלעכ.

דער שוסטער האָט קוימ באוויזנ זיך צוריקצוזעצנ מיטנ פרעמדנס שיך אינ האנט, ווי די טיר האָט זיך האסטיק אופגעעפנט. אינ צימער זיַינענ אריַינ עטלעכע מענטשנ. דער פרעמדער האָט אויסגעדרייט דעמ קאָפ און ניט ווילנדיק א ציטער געטאָנ. פאָרויס איז געגאנגענ דער זעלבער בלאָנדער, וועלכנ ער האָט געזענ אפנ וואָקזאל. ער איז זיך ניט טויע, גייַנ. נאָכ דעמ בלאָנדנ זיַינענ אריַינ נאָכ צוויי ציוויל געקליידטע פארשויינענ.

דער בלאָנדער איז האסטיק צוגעגאנגענ צומ פרעמדנ און שטרענג א פרעג געטאָנ:

— ווו איז דער טשעמאָדאנ?

— וואָס פאר א טשעמאָדאנ? — האָט דער פרעמדער קומענדיק צו זיך נאָיוו א פרעג געטאָנ. — איכ האָב ניט קיינ טשעמאָדאנ.

דאָס בלוט האָט א זעצ געטאָנ דעמ בלאָנדנ אינ געזיכט. זיַינע אויגנ האָבנ אָנגענומענ א דראָענדיקנ אויסזענ.

— אזוי שנעל באוויזנ צו באהאלטנ! — האָט ער א רעווע געטאָנ.— די מינוט זאָל דער טשעמאָדאנ זיַינ.

א ניצאָכנדיקע פרייד האָט באהערשט דעמ פרעמדנ. זיי האָבנ ניט

באַמערקט דעמ כאַווער, וואָס האָט געראַטעוועט דעמ טשעמאָדאַנ. די אָרגאַניזאַציע וועט האָבנ ליטעראַטור. ער האָט זײַנ מיסיע אויסגעפילט. איצט מעג מענ אימ אַרעסטירנ. ער האָט אַרויסרופעריש א קוק געטאָנ דעמ בלאָנדנ אינ געזיכט און ווי רייצנדיק זיכ מיט אימ אָפּגעענטפערט.

— זוכט, אויב איַיכ ווילט זיכ. איכ האָב איַיכ דערקלערט, אַז איכ האָב ניט קיינ טשעמאָדאַנ.

— וועגנ וואָס פאַר א טשעמאָדאַנ רעדט איר? דער גאַסט איז געקומענ פאַריכטנ די שיכ זײַנע. ער האָט ניט געהאַט קיינ טשעמאָדאַנ. — האָט זיכ אַרײַנגעמישט דער שוסטער.

— גאָלדבערג, דאָס מאָל וועסטו מיר שוינ ניט פאַרדרייענ די ציינ. מיר האָבנ שוינ פונ לאַנג אַנ אויג אָפּ דיר. דאָס מאָל וועסטו שוינ זיצנ. מיר האָבנ אַליינ געזענ ווי ער האָט געטראָגנ א טשעמאָדאַנ. — האָט זיכ אָפּגערופנ איינער פונ די צוויי אָרטיקע שפּיקעס צומ שוסטער. — ווו האָסטו באַהאַלטנ דעמ טשעמאָדאַנ. ס'וועט ערגער זײַנ פאַר דיר דאָס לייקענענ.

— איכ ווייס פונ גאָרניט. איר טראַכט ווידער אויס אָפּ מיר א בילבל — האָט דער שוסטער געענטפערט.

— וואָס טײַנעט איר מיט קאָמוניסטנ. — האָט דער בלאָנדער זיכ געהיצט. — אַדורכנישטערנ דאָס גאַנצע הויז! דער טשעמאָדאַנ מוז געפונענ ווערנ

די שפּיאָנענ האָבנ זיכ גענומענ זוכנ און איבערוואַרפנ אַלצ אינ שטוב. זיי האָבנ געזוכט אינ קאָרידאָר, בא די שכייניִמ, אויפנ הויפ. נאָר אינ ערגעצ האָבנ זיי דעמ טשעמאָדאַנ ניט געפונענ. אויפגערעגטע, בייזע האָבנ זיי זיכ ווידער אויפגעזאַמלט אינ שוסטערס צימער, ווו איינער פונ די שפּיאָנענ האָט געהיט דעמ שוסטער און דעמ פרעמדנ.

דער בלאָנדער איז צוגעגאַנגענ צומ פרעמדנ און בייז, מיט א ציניש שמייכל א זאָג געטאָנ.

— אומזיסט די קאָמעדיע מיטנ אויסטאָנ די שיכ. טוט איַיכ זיי צוריק אָנ. — און ווענדנדיק זיכ צו ביידע האָט ער דראָענדיק צוגעגעבנ. — אינ פאָליציי וועט איר שוינ, טײַבעלעכ, ריידנ און זאָגנ, ווו איר האָט אַהינגעטאָנ דעמ טשעמאָדאַנ. די הויט וועלנ מיר פונ איַיכ אָפּשינדנ.

ניט ריידנדיק קיינ וואָרט, האָבנ ביידע, דער פרעמדער און דער שוסטער, אינ דער באַגלייטונג פונ דרײַ שפּיאָנענ פאַרלאָזנ דאָס הויז.

װלאַדעק און יאַנינאַ

דער טיש איז שױן לאַנג געװען געגרייט צום אָװנטברויט. מיט אַ װײַס בלאַנקענדיק טישטעכ איז געװען געדעקט דער טיש. נײַע טעלער, מעסער=גאָפּל האָבנ געגלאַנצט. פונ דער קיכ האָט זיכ געטראָגנ דער געשמאַקער רייעכ פונ פריש געקעכץ. יאַנינאַ, אינ אַ העל-בלוי קלייד און אַ קאָקעטיש װײַס פאַרטעכל, װאָס האָט אַזוי געפּאַסט צו אירע בלאָנדע האָר און פריש ראָזנ געזיכט, איז אומרויִק אַרומגעגאַנגענ איבערנ צימער. זי האָט נערװעז איבערגעשטעלט די שטולנ, דאָס געפּעס אפנ טיש. ניט געװוּסט װאָס צו טאָנ מיט זיכ. זי איז געװענ אומרויִק. דאָס ערשטע מאָל נאָכ זייער כאַסענע איז װלאַדעק ניטאָ צו דער צײַט אינ דער היים. װאָס האָט געקאָנט פּאַסירנ?

פאַר די דרײַ כאַדאָשים פונ זייער גליקלעכ צוזאַמענלעבנ איז װלאַדעק שטענדיק פּינקטלעכ געקומענ אַהיים. האַלב זיבנ אינאָװנט האָבנ זיכ געהערט זײַנע שנעלע טריט אפ די טרעפּ. איצט איז שױנ אַכט און ער איז נאָכ אַלץ ניטאָ. צי איז ניט געשענ קײנ אומגליק מיט אים? ער איז דאָכ שטענדיק אַזוי פּינקטלעכ צו איר...

זי איז אַרײַנ אינ קיכ, אונטערגעלייגט אַ שטיקל האָלצ, אַז דאָס פײַער זאָל ניט אויסגײנ, אַרײַנגעקוקט אינ די טעפּלעכ, געשמעקט צי עס פּילט זיכ שױנ ניט צוגעברענט און צוריק אַרײַנ אינ צימער. דער זייגער האָט געשלאָגנ האַלב נײַנ. װלאַדעק איז נאָכ אַלץ ניט געװענ. זי האָט איבערגעקלערט אַלע מעגלעכע פאַלנ און אפ גאָרניט ניט געקאָנט זיכ אָפּשטעלנ. עפּעס שרעקלעכעס האָט געמוזט געשענ. אַנ אומגליק בײַ דער אַרבעט. ער האָט זיכ אָפּגעבריט. אַ קעסל האָט אויפגעריסנ.. מוירעדיקע בילדער האָבנ אַדורכגעשװעבט פאַר די אויגנ. זי האָט געזענ װלאַדעקנ אַ צעמיימעסטנ, מיט אַ צעשמעטערטנ קאָפּ, מיט אַ צעריבענעם קערפּער. זי האָט אָנגעהויבנ ציטערנ און הילפלאָז זיכ צעװיינט. איצט איז זי שױנ זיכער געװענ, אַז ער איז טויט. װאָס װעט זי טאָנ אָנ אים... װידער אָרעמקײַט... צו דער אָרעמער מאַמענ, װאָס דערנערט זיכ פונ װאַשנ װעש אינ פרעמדע הײַזער. װידער זוכנ אַרבעט אינ פרעמדע שטיבער און דערנידעריקנ זיכ. זי קאָנ דאָכ ניט קײנ פאַכ. װערנ אַ דינסט...

דער זייגער האָט געשלאָגנ נײַנ. זי איז האַסטיק אויפגעשפּרונגענ.

ס׳קאָנ שוינ מער קיינ צווייפל ניט זײַנ. איצט איז קלאָר. וולאָדיע לעבט ניט מער. גייִנ אינ פאַבריק... געוואָר ווערנ ווו ער איז... איינצלהייטנ... זי האָט שנעל אָנגעטאָנ דעמ מאַנטל אונ איז צוגעגאַנגענ צו דער טיר. פּלוצעמ האָבנ זיכ דערהערט האַסטיקע טריט אפ די טרעפּ. „וולאָדעק!״ — האָט זי א גליקלעכע אויסגעשריענ. זי האָט שנעל אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ דעמ מאַנטל, צוגעלאָפנ צומ שפּיגל אונ פאַריכטנ די האָר. די טיר האָט זיכ געעפנט. זי איז צוגעשפּרונגענ צומ אריינגעקומענעמ, פעסט אים ארומגענומענ אונ לײַדנשאַפטלעכ געקושט.

— דו ביסט דאָ!!! — גליקלעכע טרערנ זײַנענ געראָנענ פונ אירע קלאָרע בלויע אויגנ. — אונ איכ האָב געמיינט, אז מיט דיר איז געשענ אנ אומגליק. איכ, נאַרישע פרוי, האָב שוינ אלצ איבערגעקלערט... וולאָדעק, וואָס וואָלט איכ געטאָנ אָנ דיר?!..

זי האָט אים באוואָרפנ מיט צערטלעכקײַטנ, גערעדט שנעל אונ האַסטיק, געהאָלפנ אים אויסטאָנ דעמ מאַנטל. ער איז הילפלאָז געשטאַנענ אינמיטנ צימער, געקוקט אפ איר שטורמישער פרייד. ער האָט פאַרשטאַנענ, וואָס פאַר א יעסורימ זי האָט איבערגעלעבט אינ די דאָזיקע דרײַ שאָ וואַרטנ.

— אנטשולדיק מיר, מײַנ טײַערע, — האָט ער קושנדיק זי זיכ פאַרענטפערט, — איכ האָב ניט געוווּסט, אז דו וועסט זײַנ אזוי שרעקלעכ אומרויִק. א צווייט מאָל וועל איכ דיר וואָרענענ, אויב ס׳וועט נאָכ...

נאָר זי האָט אים ניט געלאָזט ענדיקנ.

— דו מוזט אוואדע זײַנ שרעקלעכ מיד אונ הונגעריק. דאָס עסנ האָט שוינ לאַנג געמוזט קאַלט ווערנ.

זי האָט זיכ גענומענ שנעל פאַרענ, אָנגיסנ זופּ אינ די טעלער. זי האָט זיכ ביסלעכווײַז באַרויִקט, געקומענ צו זיכ. זי האָט באַטראַכט וולאָדעקנ. ער איז געזעסנ מיט אנ ערנסט געזיכט, מיט טיפע קנייטשנ אפנ שטערנ. עס האָט אויסגעזענ, אז ער איז שטאַרק פאַרטראַכט אונ באַמערקט קיינעמ ניט ארומ זיכ.

— ווו ביסטו געווענ אזוי שפּעט?

— אפ א פאַרזאַמלונג.

זי האָט פאַרווּנדערט אָפּגעריסנ די אויגנ אונ האַסטיק אוועקגעלייגט דאָס לעפל מיט געקעכצ, וועלכנ זי האָט שוינ געהאַט צוגעטראָגנ צומ מויל.

— וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג איז אַ פראָסטן מאָנטיק? ער איז רויט געוואָרן און פאַרלעגן געענטפערט.

— יאַניִנאַ, דו ווייסט דאָך, אַז איז אַ פּאָר טעג אַרום איז דער ערשטער מײַ. נו, האָבן מיר באַהאַנדלט, וויאַזוי צו פײַערן דעם אַרבעטער־יאָנטעוו.

זי האָט אים ערנסט אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט אים דאָס ערשטע מאָל געזען. דער שמייכל איז נאָך פריער פאַרשוווּנדן פון איר פּנים.

— וולאַדעק, דו פאַרנעמסט זיך מיט פּאָליטיק?..

— איצט פאַרנעמט זיך יעדער אַרבעטער מיט פּאָליטיק, — האָט ער מיט אַ געוויסער אויפגערייצטקייט געענטפערט.

אַ שרעק האָט זיך באַוויזן אויף איר געזיכט.

— נאַר, טײַערער, — האָט זי מיט אַ ציטער אין קאָל זיך געבעטן, — איך האָף, אַז דו האָסט גאָרניט צו טאָן מיט די זשידאָווסקע קאָמוניסטן?..

ער איז אויפגעשפּרונגען פון טיש. זײַן געזיכט האָט זיך פאַרענדערט, איז געוואָרן פרעמד און בייז.

— ווער האָט דיר אויסגעלערנט אַזוי צו רייד וועגן קאָמוניסטן? וועמעס לערע מאַזערסטו איבער?

ווי עמעצער וואָלט איר מיט אַ שאַרפער זאַך געגעבן איבערן קאָפּ. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי פאַלט אום.

— דו, וולאַדעק, — האָט זי קוים אַרויסגעשטאַמלט, — אַ קאָמוניסט?! אָ, הייליקע מוטער, איך וועל משוגע ווערן... דו האָסט זיך אויך פאַרקויפט צו די זשידעס!..

וולאַדעק איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו איר, אויפגעהויבן די האַנט. זי האָט אינסטינקטיוו, ווי צו פאַרטיידיקן זיך, פאַרשטעלט דאָס געזיכט. ער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט, פאַרוויטלט זיך און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די האַנט. עטלעכע סעקונדן איז ער געשטאַנען אַזוי אומבאַוועגלעך. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, ווי פרעמדע, ווי סאָנים, זיי האָבן ביידע געפילט, אַז ס'האָט זיך פּלוצעם צעעפנט צווישן זיי אַ טיפער אָפּגרונט.

— יאַנינאַ, — האָט ער שטיל, נאָר פעסט, ווי צײַלנדיק יעדעס וואָרט, אַרויסגערעדט, — דו ווייסט, ווי איך האָב דיך ליב, ווי איך בין געווען

גליקלעך מיט דיר... אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל דיך ליב האָבן, אַז מיר זאָלן זײַן צוזאַמען, דאַן מוזטו זיך אָפּגעוווינען פון ריידן אַזעלכע עקלהאַפטע רייד, — ער האָט זיך צעהיצט, — דו האָסט באַליידיקט מיך, באַליידיקט יעדן ערלעכן אַרבעטער. קאָמוניזם איז ניט קיין ייִדישע זאַך. דאָס האָבן אויסגעטראַכט אונדזערע סאָנים, כּדי צו פאַרטומלען אונדזערע מוחות. קאָמוניזם איז די שטרעבונג און אידעאַל פון יעדן ערלעכן אַרבעטער אין פוילן און אַפ דער גאַנצער וועלט. און בײַ מיר אין שטוב וועל איך ניט דולדן אַזעלכע רייד.

די לעצטע ווערטער האָבן זי צערייצט. אַ בייז פײַערל האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

— דו וועסט ניט דולדן? — איך בין אַ פרומע קריסטין, בײַ מיר איז דער גלויבן מער באַגלייבט ווי די זשידעס. גיי אין קלויסטער, וועסטו הערן וואָס דער גלח רעדט וועגן קאָמוניזם. דאָס איז אַ ייִדישע אויסטראַכטעניש, אַפ אומגליקלעך צו מאַכן פוילן, אָפּצורײַסן פון אונדז שטיקער לאַנד און פאַרקנעכטן פוילישע קינדער צו די מאָסקאַלעס. איך בין אין אַ פוילישער שטוב און וועל ריידן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פוילין און אַ קריסטין.

— דערפאַר טאַקע גיי איך ניט אין קלויסטער און האָב פײַנט די גלחים, די דאָזיקע אָנגעפּרעסטע נעשאָמע־כאַפּערס. — ער האָט זיך בייז צעלאַכט, — די גלחים כאַפּן אַזעלכע נאַרישע ציגן ווי דו און שרעקן זיי אָן מיט די ייִדן. זאָג מיר, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן עס דיר פּערזענלעך די ייִדן געטאָן? דײַנע פאַרמעגנס צוגענומען? זיי דראָען דײַן „רײַכקײַט" צו באַרויבן? וואָס האָסטו צו אַ ייִדישן אַרבעטער, וועלכער ווערט אַזוי עקספּלואַטירט, ווי דער פוילישער אָדער ווײַסרוסישער? מיט וואָס האָבן דיר דײַנע גלחים געהאָלפן, ווען דו האָסט געהונגערט? וואָס האָט דײַן אָרעמע מאַמע דערפון, וואָס זי גייט אַלע זונטיק אין קלויסטער און וואַשט אומזיסט דעם גלחס שמוציקע וועש? צי עפּשער האָט דער גלח געהייליקט און געראַטעוועט פוילן דערמיט, וואָס ער האָט זאָשקען געשענקט אַ מאַמזער און זי פײַגערט איצט פאַר הונגער צוזאַמען מיטן קינד? און דו, נאַרישע ציג, מאַל־פּעוועסט נאָך די גלחים און כאַזערסט איבער אַלע זייערע נאַריש־קײַטן און ליגנס.

ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן. זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט

געזען אזוי פרעמד און אזוי בייז. זי האט אים נאך קיינמאל ניט געהערט ריידן אזוי פארביטערט און גראב צו איר. זײַנע ווערטער האבן זי טיף באליידיקט. ניט אלץ האט זי פארשטאנען. איינס האט געקלאפט אין איר באוווסטזײַן: ער האט זי אנגערופן גארישע ציג. ער, וולאדעק, האט זי אזוי באליידיקט! זי האט זיך אײַנגעקארמשעט פון פארדראס און ביטער זיך צעוויינט. איר געוויין האט אים אפגעקילט. ער האט אינסטינקטיוו זיך א ריס געטאן צו איר, נאר זיך אפגעשטעלט, פארצווייפלט א מאך געטאן מיט דער האנט און מיד זיך אוועקגעזעצט אף א שטול. יאנינא האט זיך א ווארף געטאן אף דער בעט און נאך שטארקער זיך צעוויינט.

דאס עסן איז געשטאנען אפן טיש ניט גערירט. ביסלעכווײַז איז איר געוויין שטילער געווארן. זי איז אינגאנצן שטיל געבליבן. ער האט ניט געוווסט, צי זי ווארט אדער שלאפט, מוירע געהאט אויסצודרייען דעם קאפ אין איר זײַט. ער האט זיך פארטראכט און בילדער פון דער ווײַטער פארגאנגענהײַט און פון הײַנט האבן אופגעלעבט.

ער האט זיך געזען אלס קינד אין ווארשע אין זייער ארעמער וווינונג לעבן דער ווײַסל. דער טאטע שטענדיק פארהארעוועט, פארדײַגעט, די מאמע פריצײַטיק אלט פון טראגן קינדער, שווערער ארבעט און ניט דערעסן. ער וואלגערט זיך מיט אנדערע קינדער אף דער גאס זומער און ווינטער. ווארשטאט, פאבריק, שווערע ארבעט, אקשאנעסדיקער ווילן דורכצושלאגן זיך, און אייביק איינזאם, אייביק מיט זיך אליין... מיליטער־דינסט... ארבעטלאזיקײַט... הונגער... רעקאמענדאציע פון איינעם אן אינזשעניער און שוין צוויי יאר, ווי ער געפינט זיך אין דער דאזיקער שטאט, ארבעט אלס מײַסטער אין דער הוטע. גוטע פארדינסטן, א רויִק לעבן, בענקשאפט נאך אן אייגענער היים, נאך א ווײַב... יאנינא... באקענט זיך מיט איר אף א פארווײַלונג אין שטאט־פארק, טייקעף ליב באקומען... אט ווען אזעלכע האט ער געטראכט אלס ווײַב... גליקלעכע עטלעכע פארליבטע כאדאשים... נאכדעם כאסענע. אן אייגענע וווינונג, א יונג שיין ווײַב. א סאך באקאנטע זײַנען אים מעקאנע...

וולאדעק פארנעמט זיך מיט פאליטיק ניט לאנג, פריער האט ער ניט באלאנגט צו קיין שום פארטיי און ניט געפילט קיין נויטווענדיקײַט אין דעם. אים האט אינטערעסירט בלויז די ארבעט, דער פארדינסט,

דאָס ארופארבעטנ זיכ, ווערנ זעלבשטענדיק. ער האָט פּאָשעט ניט פארשטאַנענ פארוואָס פארנעמענ זיכ מענטשנ מיט פּאָליטיק, אָפּ-פערנ זיכ, קריגנ זיכ. צו וואָס? דאָס איז א געשעפט פאר מענטשנ, וועלכע באַקומענ געהאַלט דערפאר, האָט ער זיכ געטראַכט, — אָבער ניט פאר אים. זאָלנ זיכ אנדערע ברעכנ דעמ קאָפּ.

דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיכ פאראינטערעסירט מיט פּאָליטיק אָפּ דער מיליטער-דינסט אונ אדאַנק יאַנעקנ. ער האָט זיכ מיט יאַנעקנ נאָ-ענט באַפרײַנדעט אונ אים ליב באַקומענ. געשלאָפנ צוויי יאָר צײַט נא-רעבאַנארע. יאַנעק האָט אָפטמאָל מיט אים, ווי מיט אנדערע סאָלדאַטנ, גערעדט וועגנ רעוואָליוציע, וועגנ דער בורזשואַזיע, יאַנעק האָט געבונטע-וועט די סאָלדאַטנ. יאַנעק האָט פאַרזיכטיק געטיילט אופרופנ אונ געצ-וואונגענ וולאַדעקנ איבערצולייענענ זיי. וולאַדעק האָט ניט אלצ פארשטא-נענ, נאָר אינ טאָכ מאסקעמ געווענ מיט די אופרופנ, אײַנגעזענ, אז די קאָמוניסטנ זײַנענ גערעכט. ער האָט אויכ פײַנט געהאַט די אָפיצערנ, נאָר דערמיט האָט ער זיכ באַנוגנט. ער האָט אָפטמאָל אײַנגעטײַנעט מיט יאַנעקנ:

— זאָל זײַנ, אז די קאָמוניסטנ זײַנענ גערעכט. ס'איז טאקע שלעכט. אָבער וואָס קאָנענ מיר טאָנ? געדענק, יאַנעק, מע וועט דיר נאָכ ארעס-טירנ. צו וואָס טויג דיר צו זיצנ אינ טפיסע?

יאַנעק האָט געלאַכט פונ אים.

— אז אלע וועלנ זײַנ אזעלכע פאַכדאָנימ, ווי דו, וועט דאָכ קיינמאָל ניט נעמענ קיינ סאָפּ צו די צאַרעס, וועלנ דאָכ אייביק די אָפיצערנ פײַ-ניקנ די סאָלדאַטנ, די בורזשואַזיע — די ארבעטער, די פריצימ — די פויערימ. הא, וולאַדעק? ס'מוז דאָכ אמאָל נעמענ א סאָפּ דערצו! אָנ אונדזער קאַמפּ וועט דאָכ עס אייביק בלײַבנ אזוי!

וולאַדעק האָט געשוויגנ. ער האָט ניט געוווסט, וואָס צו ענטפערנ אָפּ די דאָזיקע ארגומענטנ, ס'איז פאר אים געווענ ניט קלאָר, צי איז ער בעעמעס א פאַכדנ אָדער ער איז פּאָשעט ניט פייק צו זײַנ געזעל-שאַפטלעכ אקטיוו. ער האָט זיכ ניט געגריבלט אינ דעמ אונ דערבײַ איז עס פארבליבנ.

נאָכנ מיליטער-דינסט האָט ער זיכ אָפּט געטראָפנ מיט יאַנעקנ. אפי-לע צוויי מאָל מיטגעגאַנגענ מיט אים אָפּ קאָמוניסטישע פארזאמלונגענ. געוואָר ווערנדיק איינמאָל, אז יאַנעק איז ארעסטירט, האָט ער זיכ ערנסט

דערשראָקנ און באַמיט זיך ניט צו טראַכטנ מער וועגנ קאָמוניזמ. אינ דער צײַט פֿונ אַרבעטלאָזיקײַט און הונגער האָט ער ווידער געטראַכט אָפֿט און לאַנג וועגנ קאָמוניזמ, וועגנ אַנדערע אַרבעטער-פּאַרטייענ, זיך באַמיט צו פֿאַרשטײנ זייערע פּראָגראַמענ, וואָס ווילנ זיי. עטלעכע מאָל האָט ער אָנטייל גענומענ אינ דעמאָנסטראַציעס און געקליבנ זיך אָנצו-קניפּנ אַ קאָנטאַקט מיט די קאָמוניסטנ. נאָר אומגעריכט האָט ער באַ-קומענ אַ גוטנ אַרבעטס-פּאָסטנ און דאָס האָט אימ אָפּ אַ צײַט ווידער אָפּגעקילט. אָבער דאָסמאָל ניט אויפֿ לאַנג. ער האָט שוינ מער ניט גע-קאָנט לעבנ ווי אַמאָל. ער האָט אָנגעהויבנ צו אַלצ זיך צוצוקוקנ מיט אַנדערע אויגנ.

ער האָט שנעל אָנגעהויבנ צו באַמערקנ די שווערע לאַגע פֿונ די אַר-בעטער, די מערהײַט פֿונ וועלכע ס'איז באַשטאַנענ פֿונ ווײַסרוסנ. די באַ-דינגונגענ אינ דער הוטע: נידעריקע הונגער-לוינענ, גראָבע, ברוטאַלע באַהאַנדלונגענ, שמוציקע באַראַקנ צומ וווינענ ס'האָט זיך אינ אימ אָנגע-זאַמלט אַלצ מער פּראָטעסט און בונט. די אַרבעטער האָבנ עס ווי גע-פֿילט, און ביסלעכווײַז איז געקומענ די דערנענטערונג צווישנ דעמ פֿרעמדנ און זיי. אָפֿטמאָל — ער האָט ניט געוווּסט ווער עס האָט אימ אונטערגערוקט — האָט ער געפֿונענ אויפֿ זײַנ וואַרשטאַט קאָמוניסטישע אויפֿרופֿנ. ער האָט זיי פֿאָרזיכטיק באַהאַלטנ און נאָכדעמ געלייענט. די אַרבעטער האָבנ זיך מער ניט געהיט פֿאַר אימ. אימ האָט זיך געחוכמ, אַז ווי נאָר זיי האָבנ באַמערקט זײַנ דערנענטערונג צו זיי, האָבנ זיי אומישנע אָנגעהויבנ ריידנ וועגנ קאָמוניזמ, וועגנ שטרײַקנ און דאָס גלײַכנ. ער האָט זיך אויפֿמערקזאַמ צוגעהערט, אָבער אַלײנ קיינ וואָרט פֿאַרנ מויל ניט אַרויסגעבראַכט, ביז מיט 6 כאַדאָשימ צוריק, ווענ עס איז אויסגעבראָכנ דער שטרײַק. די אַרבעטער האָבנ אימ אויסגעקליבנ אינ שטרײַק-קאָמיטעט. ער האָט זיך געלאָזט אויסקלײַבנ און איז געוואָרנ זייער אַקטיוו. ער האָט געוווּנענ צוטרוי בײַ די אַרבעטער און איז געוואָרנ אויטאָריטעט. ער האָט געוווּסט, אַז מיטנ שטרײַק פֿירנ אָנ קאָמוניסטנ. ער האָט זיך אָנגעשטויסנ, אַז די מערהײַט אַרבעטער פֿונ שטרײַק-קאָמי-טעט זײַנענ מיטגלידער פֿונ דער קאָמפּאַרטיי. נאָר דאָס האָט אימ ניט אָפּגעשראָקנ, פֿאַרקערט, ער איז געווענ צופֿרידנ, מאַסקעמ געווענ אינ אַלצ מיט די דאָזיקע אַרבעטער און ערלעכ דורכגעפֿירט אינ לעבנ די באַשלוסנ פֿונעמ שטרײַק-קאָמיטעט. דער שטרײַק איז געווונענ געוואָרנ

און דאָס האָט נאָכ מער פאַרשטאַרקט זייַנ דערנענטערונג צו די ווייַסרוסישע ארבעטער.

נאָכנ שטרייַק איז פאַר אים קלאָר געוואָרנ, אז ווייַטער בלייַבנ א צושויער איז אומעגלעכ. עס מוז פאַרקומענ אנ ענדערונג אינ זייַנ לעבנ. ער מוז ווערנ געזעלשאַפטלעכ=אקטיוו. ער אַלייַנ האָט אָנגעהויבנ רעדנ גראָד מיט די ארבעטער, וועלכע ער האָט געהאַלטנ פאַר קאָמוניסטנ, געזוכט מיט זיי דערנענטערונג. ער האָט זייַנס דערגרייכט. שוינ פיר כאָדאָשימ ווי ער איז אינ דער פאַרטיי. אָפטמאָל נעמט אים אָנ א פאַרדראָס, פאַרוואָס איז ער אזוי שפּעט ארייַנגעטראָטנ.

ער האָט קיינמאָל ניט גערעדט מיט יאַנינען וועגנ פּאָליטישע איניאָנים, זיכ אפילע ניט פאַרינטערעסירט מיט אירע פּאָליטישע אָנשויונגענ. אים האָט זיכ געדוכט, אז זי האָט ביכלאל קיינ פּאָליטישע מיינונג. ער האָט געוווסט, אז זי באַזוכט יעדנ זונטיק דעמ קלויסטער. ער האָט עס געהאַלטנ עפּעס פאַר נאַטירלעכ. ער האָט זי באַטראַכט פריִער אלס געליבטע און דערנאָכ אלס ווייַב. ער האָט זי ערלעכ ליב געהאַט פאַר איר פרישקייט, ווייַבלעכקייַט, איבערגעגעבנקייַט, פאַר דער רויִקער שטוב, פאַר דער געמיטלעכקייַט, וואָס זי האָט אריַינגעבראַכט אינ זייַנ לעבנ. ער האָט זיכ קיינמאָל ניט באַמיט ארייַנצוקוקנ אינ איר נעשאָמע אונ אפילע ניט געפונענ פאַר נייטיק איבערצוגעבנ איר וועגנ וואָס ער טראַכט, — זייַנע געדאַנקענ, זייַנע פּאָליטישע אָנשויונגענ. ס'האָט זיכ אים געדוכט, אז אזוי דאַרפ זייַנ. טראַדיציע, געוווינהייַט, דערציִערונגענ פונ דער יוגנט, פונעמ לעבנ פונ זייַנע אייגענע טאַטע=מאַמע, — דאָס אלץ האָט נאָכ אינ א היפּשער מאָס געלעבט אינ אים אונ געדויערט, אונ אים האָט זיכ געדאַכט, אז ער לעבט ריכטיק. ניט ווילנדיק האָבנ זיכ פאַקטיש געשאַפנ צוויי וועלטנ. איינע — די פאַבריק, די פּאַרטיי, וואָס געהערט נאָר צו אים אַליינ, ווו ער אַליינ איז געווענ דער באַלעבאָס איבער זיכ אונ די צווייטע — די היים. יאַנינא, פאַמיליע־אינטערעסנ, ווו צוזאַמענ מיט אים עקזיסטירט אויכ זי, יאַנינא.

ער האָט זיכ צוזאַמענגעטראָפנ טאָגטעגלעכ מיט כאַווערטעס, ארבעטערנס, אזעלכע ווי יאַנינא, מיט וועלכע ער האָט גערנ גערעדט וועגנ פּאַרטיי=איניאָנים. נאָר דאָס זייַנענ געווענ כאַווערטעס, אונ יאַנינא איז זייַנ אייגנס, זייַנ ווייַב. צי האָט ער גוט געטאָנ? ער האָט איצט דערפילט, אז ער האָט געהאַנדלט פאַלש אונ נאַריש, אז עס לאָזט זיכ ניט

אָפּטײלנ דאָס געזעלשאַפטלעכע פונעמ פערזענלעכנ. ער האָט געפילט אַז ער איז באַגאַנגענ א פאַרברעכנ קעגנ יאַנינענ אונ קעגנ זיכ אַליינ. פאַרוואָס האָט ער איר פריִער ניט געזאָגט ווער ער איז? ס'וואָלט דאָכ ניט געקומענ צו דער הײַנטיקער סצענע. אָדער ער וואָלט זי איבערדערצײגנ, אָדער זײ וואָלטנ זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ. ער האָט געהאַנדלט ניט ערלעכ, ניט ווי א קאָמוניסט. וואָס טוט מענ איצט? איצט זײַנענ זײ פרעמדע, קימאַט סאָנימ. צי טאַקע סאָנימ? ניינ, ס'קאָנ ניט זײַנ. איז ער דאָכ אַמאָל אויכ געווענ פרעמד דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ערשט ניט לאַנג געוואָרנ א קאָמוניסט. פאַרוואָס-זשע יאַנינא, אויכ אַנ אַרבעטערנ ווי ער, פאַרוואָס זשע קאָנ זי ניט ווערנ קײנ קאָמוניסטקע? מיר וועלנ נאָכ זענ, ווער ס'איז שטאַרקער, דער גאַלעכ, אָדער איכ. דעריקער, ניט אופהערנ זיכ, באַמיִענ זיכ איבערצײַגנ זי. די הײַנטיקע סצענע איז געווענ אַנ עקלדיקע...

עס איז שוינ געווענ שפּעט אינ דער נאַכט. ער האָט ניט באַמערקט, ווי זי האָט זיכ אויסגעטאָנ אונ אַוועקגעלייגט זיכ. ער איז טראַכטנדיק אײַנגעשלאָפנ, זיצנדיק אויפנ שטול. ער האָט זיכ אופגעכאַפּט א מידער, א צעבראָכענער, א קוק געטאָנ אויפנ זייגער. דרײַ באַנאַכט, — שוינ באַלד צײַט אופצושטיינ. מאָרגנ דאַרפ מענ אײַנאָרדענענ א פאַרזאַמלונג אינ דער הוטע. צי וועט געלינגענ? ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ די באַשלוסנ פונ דער פּאַרטיי אונ אָנגעהויבנ זיכ שנעל אויסצוטאָנ. אַנ אויסגעטאָנענער האָט ער זיכ אָנגעטראָפנ מיט יאַנינעס בליק. זי איז געלעגנ מיט ברייטע אופגעעפנטע אויגנ, געקוקט אויפ אימ. אינ איר בליק איז געווענ ליבע, געבעט אונ פאַרדראָס. אירע נאַקעטע פולע הענט האָבנ גערופנ צו לײַדנשאַפטלעכע אומאַרעמונגענ אונ ליבע. ער איז צוגעפאַלנ צו איר אונ געשעפּטשעט:

— יאַנינא, אַנטשולדיק מיר. איכ האָב דיכ ניט געוואָלט באַליידיקנ. נאָר איכ קאָנ ניט אַנדערש. פאַרשטיי מיר.

נאָר זי האָט אימ ניט געלאָזט רײדנ. זי האָט אימ צוגעצויגנ צו זיכ א גליקלעכע אונ שײַנענדיקע.

— מיר ביידע זײַנענ געווענ נאַריש... וולאַדוסיא...—איכ ווייס גאָרניט. איכ ווייס נאָר אײנס — איכ האָב דיכ ליב, מער ווי אַלצ אינ דער וועלט האָב איכ דיכ ליב...—ער האָט גאָרניט געענטפערט. אימ האָט א שײַנ געטאָנ פאַר די אויגנ א נײַ לעבנ מיט איר אינ ליבע, אינ קאַמפ...

די מאַסאָווקע

ווי נאָר עס האָט זיך דערהערט דער פֿײַף פֿון דער פֿאַבריק־סירענע, האָבן די אַרבעטער אײַליק געוואָרפֿן די אַרבעט. זיך אַוועקגעזעצט אין גרופּן. אַרויסגעשלעפּט פֿון די קעשענעס עסן אײַנגעוויקלט אין פּאַפּיר און שנעל אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן מיטיק. טייל אַרבעטער זײַנען אַרויס אויפֿן הויף שפּאַצירן, געשמועסט. פֿיליפּ איז צוגעגאַנגען צו וולאַדעקן און אים אַוועקגערופֿן אָן א זײַט.

— דער כאַווער איז שוין געקומען, — האָט ער אים שטיל אײַנגערוימט אין אויער, — גיי אַרײַן אינעווייניק, איך וועל אַרײַנשיקן די, וועלכע זײַנען אין הויף.

וולאַדעק האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרײַן אין דער פֿאַבריק־געבײַדע. טייל אַרבעטער, זעענדיק אים אַרײַנקומען, האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון זייערע ערטער און זײַנען צוגעגאַנגען נענטער צו אים. ער האָט צו זיי א ווינק געגעבן, און זיך אַוועקגעשטעלט אין דער מיט פֿון זאַל, לעבן א לאַנגן טיש אָנגעלייגט מיט גלאָז. ביסלעכווײַז האָבן זיך אַלע איבעריקע אַרבעטער גענומען גרופּירן אַרום טיש. פֿון דרויסן זײַנען ניט אײַלנדיק אַרײַנגעקומען גרופּעס אַרבעטער. דער זאַל איז איבערפֿולט געוואָרן.

וולאַדעק האָט דערזען אַרײַנקומען פֿיליפּן מיט דעם אומבאַקאַנטן און איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן טיש. די טיר האָט זיך צוגעמאַכט. איינציקע אַרבעטער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער טיר. איינציקע האָבן אויפֿמערקזאַם געקוקט דורך די פֿענצטער, צי קיינער גייט ניט. וולאַדעק האָט געעפֿנט די פֿאַרזאַמלונג.

— כאַווייריִם, ס'דערנענטערט זיך דער ערשטער מײַ, דער טאָג פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. מיר, א טייל פֿון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און פּויערים אין פּוילן, דאַרפֿן צוזאַמען מיט זיי אויך דאָס יאָר אָנטיילנעמען אין די ערשטע־מײַיקע אַרויסטרעטונגען אונטער די רויטע פֿענער פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. צווישן אונדז געפֿינט זיך א גאַסט, וואָס איז געקומען צו דערציילן אונדז אונטער וועלכע קאַמף־לאָזונגען וועט דער אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן פֿײַערן דעם הײַיאָריקן ערשטן מײַ. איך גיב דעם כאַווער דאָס וואָרט.

די אַרבעטער האָבנ זיכ נאָכ ענגער צוגערוקט צומ טיש. אפנ טיש האָט זיכ באַוויזנ דער רעדנער. דאָס איז געווענ אַ יונגער מענטש פונ אַ יאָר 25-30, פונ מיטעלנ וווּקס מיט אַ טיפ-אַראָפּגערוקטע היטל. דער אופגעשטעלטער קראַגנ פונ מאַנטל האָט פאַרשטעלט אַ העלפט פונ זײַנ געזיכט. די שמאָלע שאַרפע פּלײצעס זײַנענ געווענ אַ ביסל אײַנגעבויגנ און ווענ ער האָט גערעדט, האָט זיכ די רעכטע פּלײצע בײַ אימ נאָכ נידעריקער אַראָפּגעלאָזנ, עס האָט זיכ געשאַפנ אַנ אײַנדרוק, אַז אײנ פּלײצע איז בײַ אימ נידעריקער פונ דער צווײטער.

דער רעדנער האָט אינ קורצנ זיכ אָפּגעשטעלט אפ דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, אפ דער פּאָליטישער סיטואַציע אינ לאַנד, באַזונדערס אינ ווײַסרוסלאַנד. ער האָט שאַרפ קריטיקירט די פאַרעטערישע ראָליע פונ די סאָציאַליסטנ, פּפּס אונ „בונד", פונ די ווײַסרוסישע נאַציאָנאַל-פאַשיסטנ. ער האָט גערופנ שאַפנ אַ רעוואָליוציאָנערנ אײנהײט-פראָנט. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ דער לאַגע פונ די אַרבעטער אינ שטאָט אונ דאָרפ. פאַרבונדנ מיטנ לעצטנ שטרײַק אינ דער הוטע, האָט ער קלאָר פאָרמולירט די קאַמפ-לאָזונגענ צומ ערשטנ מײַ. ער האָט גערופנ די אַרבעטער פונ דער הוטע צו זײַנ דער אוואַנגאַרד אינ דער ערשטמײַיקער דעמאָנסטראַציע פונ אײנהײט-פראָנט אונטער די פענער פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ.

דער רעדנער האָט נאָכ ניט באַוויזנ צו ענדיקנ, ווי בײַ דער טיר איז געוואָרנ אַ טומל. עמעצער האָט פונ דרויסנ זיכ אַרײַנגעריסנ. דער רעדנער האָט געוואָרפנ אַנ אומרויִקנ בליק צו דער טיר אונ שנעל פאַרענדיקט מיטנ רופ צומ אַלגעמײנעמ שטרײַק, צו דער דעמאָנסטראַציע, אונ איז אַראָפּגעשפּרונגענ פונ טיש. די טיר האָט זיכ אופגעריסנ. ס'האָט זיכ באַוויזנ דער דירעקטער פונ פאַבריק, באַגלײט פונ עטלעכע וועכטער. דער דירעקטער, אַ צעהיצטער, אַ בײזער, האָט געשריִענ אונ געדראָעט.

— אַ קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונג בײַ מיר אינ פאַבריק! איכ וועל אײַכ אַלע לאָזנ אַרעסטירנ! איכ רופ גלײַכ פּאָליציי! וווּ איז דער רעדנער?.. קאָמוניסטנ לאָזט איר אַרײַנ צו מיר! רופט פּאָליציי!.. פאַרמאַכנ דעמ טויער, קײנעמ ניט אַרויסלאָזנ!

ס'איז געוואָרנ אַ טומל, די אַרבעטער האָבנ געקוקט מיט סינע אפנ דירעקטער. פונ די אונטערשטע רײענ האָט זיכ דערהערט אַ דראָענדיקע שטימע.

— וואָג צו רופנ פאָליציי!... מיר וועלנ דיר מאכנ מיט א קאָפ קירצער, בלוטזויגער!..

דער דירעקטער, א דערשראָקענער, האָט זיכ שנעל צוגערוקט צו דער טיר. געקומענ צו זיכ, האָט ער הרחאָענדיק אויסגעשריענ:

— איכ וועל געוואָר ווערנ ווער עס איז דער באגדיט, וואָס דראָעט מיט מאָרד. מיר וועלנ זענ, ווער וועמענ... אינ פוילנ עקזיסטירט נאָכ פאָליציי! דאָס זיינענ אײַכ ניט די פארשאָלטענע סאָוועטנ.. איכ וועל לאָזנ ארעסטירנ אלע קאָמוניסטנ.

אינ טומל האָבנ פיליפ, וולאָדעק מיט נאָכ עטלעכע ארבעטער ארומגערינגלט דעמ רעדנער אונ דורכשטופנדיק זיכ צווישנ דעמ עולם, וועלכער האָט זיי פארשטעלט, זיכ צוגעקליבנ צומ פענצטער אינ עק פונ זאל, פאָרזיכטיק אנ עפנ געטאָנ א ראַמ אונ ארויסגעשפרונגענ אפנ הויפ. זיי האָבנ זיכ פאָרזיכטיק געגאַנוועט פארבײַ די קאסטנס מיט גלאָז, וועלכע האָבנ זיי פארשטעלט פונ די וועכטער, וואָס זיינענ ארומגעלאָפנ אינ הויפ. זיי זיינענ צוגעלאָפנ צומ פלויט אונ געהאָלפנ דעמ רעדנער אריבערשפרינגענ.

ווענ דער רעדנער איז געווענ אפ יענער זייט, האָט וולאָדעק פרײַ אָפגעאָטעמט.

— צווישנ אונדז געפינענ זיכ שפיאָנענ. פונוואַנענ איז דער פאבריקאנט אזוי שנעל געוואָר געוואָרנ, אז בא אונדז קומט פאָר א פארזאמלונג?!

פיליפ האָט זיכ צעלאכט.

— דו ביסט ערשט געוואָר געוואָרנ, אז אינ דער פאבריק געפינענ זיכ קאָנפידענטנ? מיר ווייסנ דאָס שוינ פונ לאנג. עטלעכע פונ די דאָזיקע אויסוואורפנ קענענ מיר. די הײַנטיקע פארזאמלונג איז א געלונגענע. דו האָסט געזענ די שטימונג בא די ארבעטער? א גלענצנדיקע! איכ בינ זיכער, אז די מערהייט וועט גיינ אפ דער דעמאָנסטראציע. אונדזער הוטע וועט שטרײַקנ. אפילע די שפיאָנענ, אויס מוירע ניט צו קאָמפּראָמעטירנ זיכ, וועלנ אויכ שטרײַקנ.

זיי האָבנ זיכ אוועקגעזעצט אפ א קאסטנ אונ שנעל זיכ בארעטנ וואָס ווײַטער צו טאָנ.

— די אויפרופנ, — האָט פיליפ פארענדיקט, — דארפנ מיר צעטיילנ הײַנט, איידער די ארבעטער פארלאָזנ די פאבריק. נאָכ דער הײַנטיקער

פאַרזאַמלונג וועט זיכער פאַרשטאַרקט ווערנ דער קאָנטראָל פונ דער דירעקציע אונ פּאָליציי. מאָרגנ קאָנ שוינ זיינ צו שפּעט. קיינער זאָל ניט שלאָפנ אינ דער היים. טאָמער רופט דיכ דער דירעקטער, זאָלסטו זאָגנ, אַז דאָס איז געווענ א פאַרשטייער פונ פאַריינ, וועלכער האָט גערעדט וועגנ פאַריינ־איניאַנים. דער דירעקטער איז א קלוגער פוקס. ער וועט דיכ שוינ האָבנ אפנ אויג. אָבער ער וועט צוליב דער היינטיקער פאַרזאַמלונג ניט וועלנ קאָמפּראָמעטירנ זיינע שפּיאָנענ אונ שטעלנ זיי אויג אפ אויג מיט דיר. אַזוי איז שוינ איינמאָל געווענ מיט וואָלאָדימירנ.

זיי זיינענ זיכ פונאַנדערגעגאַנגענ. געוואָר ווערנדיק, אז דער רעדנער איז פאַרשוואונדנ, האָט דער דירעקטער קיינ פּאָליציי ניט גערופנ. נאָכ דער אַרבעט האָט מענ וואָלאָדעקנ גערופנ צום דירעקטער. וואָלאָדעק איז געווענ זיכער, אַז ס׳וואַרט שוינ אפ אים די פּאָליציי. ער האָט געכאַפּט אנ איינערלעכנ ציטער.

דער דירעקטער האָט אים באַגעגנט פריינטלעכ, מיט א ביטערנ שמייכל אפ די ליפּנ.

— איכ האָב זיכ ניט גערעכנט אפ אייכ. איר, א פּאָליאַק, זאָלט גיינ צוזאַמענ מיט די בונטאָווּשטשיקעס. איכ האָב פונ אייכ זייער געהאַלטנ. איר האָט געהאַט אַזאַ גוטע רעקאָמענדאַציע. ס׳מוז זיינ א מיספאַרשטייעניש. וואָס בינדט אייכ מיט זיי?

די זיסע ביטערע רייד האָבנ וואָלאָדעקנ אָפּגעגאָסנ, ווי מיט קאַלט וואַסער. ס׳האָט אים אַרומגענומענ אַנ עקל צו דעם האָזיקנ צופרידענעם מיט זיכ, אָנגעפרעסענעם פאַבריקאַנט. ער האָט פאַרשטאַנענ, אַז דער פאַבריקאַנט שפּילט זיכ מיט אים, וועלנדיק אים אַזוי אַרום אַריינציִענ. ער האָט קאַלט אָפּגעענטפערט.

— איכ פאַרשטיי ניט, וואָס איר מיינט. איכ קענ דאָ ניט קיינע בונטאָווּשטשיקעס. איכ ווייס ניט פאַרוואָס האָט איר זיכ אַזוי צעהיצט. איר האָט דאָכ אַליינ אָנערקענט דעם פאַריינ. מיר האָבנ היינט געהאַט א פאַריינ־פאַרזאַמלונג אינ פאַבריק. צו וואָס דער טומל אונ דאָס דראָענ מיט פּאָליציי? דאָס האָט טאַקע אויפגערעגט די אַרבעטער.

דער דירעקטער האָט אַלצ געשמייכלט אונ ביטערע געקוקט אפ וואָלאָדעקנ.

— איר זייט א גוטער אַרבעטער. מיר דאַרפנ אייכ. אָבער געדענקט איינ זאַכ — פאַראַנ א סאַכ גוטע אַרבעטסלאָזע אַרבעטער איצט... א סאַכ

גוטע מייסטערס בעטנ זיכ בא מיר ארבעט. איכ וואלט זייער באדוי־ערט — האט ער צוגעגעבנ מיט א פרומער מינע, — ווענ די פאליציי וואלט מיר צוגענומענ אזא גוטנ מייסטער, ווי איר. א צווייט מאל, אויב איר ווילט זיינ אינ ארדענונג מיט דער פאליציי, גיט מיר פריער בעסער צו וויסנ, אז עס דארפ פארקומענ א „פאריינ־פארזאמלונג“.

וולאדעקנ האט א זעצ געטאנ דאס בלוט אינ געזיכט. ער האט זיכ אבער טייקעפ באהערשט אונ ניט ענטפערנדיק קיינ ווארט האט ער פאר־לאזט דעם קאבינעט פונ דירעקטער.

נאטאשע

אינ דער געדיכטער נאכט־פינצטערניש איז געווענ שווער צו געפינענ דעם וועג. די קלעפיקע ערד האט געצויגנ די פיס, ווי מיט סמאלע, גע־ריסנ די בלאטיקע שטיוול פונ די פיס. שווער אטעמענדיק, האט איוואנ געשפרייזט איבער די פעלדער. אינ די אויערנ האט נאכ אפגעהילכט דאס זשוזשענדיקע פייפנ פונ די קוילנ. ער האט זיכ אומגעקוקט. פונ־וויטנס האבנ געפינקלט עטלעכע קליינע פייערלעכ אינ דארפ. ס'האבנ אפגעהילכט איינציקע ווייטע שאסנ.

ער האט זיכ אנגעשטויסנ אפ א פאר הויכע דיקע ביימער. ער האט פארקערעוועט אונ א זייט, געפונענ א שמאלע אויסגעטראטענע סטעזש־קע. ערגעצ ווייטלעכ האבנ הינט בייז זיכ צעבילט. ער איז געבליבנ שטיינ. אויב די פריצישע וועכטער וועלנ אים פאנג, וועלנ זיי אים טיי־קעפ איבערגעבנ דער פאליציי. ער האט געווארט עטלעכע מינוט. דאס בילנ האט אופגעהערט. ער האט אראפגעצויגנ פונ זיכ די שטיוול, בא־מיט זיכ ניט צו מאכנ קיינ טומל אונ לאנגזאמ אוועקגעשפרייזט. אונ א זייט, אפגעזונדערט פונ די פריצישע בוידנגענ איז געשטאנענ א נידע־ריקע איינזאמע כאטע. ער האט שטיל אנגעקלאפט אינ פארמאכטנ פע־נצטער.

— ווער איז? — האט זיכ דערהערט א פארשלאפענע ניטבאקאנטע פרויענ־שטימ.

איוואנ איז געבליבנ שטיינ צעטומלט. צי האט ער זיכ ניט טויע געווענ?

— איכ דאַרפ נאַטאַשענ! — האָט ער ניט זיכער זיכ אָפּגערופנ.

די טיר האָט זיכ געעפנט אונ א פרויענ-געשטאַלט אינ א ווײַס העמד האָט זיכ באַוויזנ. די זעלבע אומבאַקאַנטע שטימ האָט אימ אײַנגעלאַדנ אַרײַנצוגײנ. אינ צימער איז געווענ פינצטער. א פרעמדע האַנט האָט אימ צוגעפירט צו א בעט.

— וואָס איז געשענ, איוואַנ? — האָט ער דערהערט נאַטאַשעס אומרויִקע שטימ.

ער האָט פרײַ אָפּגעאָטעמט אונ ניט געענטפערט. נאַטאַשע האָט ווי געלייענט זײַנע געדאַנקענ.

— דו קאָנסט דרייסט רעדנ. דאָס איז מאַרוסיע, א קאָמיוניסטנ. א גוט מיידל, א זיכערע.

— איכ בינ נאַרוואָס אַנטלאָפנ פונ דער פּאָליציי. דאָס גאַנצע דאָרפ איז אַרומגערינגלט.

— אונ דימיטרי? — נאַטאַשעס שטימ האָט געציטערט.

— ער איז ניט געקומענ אונ גוט געטאָנ. אויסגעמיטנ אַרעסט.

אינ דער פינצטער, — צינדנ פײַער האָט מענ ניט געטאָרט, דאָס האָט געקאָנט צוציענ די אויפמערקזאַמקײַט פונ פּאָרעצס גוט — האָבנ ביידע באַטראַכט די געשאַפענע לאַגע. איוואַנ מוז פאַרלאָזנ דאָס דאָרפ איבערנ ערשטנ מײַ, אַניט וועט ער זיכער אַרעסטירט ווערנ. נאַטאַשע וועט צײַטווײַליק איבערנעמענ די אָנפירונג מיטנ ראַיאָנ אונ די גאַנצע צוגרייטונג-אַרבעט צומ ערשטנ מײַ. זאָל זי זיכ פאַרבינדנ מיט דימיטריענ. ס'איז אָנגעקומענ א דירעקטיוו פונ קרײַז-קאָמיטעט, אומ יעדנ פרײַז אײַנאָרדענענ דעמ האָזיקנ ערשטנ מײַ א דעמאָנסטראַציע אינ שטאָט מיטנ אָנטייל פונ אַלע אַרומיקע דערפער. אַפ אונדזער ראַיאָנ לייגט דער קרײַז-קאָמיטעט באַזונדערע האָפענונגענ. נאַטאַשע מוז גלײַכ צומאָרגנס צונויפזאַמלענ די פאַרבליבענע, ניט אַרעסטירטע כאַווייריִמ, גענוי אינפאָרמירנ זיי אונ אָננעמענ אַלע מיטלענ פאַר דערפאָלג. דימיטרי האָט געזאָלט הײַנט קומענ אונ איבערגעבנ א גענויע אינסטרוקציע, נאַטאַשע וועט מוזנ זיכ טרעפנ מיט אימ אונ אינ צווייענ וועלנ זיי אויסאַרבעטנ דעמ פּלאַנ פאַרנ גאַנצנ ראַיאָנ. גוט וואָלט געווענ, ווענ עס געלינגט אַרײַנצוציִענ אינ דער מײַ-קאַמפּאַניע די באַטראַקעס פונ פּאָרעצס גוט.

— דאָס איז זייער א שווערע אופגאבע. איכ אַרבעט שוינ א פּאָר כאדאָשימ צווישנ זיי, נאָר ביז איצט מיט שוואכנ דערפאָלג.

— פאַרוואָס? זיי האָבנ ניט קיינ צוטרוי צו דיר?

— ניינ. צו מיר פערזענלעכ באַציִענ זיי זיכ ניט שלעכט. טייל זייער גוט. דאָס איז ניט די פראגע בלויז פונ צוטרוי. די סיבעס זײַ־נענ פיל טיפערע.

— וועלכע?

— ווי דו ווייסט, לעבנ אונדזערע פויערימ אונ די פריצישע באַט־ראַקעס מיט אָפּגעזונדערטע איינע פונ די אנדערע. מע גייט ניט איינע צו די אנדערע. מע באַציט זיכ מיט קעגנזײַטיקנ אומצוטרוי אונ אָפּ־געפרעמדטקייט. אונדזערע פויערימ האָבנ די באַטראַקעס ניט ליב אונ באַטראַכטנ זיי אלס פריצישע מעשאָרסימ. זיי מיינענ, אז יעדער באַ־ליאַק איז זייערס א סוינע. אפילע א סאַכ פונ אונדזערע כאַווײרימ האַלטנ זיכ באַ דער דאָזיקער געפערלעכער מיינונג. זיי ווילנ מיט זיי ניט האָבנ קיינ שומ געמיינזאַמס. אלצ, וואָס איז פויליש, איז זיי פײַנטלעכ. מיר האָבנ א לאנגע צײַט ניט פאַרשטאַנענ, אז דאָס איז קעגנ אונדז, אז דאָס העלפט די פריצימ צו האַלטנ די באַטראַקעס אָפּגעזונדערטע פונ אונדז.

— א סאַכ באַטראַקעס זײַנענ טאַקע פריצישע מעשאָרסימ. זיי קוקנ מיט גײַווע אונ פאַראַכטונג אפּ אונדז.

— דאָס איז ניט ריכטיק, איוואַנ. באַ דיר איז אויכ פאַראַנ דער דאָזיקער געפערלעכער פאָרורטייל. ס'איז עמעס, ס'געפינענ זיכ א סאַכ פינצטערע, אומוויסנדע. נו, אונ באַ אונדז זײַנענ דענ ניט פאַראַנ אזוי־נע? די מערהײַט פונ זיי איז אומצופרידנ, פאַרביטערט, האַסט דעמ גראַפ. נאָר די מוירע פאַר אַרבעטלאָזיקײַט, אַרויסגעוואָרפנ צו ווערנ אפּ דער גאַס מיט די פאַמיליעס, דער טעראָר פונעמ עקאָנאָמ, גאַלעכ, דער שפּיאָנאַזש, אונ זיי זײַנענ ניט אָרגאַניזירט. דער פעפעסישער פאַרייִנ טראַכט אפילע ניט וועגנ אָרגאַניזירנ די היגע באַטראַקעס. דאָס אלצ צוזאַמענ ווירקט, האַלט זיי צוריק. דערצו — דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. זיי זײַנענ פּאָליאַקנ. מיר — ווײַסרוסנ. זיי איז פרעמד דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונג־קאַמפ פונ די ווײַסרוסישע אַרבעטנדיקע מאַסנ. זיי פאַרשטייענ ניט אונדזערע צילנ. זיי מיינענ, אז אונדז גייט נאָר אומ איינ זאַכ — זיכ אָפּצורײַסנ פונ פוילנ.

זי האָט עטלעכע מינוט געשוויגנ.

— ניט לאנג צוריק האָט מיר איינער געזאָגט: „איר ווילט, אז מיר זאָלנ גיינ מיט אייַכ צוזאמענ? פארוואָס זאָלנ מיר עס טאָנ? איר ווילט ערד פאר די פויערימ. ווענ איר וועט זי באקומענ, וועט איר אונדז פארטרייַבנ פונדאנענ. איר ווילט ווייַסרוסלאנד פאר אייַכ. אונ אונדז וועט איר ארויסווארפנ. מיר דארפנ זייַנ נאראָנימ, אז מיר זאָלנ אייַכ העלפנ דערינ". דימיטרי איז טויזנטער מאָל גערעכט. ער האָט ניט איינ מאָל געזאָגט, אז מיר האָבנ פארנאכלעסיקט די ארבעט צווישנ די באטראקעס. דער גאלעכ אָבער טוט זיכ זייַנס. ער אגיטירט, פאר־שפרייט רעכילעס, העצט קעגנ אונדז. דאָס ווירקט. ווענ איכ האָב אופ־געקלערט דעם האָזיקנ באטראק, אז דאָס איז ניט ריכטיק, אז קאָ־מוניסטנ קעמפנ פאר דעם, אז די ערד זאָל געהערנ, צו אלע, וואָס ארבעטנ אפ איר, צו דער ארבעטער־מעלוכע, אז קיינער וועט זיי ניט פארטרייַבנ פונ דאנענ, נאָר פארקערט, אזוי ווי אינ ראטנפארבאנד, וועט די ארבעטער־פויערימ־מעלוכע זיכ קוידעמקאָל שטיצנ אינ דאָרפ אפ די באטראקעס אונ די אָרעמע פויערימ, אז מיר באטראכטנ זיי אלס דעם רעוואָלוציאָנערנ אוואנגארד אינעם דאָרפ. ווענ איכ האָב אימ דערציילט וועגנ די סאָוכאָזנ אונ קאָלכאָזנ אינ ראטנפארבאנד, וועגנ ברידערלעכנ צוזאמענלעבנ פונ די ווייַסרוסנ, פאָליאקנ אונ ייִדנ, וואָס בויענ צוזאמענ דאָס סאָציאליסטישע ראטנווייַסרוסלאנד אונ דעמ גאנצנ סאָוועטנפארבאנד, האָט ער מיכ אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי. ער האָט מיר פּאָשעט ניט געגלייבט.

זי האָט א שמייכל געטאָנ.

— כ'האָב עטלעכע טעג געטראכט וויאזוי אימ צו איבערצייַגנ. פונקט אינ דער האָזיקער צייַט האָבנ מיר באקומענ אפ פויליש דעם אופרופ פונ צענטראל־קאָמיטעט. איכ האָב אימ געגעבנ צו לעזנ. אינ עטלעכע טעג ארומ איז ער צו מיר געקומענ א פארשעמטער, א שטאמלדיקער: „איכ זע, אז דו האָסט ניט געזאָגט קיינ ליגנ. דער דאָ־זיקער אופרופ שרייַבט דעמ עמעס. איכ האָב אייַכ ניט געגלייבט, נאָר — האָט ער צוגעגעבנ — דאָס איז אייַער אייגענע שולד. איר האָט גאָרניט געטאָנ אונדז צו דערציילנ דעמ עמעס. דאָס ערשטע מאָל, וואָס איכ לייענ א קאָמוניסטישנ אופרופ אינ דער פוילישער שפראכ. ביז איצט האָט איר אונדז געשפייַזט מיט ווייַסרוסישע אופרופנ. איר

האָט האָב גוט געוווּסט, אַז מיר לייענענ ניט קיינ ווײַסרוסיש". ער איז גערעכט, איוואַנ. ס'איז אונדזער אייגענע שולד. ס'פאָדערט זיך אַ קער סיידערדיקע אַקשאַנעסדיקע אַרבעט צווישנ זיי. ניט איינמאָל האָב איך שוינ געטראַכט, ווי גערעכט ס'איז געווענ דימיטרי, ווענ ער האָט מיר געהייסנ גיינ אַרבעטנ אינ פּריצישנ גוט.

די גאַנצע צײַט פונ זייער געשפּרעך איז מאַרוסיע געלעגנ אומ־ באַוועגלעך אויפנ בעט. זי האָט אויפמערקזאַמ זיך צוגעהערט ניט אַרײַנ־ מישנדיק זיך. ווענ ביידע זײַנענ שטיל געבליבנ, האָט זי זיך ניט דרייסט אָפּגערופנ:

— ס'וואָלט גוט געווענ מאָרגנ צוצושיקנ אַנ אַגיטאַטאָר אינ פּרי־ צישנ וואַלד.

נאַטאַשע האָט זיך צעלאַכט.

— דו ווילסט, מאַרוסיע, אַז מיר זאָלנ אַגיטירנ די ביימער?

— ניט די ביימער, — האָט מאַרוסיע אַ באַליידיקטע זיך אָפּגע־ רופנ, — די לעבעדיקע מענטשנ.

— וואָס פאַר אַ מענטשנ?

— איך האָב נעכטנ געוואַשנ די פענצטער אינ גראַפס קאַבינעט, האָב איך זיך צוגעהערט צו אַ געשפּרעך צווישנ גראַפ אונ זײַנ עקאָ־ נאָמ. דער גראַפ האָט געשלאָסנ עפּעס אַ קאָנטראַקט אונ מאָרגנ הייבט מענ אָנ האַקנ דעמ גראַפס וואַלד. עטלעכע הונדערט מענטשנ דאַרפנ זיך מאָרגנ שטעלנ צו דער אַרבעט. ס'וואָלט גוט געווענ צו האָבנ עמעצנ אַנ אונדזעריקנ דאָרטנ.

איוואַנ איז האַסטיק אויפגעשפּרונגענ.

— זײַט געזונט, איך מוז גיינ.

נאַטאַשע האָט אימ אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— וווּהינ, משוגענער? דו ווילסט מע זאָל דיך אַרעסטירנ. בלײַב דאָ ביז מאָרגנ אינאָוונט. מאָרגנ וועלנ מיר זענ, ווי דו קאָנסט זיך פאַר דער צײַט אויסבאַהאַלטנ.

— אויב כ'וועל דאָ בלײַבנ, וועט דימיטרי מאָרגנ אַרעסטירט ווערנ.

— וויאַזוי?

— דימיטרי געפינט זיך אינ וואַלד!

נאַטאַשע האָט אָפּגעלאָזט זײַנ האַנט אונ גענומענ זיך האַסטיק אָנטאָנ.

— זאָג מיר ווו ער געפינט זיכ. איכ וועל גיינ אימ וואָרענענ און דו בלײַב דאָ. — זי האָט אינגאַנצנ געציטערט.

איוואַנ האָט צערטלעכ ארופגעלייגט זײַנ האַנט אפ אירע אקסלענ.

„זי האָט ליב דימיטרינ“ — האָט אימ אַ נאָג געטאָנ באַמ הארצנ.

— ניינ, נאַטאַשע, דו וועסט ניט גיינ. דו טאָרסט איצט ניט ריזיקירנ. אויב דו וועסט ארעסטירט ווערנ, פאַלט דורכ די ערשטמײַקע קאַמפּאַניע אינ אונדזער ראַיאָנ. דו ביסט קימאַט די אײנציקע, וועמענ די פּאָליציי זוכט נאָכ ניט.

ער האָט געפילט, ווי איר הארצ קלאַפּט האַסטיק. איר אקסל האָט געציטערט אונטער זײַנ האַנט. זי האָט אימ ניט ליב. ס'איז פּײַנלעכ און שווער. אימ האָט זיכ געדוכט, אז נאַטאַשע קאָנ אימ ליב באַקומענ. גאָר ער האָט אַ טאָעס געהאַט. פאַר אימ איז זי אַ גוטע כאַווערטע, אָבער ניט מער...

נאַטאַשע האָט אינערלעכ געברויזט. זענ דימיטרינ. דריקנ זײַנ האַנט. ווער ווייסט צי זיי וועלנ זיכ נאָכ ווענ עס איז טרעפנ... זענ אימ כאָטש אינ דער פינצטער... הערנ זײַנ שטימ און אײַנקריצנ אינ זיקאָרנ אפ לאַנג, לאַנג... ניינ, ס'איז אומעגלעכ... איוואַנ איז גערעכט. זי מוז דאָ בלײַבנ. זי האָט זיכ באַרויִקט.

— אָבער מע קאָנ דאָכ דיכ ארעסטירנ. און אָנשטאָט צו ראַטעווענ דימיטרינ, וועט איר ביידע ארײַנפאַלנ. לאָמיר שיקנ מאַרוסיענ.

— ניינ, מאַרוסיע וועט אימ ניט געפינענ, און אויב אפילע יאָ, וועט ער מיט איר ניט וועלנ ריידנ. ער קענ זי ניט. ס'איז איצט פינצטער. די פּאָליציי איז פאַרנומענ מיט די רעוויזיעס. איכ וועל באַוויזנ ביז פאַרטאָג צו זענ אימ. ביזנ ערשטנ מײַ וועט ער קאָנענ זיכ אויסבאַהאַלטנ בײַ ניקיטעס שוואָגער. נאָכנ ערשטנ מײַ וועט ער זיכ פאַרבינדנ מיטנ קרייז-קאָמיטעט. דימיטרי קאָנ דאָ לענגער ניט פאַרבלײַבנ.

— און דו?

— איכ וועל ביזנ ערשטנ מײַ זײַנ בײַ פראָקאָפנ. אינ דאָרפ... נאָכנ ערשטנ מײַ קומ איכ צוריק אינ דאָרפ. אויסער שפּיאָנישע יעדיִעס האָבנ זיי קענונ מיר גאָרניט. איכ רעכנ, אז איכ קאָנ זיכ נאָכ האַלטנ אַ געוויסע צײַט.

ווענ איוואַנ האָט פאַרלאָזט די כאַטע, האָט געגאָסנ אַ שווערער, קאַלטער פרילינג־רעגנ. די קעלט האָט אימ דורכגענומענ אפ דורכ און

דורכ. ער האָט זיכ געטוליעט אינ זײַנ לײַכטער מארינארקע, אופגעשטעלט דעמ קאָלנער, אײַנגעקוועטשט דעמ קאָפּ אינ די אקסלענ.

„דער רעגנ וועט פארווישנ די שפּורנ פונ מײַנע טריט,“ — האָט ער צופרידנ געטראכט.

וולאדימיר

— סעמיאָנ, איר האָט געלייענט לוצקעוויטשעס[1] בראָשור וועגנ דער געשיכטע פונ דער הראָמאדע?

— געלייענט.

— נו, ווי געפעלט דאָס אײַכ?

סעמיאָנ האָט א ווײַלע שטומ געקוקט אפ וולאדימירנ. „ווער איז ער?“ — האָט א געדאנק געקלערט. ער קענ שוינ וולאדימירנ עטלעכע מאָנאטנ. אלע כאווײרימ האָבנ וועגנ אימ א גוטע מייגונג. דער צענטער האָט אימ רעקאָמענדירט אלס אנ אײַנפלוסרײַכנ ווײַסרוסישנ טוער, אלס א מענטשנ, וואָס קאָנ ברענגענ זייער פיל נוצנ דער באַוועגונג. וולאדימיר איז א פייִקער מענטש, ער פארמאָגט א לײַכטע לעבעדיקע פעדער, ער איז א גוטער פאָלעמיסט אונ רעדנער. ער האָט א גרויסע ווירקונג אפ דער ווײַסרוסישער אינטעליגענצ, באזונדערס אפ די גימנאזיסטנ פונ דער ווײַסרוסישער גימנאזיע. ער איז מאסקעט אונ פילט אומ אלע באשלוסנ פונ דער פארטיי. ער האָט איניציאטיוו, קענ זייער גוט די ווײַסרוסישע נאציאָנאלע באפרײַונג-באוועגונג. ס'איז מיט אימ לײַכט צו ארבעטנ. אונ דאָכ, טיילמאָל דאכט זיכ סעמיאָנענ, אז דער דאָזיקער מענטש טראָגט אפ זיכ א מאסקע. פארוואָס דאכט זיכ עס אימ?

וולאדימיר זיצט אינ א פרײַער פאָזע פארלייגט א פוס אפ א פוס, רייכערט א פאפּיראָס. זײַנ בליק איז געווענדעט צו דער וואנט, צו א פאָטאָגראפיש בילד פונ דרײַ יונגע מיידלעכ אינ גימנאזיסטישע קליידער. אפנ לינקנ האנד פונ דער פאָטאָגראפיע איז מיט א נאַיווער, נאָכ קינדערישער האנטשריפט אָנגעשריבנ: „אונדזער ליבנ לערער אונ וועגווײַזער“. צי איז עס טאקע אזוי? ער איז פעסט געבויט, ברייטע פלייצעס, אנ אויסדריקלעכ סימפאטיש געזיכט. נאָר דער קרומער

1 לוצקעוויטש אונ אָסטראָוסקי — פירער פונ די ווײַסרוסישע נאצ־אָנאל־פאשיסטנ,

קנײטש באַם מויל מאַכט זײַנ געזיכט העסלעך, ווענ ער לאַכט. אַ גליריק, טײַוועדיקער געלעכטער. די אויגנ קלאָרע, גרויסע, קוקנ שנעל, דורכדרינגלעך, אַרויספאָדערנדיק. נאָר קוקנ ניט לאַנג דעם צווייטנ אינ געזיכט. זיי שפּרינגענ שנעל אַריבער אַפּ אַנ אומבאַוועגלעכנ געגנשטאַנד. נערוועזע האַנטבאַוועגונגענ, נאָר דאָס פּנים בלײַבט שטענדיק רויִק. באַהערשט זיך גלענצנדיק. אָפּטמאָל האָט סעמיאָנ אַזאַ געפיל ווענ אים: — „דער דאָזיקער מענטש באַהאַלט עפּעס אינ זיך, דערזאָגט ניט“.

ווענ ער געפינט זיך צווישנ יונגע פרויענ, ענדערט זיך דער אויסדרוק פונ זײַנ געזיכט. די אויגנ ווערנ פאַרלאָפנ, זיי קוקנ זשעדנע, גיריק, זיי טוענ אויס די פרויענ נאַקעט. איינמאָל, ווענ סעמיאָנ האָט געוואָלט שיקנ ליזענ מיט אַ פּאַרטיי־שליכעס צו וולאַדימירנ, האָט זי זיך געבעטנ בײַ אים: „כאַווער סעמיאָנ, שיקט אַנ אַנדערנ“. ער האָט זיך געוווּנדערט: „פאַרוואָס?“ „איך ווייס אַליינ ניט פאַרוואָס. נאָר — האָט זי געשטאַמלט, — איך האָב אים ניט ליב. ער קוקט ניט אַזוי ווי אַנדערע כאַווײרים. ס׳קאָנ זײַנ, אַז עס איז קליינבירגערלעך, פונ מײַנ זײַט, אָבער טאָמיד, ווענ ער קוקט אַפּ מיר, דוכט זיך מיר, אַז אָט־אָט הייבט ער אָנ איזדיעקעווענ זיך איבער מיר“. סעמיאָנ האָט דעמאָלט געשוויגנ און געשיקט עמעצנ אַנ אַנדערנ. ער איז שטום מיט איר מאָסקעם געווענ.

ניט נאָר ער אַליינ, ווײַזט אויס, זעט אינ אים עפּעס פרעמדס. ליזע האָט פאַר אים מורע. מיסטאָמע האָבנ דעם זעלבנ געפיל אויך אַנדערע פרויענ. די יונגע גימנאַזיסטקעס זעענ אינ אים אַ וועגווײַזער. זייער בליק איז קינדיש נאַיוו. מיסטאָמע זײַנענ זיי ראָמאַנטיש־נאַציאָנאַל געשטימט, שרײַבנ טאָג־ביכער, דער לערער וולאַדימיר פאַרנעמט אינ די דאָזיקע טאָג־ביכער אַ כאָשעוונ אָרט. ס׳וואָלט געווענ אינטערעסאַנט צו וויסנ זײַנ פאַרגאַנגענהייט. סעמיאָנ ווייסט גאָרניט וועגנ אים. קאָנספּיראַציע. ס׳איז ניט באַקוועם צו פרעגנ. דאָך מוז מענ דעם דאָזיקנ מענטשנ וואָס שנעלער דערקענענ ביזנ גרונט. סײַווי — האָט דער געפיל אַ באָדנ אונטער זיך אָדער נײַט — מיט אַזאַ געפיל פונ אַ מענטשנ קאָנ מענ ניט צוזאַמענ אַרבעטנ. וולאַדימיר, ווי ער וואָלט געלייענט סעמיאָנס געדאַנקענ, וואַרט ניט אַפּ קיינ ענטפער, הייבט ער אָנ ווײַטער צו ריידנ:

— איך קאָנ שוינ לוצקעוויטשנ פונ לאַנגע יאָרנ. נאָך פאַר דער

מילכאָמע. איכ בינ געווענ זייער יונג, געלערנט אינ גימנאַזיע. דעמאָלט איז לוצקעוויטש פאַר אונדזער יוגנט געווענ א גאָט, א באַליבטער פירער, דער קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פונ ווײַסרוסלאַנד. מיר האָבנ אימ פאַרגעטערט אונ בלינד געגלייבט. ער האָט פאַרקערפּערט אינ זיכ אַלע אונדזערע פּאָליטישע שטימונגענ.

— וואָס זײַנענ געווענ אײַערע פּאָליטישע שטרעבונגענ?

— ניט קאָנקרעט פאָרמולירטע, נאַציאָנאַל-נאַיווע, פּאָליטיש-ליבעראַלע, רעוואָלוציאָנער באַפאַרבטער האַס צומ צאַריזמ, א גלויבנ, אַז די רעוואָלוציע וועט לייזנ אַלע פראַגנ, א דראַנג צו קאַמפ קעגנ דער זעלבסטהערשונג.

— אונ אינ נאַציאָנאַלנ זינ?

— אילוזיעס אונ האָפענונגענ, כאַלומעס וועגנ אופשטעלנ דאָס אַמאָליקע היסטאָרישע זעלבשטענדיקע ווײַסרוסלאַנד, באַפרײַענ זיכ פונ דעספּאָטיזמ, אופלעבנ די שפּראַכ, קולטור. ס'זײַנענ געווענ יוגנט-שטרעבונגענ אָנ א געזונטער, סאָציאַלער באַזע.

— פאַרוואָס?

— די סאָציאַלע באַזע — דאָס דאָרפ, די גרויסע פויערישע מאַסע איז געבליבנ איבערלעב פרעמד אונדזערע אידעאַלנ, זיי האָבנ געקעמפט קעגנ די פּריצימ, באַזונדערס געהאַסט דעמ פּוילישנ פּאָרעץ, אינ שטורעמ-טעג געברענט די גיטער. אינ צײַט פונ רעאַקציע — פאַרבליבנ בייז אונ אַפּאַטיש. טיילמאָל האָט זיכ אונדז געדאַכט, אַז מיר האָבנ מיט זיכ דאָס גאַנצע דאָרפ, אַז דער פויער טראַכט דאָס זעלבע, וואָס מיר. נאָר דאָס זײַנענ געווענ אילוזיעס. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטנ אינ זייער מערהײַט זײַנענ געגאַנגענ אינ אַנדערע, אַלגעמיינ-רוסישע פּאַרטייענ. מיר האָבנ זיכ באַזירט אַפ דער שטאָטישער אינטעליגענץ, אַפ די באַלעגופימ אונ אַפ א טייל מיטלפויערימ אינ דאָרפ. דער בירגערקריג אונ די מילכאָמע מיטנ ראַטנפאַרבאַנד האָבנ א סאַכ פונ אונדז געעפנט די אויגנ. די מערהײַט פויערימ זײַנענ פונ ערשטנ טאָג אָנ געגאַנגענ מיט די באָלשעוויקעס אינ דער רויטער אַרמיי, קעגנ אונדז. די פירער האָבנ צו שפּעט באַנומענ דעמ דאָזיקנ ביטערנ עמעס.

— וואָס האָבנ זיי געטאָנ, ווענ זיי האָבנ באַנומענ?

— די מערהײַט האָט זיכ שנעל איבעראָריענטירט, געלאָזט זיכ שווימענ מיטנ שטראָם.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— ווענ לוצקעוויטש אונ זײַנע כאַווײרים האָבנ דערזענ, אז די פויערים-מאסנ גייענ מיט די קאָמוניסטנ, אז דער קאָמוניזם האָט באַהערשט דאָס ווײַסרוסישע דאָרפ, אז די נײַע „הראָמאדע" ווערט א מאסנ-פארטיי, האָבנ זיי אנערקענט אירע פרינציפּנ אונ זיכ אָנגעשלאָסנ אינ דער דאָזיקער באַוועגונג.

סעמיאָנ האָט אויפמערקזאם נאָכגעפאָלגט וולאַדימירס געדאנקענגאנג: ער האָט געהאַפּט אַרויסצורופנ צו ליכט די שווערע אויפגאבע, וואָס איז פאר אים געשטאנענ: אײַנצובײַסנ וולאַדימירנ.

— האָבנ לוצקעוויטש אונ זײַנע כאַווײרים ווירקלעכ אנערקענט די פרינציפּנ פונ דער נײַער „הראָמאדע"?

וולאדימיר האָט קלוימערשט פארטראַכט א קנייטש געטאָנ דעם שטערנ:

— איכ גלייב, אז אינ אָנהייב האָט לוצקעוויטש ווירקלעכ אנערקענט די פרינציפּנ, געארבעט ערלעכ. זײַנע ארטיקלענ זײַנענ אלעמענ באַוווּסט.

— דאָס איז געווענ אינ אָנהייב. אונ דערנאָכ?

— דערנאָכ האָט זיכ לוצקעוויטש, נאָכ מײַנ מיינונג, געביטנ: ער האָט זיכ דערשראָקנ פאר די ארעסטנ, פארנ שרעקלעכנ טעראָר אונ געוואָרנ בירגערלעכער, רעכטער, געניײגט צו פשאָרעס.

— באטראַכט איר לוצקעוויטשנ פאר א פארעטער צי ניינ?

סעמיאָנס שטימ איז פּלוצלינג געוואָרנ שארפ אונ דראָענדיק. אימ האָט זיכ געדאַכט, אז וולאדימיר האָט בא דער דאָזיקער פראגע א לײַכטנ ציטער געטאָנ.

— איכ מיינ, אז לוצקעוויטש גייט אפ א געפערלעכנ וועג, אפנ וועג, וואָס קענ פירנ צו פאראַט. מיר דארפנ וואָרענענ די מאסנ דערפונ. אָבער זײַנ זייער פּאָרזיכטיק. לוצקעוויטש האָט א גוואלדיקנ אווטאָריטעט בא די מאסנ.

סעמיאָנ האָט זיכ אויפגעהויבנ פונ שטול אונ עטלעכע מינוט מיט האסטיקע טריט שטום שפּאַצירט איבערנ צימער. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ וואלדימירנ, באטראַכט אימ אויפמערקזאם.

— כאַווער וולאדימיר, מיר מוזנ ערנסט זיכ דורכריידנ. דאָס איז וויכטיק, קעדיי אויסצומײַדנ ווײַטערדיקע מיספארשטייענישנ, קעדיי די

פארטיי־ליניע זאָל זײַן פאַר אײַך אינגאַנצן קלאָר. נאָך מײַן מיינונג האָט איר אַ פאַלשע, אַ פרעמדע אײַנשטעלונג, וואָס קאָן זײַן זייער געפערלעך פאַר דער ווײַסרוסישער רעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַלער באַפרײַונג־באַוועגונג.

וולאַדימיר האָט פאַרלוירן זײַן זעלבסטבאַהערשונג. ער האָט זיך אומרויִק אויסגעדרייט צו סעמיאָנען.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך און קלאָר פאַר אײַך. נאָר, ווי איך זע, איז עס ניט אַזוי. איר האַלט לוצקעוויטשן און אָסטראָווסקין פאַר ערלעכע פּאָליטיקער, וואָס זײַנען ערלעך געקומען צו אונדז און איצט גייען זיי אויך ערלעך אַוועק פון אונדז. איר האַלט זיי פאַר נאַציאָנאַלע ריטער, וואָס לײַדן אַ ביסל אויף דער קרענק פון אַלטקייט — פאַרזיכטיקייט. זיי האָבן זיך אַ ביסל דערשראָקן. אָבער דאָס איז ניט אַזוי, ווײַט ניט אַזוי. לוצקעוויטש און זײַן קאָמפּאַניע זײַנען געקומען צו אונדז אַלס פאַררעטער, אַלס פּראָוואָקאַטערס. זעענדיק, אַז זיי זײַנען באַנקראָט, אַז די מאַסן זײַנען מיט אונדז, האָבן זיי, אַלס פּאָליטיקאַנטן, באַשלאָסן אַרויפצוציִען אויף זיך אַ מאַסקע, זיי האָבן קלוימערשט אָנערקענט אונדזערע פּרינציפּן, כּדי אַזוי אַרום געווינען צוטרוי און באַקומען די אָנפירערשאַפט אין דער באַוועגונג. זיי האָבן באַזעצט מיט זייערע מענטשן זייער וויכטיקע פּאָסטנס אין דער אָרגאַניזאַציע, וואַרטנדיק אויף אַ גינסטיקער צײַט, האָפנדיק אין דער צוקונפט איבערצונעמען די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג אין זייערע הענט. איך האָב אויך געלייענט זײַנע אַמאָליקע אַרטיקלען. פאַר יעדן איינעם, וואָס אָריענטירט זיך פּאָליטיש, איז קלאָר, אַז דאָס זײַנען אַרטיקלען פון אַ ניט ערלעכן פּאָליטישן איבערלויפער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ צײַט ניט צו דערזען דעם עמעס. איצט ווען די „הראָמאַדע" איז אָפיציעל פאַרניכטעט, די בעסטע טוער פאַרמישפּעט אויף קאַטאָרגע — טראַכטן די דאָזיקע פאַררעטער, אַז ס'איז געקומען זייער צײַט. באַטראַכט אײַך, וולאַדימיר, לוצקעוויטש־אָסטראָווסקי ווערן באַפרײַט פון „הראָמאַדע"־פּראָצעס, אַנדערע באַקומען שווערע יאָרן קאַטאָרגע. פאַרוואָס האָט מען זיי באַפרײַט? צי גלייבט איר אין חסד פון פּוילישן אימפּעריאַליזם? צי האָט איר פאַרגעסן אָן די טליִעס, וואָס עס האָבן אויפגעשטעלט פּילסודסקיס לעגיאָנען, אָקופּירנדיק מינרעוו־

ווײַסרוסלאַנד? צי פֿאַרגעסט איר אָנ דעמ שרעקלעכנ טעראָר, וואָס בושעוועט אינ לאַנד? זיי האָט מענ באַפֿרײַט, ווײַל זיי זײַנענ פּױלישע אַגענטנ.

וולאַדימיר האָט זיכ אופּגעריסנ פֿונ אָרט.

— לוצקעוויטש — אַ פּױלישער אַגענט. שווער צו גלייבנ. דער אַלטער קעמפֿער פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿונ ווײַסרוסלאַנד.

סעמיאָנ האָט געקוקט שטרענג אונ שאַרפֿ אַפֿ וולאַדימירנ:

— דער דאָזיקער „אַלטער קעמפֿער" איז געווענ אונ פֿאַרבליבנ אַ קליינבירגער מיט אַ באַלעגופֿישער אידעאָלאָגיע. וווּהינ צילט איצט לוצקעוויטש? וואָס פּראָפּאַגאַנדירט ער? ער פּראָפּאַגאַנדירט שאָלעמ מיטנ פּױלישנ אימפּעריאַליזמ, אָפּזאָגנ זיכ פֿונ קאַמפֿ פֿאַר זעלבשטענדיקייט, אָנערקענענ פּױלנס סוּווערעניטעט איבער ווײַסרוסלאַנד אונ באַנוּגענענ זיכ מיט עטלעכע צוגעוואָרפֿענע האַנאָכעס, — וועלכע זײַנענ אַגעוו ניט רעאַל — אַפֿנ געביט פֿונ קולטור אונ קרעדיטנ פֿאַר די באַלעגופֿימ. דאָס איז זײַנ פּראָגראַמ. אינדערעמעסנ איז עס אַ פּראָגראַמ פֿונ פֿאַראַטנ די ווײַסרוסישע מאַסנ, אַ פּראָגראַמ פֿונ ענדגילטיק פֿאַרשקלאַפֿנ ווײַסרוסלאַנד צו פּױלנ, געווענדעט קעגנ סאָוועטנ־רוסלאַנד, קעגנ ראַטנפֿאַרבאַנד. לוצקעוויטש אונ זײַנ קאָמפּאַניע טרעטנ נאָכ דערווײַל אַרויס אַלס פֿאַרמאַסקירטע אַגענטנ פֿונ פּילסודסקינ, איכ בינ זיכער, אַז אינ קורצנ וועלנ זיי געצוווּנגענ זײַנ אַראָפּצוּוואַרפֿנ פֿונ זיכ די מאַסקע אונ באַווײַזנ זייער עמעסנ פּאַרצעפֿ — אַלס נאַציאָנאַל־פֿאַשיסטנ.

— קיינער וועט ניט גלייבנ, ווענ מיר וועלנ זאָגנ, אַז לוצקעוויטש איז אַ פּױלישער אַגענט. מע דאַרפֿ האָבנ באַווײַזנ. ער האָט אַ צו גרויסנ אויטאָריטעט.

— בײַ וועמענ האָט ער אויטאָריטעט? בײַ עטלעכע ווײַסרוסישע אינטעליגענטנ. האָט אַלצ געדענקט, אַז אינ ווײַסרוסישנ דאָרפֿ, בײַ די ברייטע פּויערימ־מאַסנ האָט אויטאָריטעט נאָר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איר גלייבט מענ. די מאַסנ זײַנענ געגאַנגענ אינ דער „הראָמאַדע", ווײַל די פּאַרטיי האָט געשטיצט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע. לוצקעוויטש, ניט וועלנדיק זײַנ אַ פּאָליטישער באַנקראָט, איז געצוווּנגענ געווענ צו קומענ צו אונדז, טראַכטנדיק, אַז אימ לוינט זיכ עס. מיר זײַנענ בעקוועמ אונ וועלנ עס טאָנ — אַראָפּרײַסנ לוצקעוויטשעס אויטאָריטעט, אימ דעמאַסקירנ, אונ מאַכנ אימ ווי ווײַט מעגלעכ אומשעדלעכ. ער איז

פאר אונדז א געפאר. אונדזער אויפגאבע — די דאָזיקע געפאר וואָס שנעלער, וואָס פריער צו באזייטיקנ.

— וואָס זשע רעכנט די פארטיי צו טאָנ?

סעמיאָנ האָט א ווײַלע שטומ געקוקט אפ וולאדימירנ.

— צי זײַט איר גרייט צו אנערקענענ און אויספילנ די פארטיי-באשלוסנ?

וולאדימיר האָט זיכ באליידיקט.

— איכ האָב קיינמאָל ניט געבראָכנ די פארטיי-דיסציפלינ. די געשיכטע לוצקעוויטש איז פאר מיר און אנדערע מעגלעכ, אז מ'האָט א ביסל פארפירט די פערזענלעכע באקאנטשאפט מיט אימ. כאָטש... האָט דאָכ אימ די פארטיי א לאנגע צײַט געדולדעט. ווענ זאָל איכ אונטערפאלנ? נאָר אויב די פארטיי באטראכט אימ אלס פארעטער, מיסטאמע האָט זי גענוגנדיקע באווײַזנ. דאָס איז פאר מיר גענוג.

— ניט אינ דעמ איז די פראגע, וואָס די פארטיי האָט זיכערע באווײַזנ. די דאָזיקע באווײַזנ האָט איר אליינ געדארפט באקומענ. זיי זײַנענ צו אָפנ. אינ פאָליטישנ קאמפ גיבנ ניט קיינ האלבע וועגנ, וואקלענישנ און פערזענלעכע צוגעבונדנקײַט. ווער ס'איז קעגנ אונדז, ווער עס גייט אײַנ אפ די מינדסטע אונטערהאנדלונגענ מיט אונדזער פארביסנטנ קלאסנ-סוינע — דער איז א פארעטער, אונדזערער א סוינע. קעגנ אימ מוז געפירט ווערנ אנ אָנהאלטנדיקער קאמפ. פאר אונדז איז מאָסגעבנדיק די האנדלונג און ניט פונעמ מענטש. לוצקעוויטשעס האנדלונגענ זײַנענ פארעטערישע. דאָס איז דער גרעסטער באווײַז. וואקלענ זיכ, אײַנגיינ אפ פשאָרעס, אָפוואַרטנ ביז וואנענ לוצקעוויטש וועט פארלירנ דעמ זינ און אָפנ אויפדעקנ זײַנע קאָרטנ, אליינ זאָגנ, אז ער איז א פארעטער — דאָס וואָלט געווענ פונ אונדזער זײַט פאָליטישער זעלבסטמאָרד, אנ אומפארצײַלעכער פארברעכנ. דאָס וויל דאָכ אייגנטלעכ לוצקעוויטש, דאָס איז דאָכ זײַנ פלאנ — אײַנשלעפערנ, שטיצנ זיכ אפ סענטימענטנ צו אימ.

וולאדימיר האָט א לאנגע צײַט געשוויגנ. סעמיאָנ האָט זיכ בארויקט און צוריק זיכ אוועקגעזעצט. ער איז איצט געווענ זיכער, אז זײַנ אומצוטרוי צו וולאדימירנ איז געווענ בארעכטיקט. וולאדימיר איז א פרעמדער. צי טראָגט ער ניט קיינ מאסקע? צי איז ער ניט קיינ אגענט פונ לוצקעוויטשנ אינ דער פארטיי? ער האָט ניט קיינע באווײַזנ קעגנ

אימ. אָבער פאַרזיכטיק מוז מענ זיינ. היינט זיינ יעדע באַוועגונג. ניט אָפּשטויסנ. אויב וולאַדימיר וואַקלט זיכ נאָר, דעמלט איבערציינ אונ געווינענ אימ, אונ אויב וולאַדימיר שפּילט מיט אימ א קאָמעדיע? מע דאַרפ צו וויסנ געבנ אינ צענטער. ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ אירענ. ווענ זי וואָלט דאָ געווענ, ווי גוט ס'וואָלט געווענ מיט איר זיכ צו באַראַטנ. די לעצטע צייט טראַכט ער זייער פיל וועגנ אירענ. געזענ זי אינגאַנצנ איינ מאָל אינ לעבנ. צי טראַכט ער וועגנ איר נאָר אַלס כאַ־ווער פונ צענטער? ניינ, דאָס דאָזיקע מיידל איז אימ פונ דער ערש־טער מינוט געוואָרנ זייער נאָענט.

צוריקגעקערט צומ געשפּרעכ האָט אימ וולאַדימיר. ער האָט געזאָגט:

— איכ זע איצט, אַז איר זייט גערעכט. איכ האָב פּאַשעט ניט געטראַכט וועגנ דעמ. איכ האָב געלעבט מיט א סאַכ אַלטע באַגריפנ, ניט פאַרטיפנדיק זיכ, ניט זעענדיק ווי געפערלעכ זיי זיינענ. א סימנ, אַז איכ האָב זיכ נאָכ ניט אינגאַנצנ באַפרייט פונ דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז ניט אַזוי לייכט. איר זייט גערעכט. קעגנ לוצקעוויטשנ מוז געפירט ווערנ אַנ אומראַכמאָנעסדיקער קאַמפ. וואָס זיינענ די דירעק־טיוונ פונ דער פאַרטיי?

סעמיאָנ האָט געפילט די ניט אופריכטיקייט פונ וולאַדימירס טאָנ, דאָכ האָט ער אימ רויק געענטפערט:

— איר האָט א גרויסע ווירקונג אַפ די שילער פונ דער ווייס־רוסישער גימנאַזיע. קודעמקאָל אויפקלערנ פאַר זיי לוצקעוויטשעס ראָ־ליע אונ מאָביליזירנ זיי צומ קאַמפ קעגנ אימ, דאָס וויכטיקסטע איז אָבער — די ווייסרוסישע שול־געזעלשאַפט (טבש). לוצקעוויטשעס אַגענטנ באַמיענ זיכ אַריינצודרינגענ אונ פאַרכאַפּנ די דאָזיקע איינציק פאַרבליבענע לעגאַלע ווייסרוסישע געזעלשאַפט. אייער אויפגאַבע, אַלס פאַרזיצער פונ קרייז־געזעלשאַפט, צונויפרופנ א פאַרזאַמלונג, אָנעמענ א רעזאָלוציע קעגנ לוצקעוויטשנ אונ אָסטראָווסקינ, איבעררייסנ אַלע באַציונגענ מיט זיי אונ זייערע אָנהענגער, אַרויסטרעטנ אַפ פאַרזאַמלונ־גענ אונ אינ דער פּרעסע קעגנ זיי, דעמאַסקירנ זיי. די פאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַנ אויפרופ. איר וועט אימ באַקומענ. באַמיט זיכ, אַז דער דאָזיקער אויפרופ זאָל דערגייענ צו די געוועזענע הראָמאַדאָווצעס, צו דער שטאָטישער אינטעליגענצ, באַזונדערס לייגנ אַכט אַפ דער קומענדיקער לאַנד־קאָנפערענצ פונ דער ט.ב.ש., ווײַלנ אַלס דעלעגאַטנ

אונדזערע אַנהענגער, געבנ א גענעראל-שטאבס דעמ פוילישנ אימפע־ריאליזמ און זײַנע אגענטנ — האָבנ זײַנע אונדזערע דירעקטיוונ.

— און ווי איז די לאגע אינ אנדערע ערטער? — האָט וולאדימיר נײַגעריק געפרעגט.

— אומעטום פילט זיך די געוואַקסענע אקטיוויקײַט פונ דער קלײנער גרופּע לוצקעווישעס אַנהענגער. זיי באמיִען זיך צו געווינענ סימפּאַ־טיקער. זיי לײַקענענ זייער פאַרזיכטיק. זיי דערזאָגנ ניט, וואָס זיי טראכטנ. ס׳פילט זיך, אז זיי ווילנ זיך פאַרפעסטיקנ, געווינענ צײַט. איך האָב דעמ אײַנדרוק, אז אינ דער פּאַרטיי געפינענ זיך לוצקעווישעס אגענטנ, פאַרשוינענ, וועלכע באהאלטנ זיך אונטער א פּאַרטיי־מאַנטל. — ער האָט שאַרפ א קוק געטאָנ אפ וולאדימירנ.

וולאדימיר האָט זיך איצט געהאלטנ רויִק, ניט ארויסגעוויזנ קײנ געררוזקײַט. ער האָט ערנסט אָפּגעענטפערט:

— מע דאַרפ זײַנ זייער פאַרזיכטיק. עס זײַנענ זיכער פאַראַנ א סאַך וואקלדיקע.

ביז שפּעט אינ דער נאכט איז סעמיאָנ געזעסנ בײַ וולאדימירנ, און אוועקגעגאַנגענ פונ אימ איז ער מיט א שווער האַרצ: צי האָט ער ניט געעפנט די פּאַרטיי־פּלענער פאַר א סוינע? מע דאַרפ רײדנ מיט מי־כאלנ און רעקאָמענדירנ אימ, אז ער זאָל באזונדערס אכטונג געבנ אפנ קאָמיוג־קעמערל אינ דער ווײַסרוסישער גימנאזיע, דורכ זיי זיך אײַנפאָר־מירנ וועגנ דער שטימונג צווישנ די שילער און וולאדימירס אופירונג.

★

די זיצונג פונ סעקרעטאריאַט פונ קרײַז־קאָמיטעט איז געווענ זייער א קורצע און זאכלעכע. די שטאַרקע רעפּרעסיעס און שפּיאָנאזש האָבנ באוויזנ סעמיאָנענ קײנעמ, אויסער די מיטגלידער פונ סעקרעטאריאַט ניט צוצולאָזנ צו דער האָזיקער זיצונג. ער האָט איבערגעגעבנ די לעצטע דירעקטיוונ פונ צענטראל־קאָמיטעט, דערציילט, אז ס׳איז געווענ צוליב דעמ א ספּעציעלער אינסטרוקטער פונ צענטער; איבערגעגעבנ דעמ אינהאלט פונ זײַנ אינפאָרמאציע. די איבעריקע צוויי מיטגלידער פונ סעקרעטאריאַט — סעריאָזשע און מיכאל האָבנ מיט ענטוזיאַזמ באגריסט דעמ באשלוס פונ צענטער. די זיצונג האָט באהאנדלט די קאָנ־קרעטע מאָסמיטלענ וויאזוי דורכצופירנ די ערשטמײַיקע קאמפּאניע.

מיכאל האָט גענומענ אפ זיכ די צוגרייטונג פונ דער יוגנט אונ סעריאָזשע — די ארבעטער פונ שטאָט. באַמ פאַנאַנדערגיינ זיכ האָט סעמיאָנ פארהאלטנ סעריאָזשענ אונ פארפירט מיט אימ א געשפּרעכ וועגנ דער שטימונג צווישנ דער ווײַסרוסישער באפעלקערונג, הויפּטזאַכלעכ וועגנ דער שטימונג צווישנ דער ווײַסרוסישער אינטעליגענצ. סעריאָזשע איז געווענ א ווײַסרוסישער ארבעטער, אייניקע יאָר אינ דער פּארטיי, זייער אַנ אקטיווער, אַנ אָרטיקער אײַנוווינער, ער האָט גוט געקענט דעמ גאנצנ קרײַז. אינ דער פּארטיי האָט מענ זיכ מיט אימ גערעכנט. פאַר סעמיאָנענ איז סעריאָזשע געווענ זייער א גרויסע הילפ, באזונדערס די ערשטע צײַט. סעריאָזשע האָט אימ געהאָלפנ זיכ צו באַקענענ מיט די אָרטיקע באדינגונגענ, מיט די כאוויירימ. אינ ערנסטע מאָמענטנ אונ פארוויקלטע פראגנ פלעגט סעמיאָנ זיכ באראטנ מיט אימ. אויכ איצט האָט ער באשלאָסנ זיכ דורכצורעדנ מיט אימ וועגנ וולאדימירנ. ער האָט אימ אינ קורצנ אינפאָרמירט וועגנ זײַנ לעצטנ געשפּרעכ מיט אימ, זייער פּאָרזיכטיק ארויסגעזאָגט זײַנע ספּיקעס.

סעריאָזשע האָט צוגעזאָגט צו ווענדנ א באזונדער אויפמערקזאַמקײַט אפ וולאדימירנ, צו לייגנ באזונדערס אכט אפ דער רעוואָלוציאָנערער באפרײַונג-באוועגונג אונ וועגנ אלצ אינפאָרמירנ סעמיאָנענ. נאָכ זײַנ מיינונג איז וולאדימיר אַנ איבערגעגעבענער כאווער, אַנ ערלעכער, נאָר ער איז א קליינבירגערלעכער אינטעליגענט, דעריבער זײַנענ אימ אייגנ געוויסע וואקלונגענ אונ פּרינציפּיעלע ניט-אויסגעהאלטנקײַט. נאָכ זײַנ מיינונג קאָנ מענ האָבנ צו אימ צוטרוי. סעמיאָנ דארפ אינ דער צוקונפט לייגנ מער אכט אפ וולאדימירנ, העלפנ אימ איבערקומענ אונ איבערווינדנ זײַנע קליינבירגערלעכע נאציאָנאליסטישע איבערבלײַבענישנ.

אייניקע טעג פארנ ערשטנ מײַ זײַנענ פאָרגעקומענ מאסנ-ארעסטנ אינ שטאָט. צווישנ אנדערע איז ארעסטירט געוואָרנ מיכאל אונ נאָכ אייניקע וויכטיקע טוער. אינ די דאָזיקע טעג איז סעמיאָנ קיימאָל אינגאנצנ ניט געשלאָפנ. ער האָט מאָביליזירט אלע פארבליבענע קויכעס פאַר דער מײַ-קאמפּאניע. ער איז געווענ אומעטומ, אליינ אינסטרוקטירט. ער האָט געוווּסט, אז דאָס איז פארבונדנ מיט א גרויסער געפאַר פאַר אימ, אז ער קאָנ יעדע מינוט ארעסטירט ווערנ, אז ער שטעלט אינ געפאַר די גאנצע מײַ-קאמפּאניע. נאָר ער האָט געפילט, אז אויב די כאוויירימ וועלנ אימ ניט זענ, ניט פילנ אינ די דאָזיקע שווערע טעג זײַנ אָנפירונג,

קאָנען אייניקע שוואכערע אונטערן דרוק פונ טעראָר זיכ פארלירנ, אונ מעגלעכ, ניט ווילנדיק, אונטערגייסנ די קאמפאניע. די דירעקטיוו פונ צענ־טער מוז פאר יעדנ פרייַז דורכגעפירט ווערנ. אייניקע מאָל האָט ער דורכ א גליקלעכנ צופאל אויסגעמיטנ זיכערנ ארעסט. ער האָט געפילט, אז דער פאָליציי־שער שלייפ פארציט זיכ אלץ פעסטער ארומ זײַנ האלדז, אז די פאָליציי ווייסט שוינ וועגנ אימ, גייט אימ נאָכ פוס־טריט. אירע איז גערעכט געווענ, וואָרענענדיק אימ, אז ער זאָל ניט זײַנ צו פיל זיכער, נאָר ס'איז ניט געווענ קיינ אנדער אויסוועג. איינ געדאנק האָט אימ געהאלטנ די גאנצע צײַט אינ קלעמ — דערפירנ צו א דעמאָנ־סטראציע, צו ארויסטרעטונגענ, קאָנענ אינפאָרמירנ דעמ צענטראל־קאָ־מיטעט, אז זײַנע דירעקטיוונ זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ. דערנאָכ... וועגנ דעמ, וואָס עס קאָנ זײַנ דערנאָכ, האָט ער זיכ באמיט ניט צו טראכטנ.

ערשטער מײַ

די נאכט פארנ ערשטנ מײַ איז געווענ א פינצטערע. טונקל־גרויע וואָלקנס זײַנענ עידעריק געלעגנ איבער די פעלדער אונ איבערנ וואלד. זענאָנ אונ אנדריי האָבנ אָרגאניזירט דעמ גאנצנ קאָמיונ אונ די פיאָ־נערנ אונ אויכ די סימפאטיקער. יעדער פארטיי־כאווער האָט געהאט זײַנ באשטימטע פונקציע. די פאָליציי האָט זיכ די לעצטע צוויי טעג ניט באוויזנ אינ דאָרפ אונ נאטאשע האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס באטייט. צי איז די פאָליציי זיכער, אז נאָכ די מאסנ־ארעסטנ וועט דער ערשטער מײַ פארבײַ רויִק אָדער די פאָליציי גרייט צו אנ אומגעריכטנ איבער־פאל, א בלוט־באָד. זי האָט געגעבנ א דירעקטיוו אויסצונוצנ די נאכט פארנ ערשטנ מײַ, אפ אלע וועגנ, וואָס פירנ צו דער שטאָט, זײַנענ אפ די טעלעגראפ־אונ טעלעפאָנ־סלופעס אויסגעקלעפט געוואָרנ אופרופנ אונ געמאָלט געוואָרנ לאָזונגענ. אפ דער פראוואָסלאווער קירכ אונ סאָלטי־סעס הויז זײַנענ ארויסגעהאנגענ געוואָרנ רויטע פענער. די כאטעס זײַ־ענ באוואָרפנ געוואָרנ מיט אופרופנ. קיריל דער נאכט־וועכטער האָט זיכ געמאכט ניט זעענדיק, ווי נאָר ער האָט באמערקט שלײַכנדיק זיכ א שאָטנ, האָט ער זיכ פארקערעוועט אינ א צווייטער זײַט פונ דאָרפ.

נאטאשע האָט זיכ פארבונדנ מיט די אנדערע דערפער, פאנאנדערגעשיקט ליטעראטור, איינגעשטעלט פאראָלנ, געגעבנ דירעקטיוונ דורכ וועלכע וועגנ צו גיינ. פונ אומעטום זיינענ אָנגעקומענ יעדיעס, אז די פויערים — אויסגעהונגערטע, געשוואָלענע פונ שווערנ ווינטער זיינענ אנטשלאָסנ צו גיינ אינ שטאָט, צו דעמאָנסטרירנ קעגנ פוילישנ אָקופאנט, אז די שטימונג איז א רעוואָליוציאָנערע.

די דאָזיקע נאכט איז נאטאשע קימאט ניט געשלאָפנ. ס'האָט איר געפיבערט פונ נערוועזער אקטיווקייט. דאָס ערשטע מאָל איז איר פארטרויט געוואָרנ אזא פאראנטוואָרטלעכע אָנפירנדיקע ארבעט. די באווייירים, באזונדערס דימיטרי אונ איוואנ, האָבנ צו איר צוטרוי. אלע פירנ אויס גערנ אירע באשלוסנ. זי פילט, אז די באווייירים האָבנ זי ליב. ס'וואקסט איר אויטאָריטעט. בארעכטיקנ דעמ דאָזיקנ צוטרוי, אומ יעדנ פרייז דורכפירנ די באשלוסנ פונ דער פארטיי! ווי וועט זיכ עס פרייענ דימיטרי, דער קרייז־קאָמיטעט, ווענ די דעמאָנסטראציע וועט אדורכ שלאכטמעסיק! ס'וועט זיינ א פארענטפערונג פאר די שווערע קאָרבאָנעס, פאר די באווייירימ אינ די טפיסעס, פאר דימיטריס פינצטערער הייל אינ וואלד!

שווערע שווערלעכע בילדער פונ פארגאנגענע יאָרנ האָבנ אופגעלעבט אינ זיקאָרנ: 1920 יאָר. פוילישע לעגיאָנענ פארנעמענ דאָס דאָרפ. וואָלאָדיע, איר איינציקער ברודער, גייט אוועק מיט דער רויטער ארמיי. אויס נעקאָמע ארעסטירט מענ איר טאטנ. אייביק וועט זי געדענקענ דעמ לעצטנ פארצווייפלטנ בליק, וואָס דער טאטע האָט איר צוגעוואָרפנ, ווענ די סאָלדאטנ האָבנ אימ ברוטאל ארויסגעשלעפט פונ דער כאטע. איינגעקאָרטשעט פונ שרעק איז זי געלעגנ אינ ווינקל, מוירע האָבנדיק ארויסצוזאָגנ א וואָרט. די אלטע באָבע, וואָס האָט נאָכ דעמאָלט געלעבט, האָט מוירעדיק געיאָמערט. זי האָט געציטערט פאר די דאָזיקע ברוטאלע פרעמדע באוואָפנטע מענטשנ.

אינדערפרי לעבנ דער שול האָט זי געזענ איר פאָטער הענגענ אפ א סלופ. ער איז שוינ געווענ טויט. אָ, דאָס איז געווענ מוירעדיק! ברייט פאנאנדערגעעפנטע אינ טויט־שרעק אויגנ, אנ אויסגעקרימטער פונ ווייטעק קאָפ, א פארגליווערטער אראָפהענגענדיקער קערפער... מענטשנ, שכיינים, מיט געלע געזיכטער אונ שטילע טרערנ אינ די אויגנ, גייענ שנעל פארביי דער דאָזיקער גרויזאמער תליע, וואָס איז געוואָרנ איר

וועג־ווײַזער. וויפל קינדערשע טרערנ האָט זי דעמלט פאַרגאָסנ! קיינמאָל, דאַכט זיכ, נאָכדעם ניט געלאַכט. אָפּגעהאַקט איז געוואָרנ די קינדהײַט. נאָוועגאַד. בא פרעמדע אפ שווערער אַרבעט. טיפע קנייטשנ אפ קינדערשנ געזיכט, אַ שרעקלעכע סינע צו די מערדער פונ טאַטנ. איינ געדאַנק לאַנגע יאָרנ — נעקאָמע! דער ברודער וואָלאָדיע, אַ קאָמאַנדיר אינ דער רויטער אַרמיי האָט ניט איינמאָל זי גערופנ צו זיכ. אָ, ניינ! זי וועט ניט אַוועק פונ דאַנענ. זי וועט דאָ בלײַבנ, דאָ איז זי נייטיק.

געווענ אַ שײַנ פונ פערזענלעכנ גליק. מיידלשע כאַלוימעס... אַנטאָנ... ווי זי האָט אים ליב געהאַט! פאַר זײַנ יוגנט, שטאַרקײַט אונ דרייסט־קײַט. 1924 יאָר. פאַרטיזאַנער־באַוועגונג... אַרום האָבנ געברענט די פּריצישע גיטער. אַנטאָנ מיט אַ ביקס אפ דער פלייצע אינ וואַלד מיט די פאַרטיזאַנער. זי האָט אים נאָכ איינ מאָל געזעענ. אַ געבונדענעם מיט נאָכ אייניקע, אַ צעבלוטיקטנ מיט צעריסענע קליידער, האָט מענ אים פאַר־בײַגעפירט דורכנ דאָרפ. זי ווייסט אפילע ניט, ווו זײַנ קייווער איז. זי האָט געלייענט דעמ פאָליציי־קאָמוניקאַט, — דערשאָסנ לויטנ אורטייל פונ שטאַנד־געריכט.

צי איז נאָכ מעגלעכ פאַר איר פערזענלעכ גליק? זי האָט שוינ לאַנג דערפונ ניט געטראַכט. נאָר לעצטנס טראַכט זי אַמאָל וועגנ דעמ. דימיט־רי... ער איז פאַר איר מער ווי אַ כאַווער, כאָטש קיינמאָל ניט גערעדט צווישנ זיכ וועגנ ליבע. זי ווייסט, אַז ער האָט זי ליב, אַז ער פילט, אַז זי האָט אים ליב. דאָס האָט זי געלייענט אינ זײַנע טיפע בלויע אויגנ. איז מעגלעכ פערזענלעכ גליק פאַר זיי? בעסער ניט טראַכטנ. מאָרגנ איז דער ערשטער מײַ... וויפל פויערימ וועלנ קומענ אינ שטאָט? צי וועלנ זײַנ אַרעסטנ? זיכער וועלנ זײַנ. ס'איז צײַט זיכ אופצוהייבנ. מאָרגנ איז זונטיק. דאָס איז גוט, וואָס מאָרגנ איז זונטיק. מע וועט גיינ קלוי־מערשט אינ קירכ מיספּאַלעל זײַנ.

★

דער פרימאָרגנ איז געווענ אַ קילער, מיטנ וועטער האָט מענ זיכער ניט געקאָנט זײַנ. דער הימל, האַלב פאַרוואָלקנט, האָט זיכ געבאָדנ אינ לײַכטע כמאַרעס. דאָס דאָרפ האָט זיכ אומרויִק אופגעכאַפּט. אַלטע פוי־ערימ האָבנ דערשראָקנ זיכ געצײלעמט, קוקנדיק אפ דער רויטער פאָנ, וואָס האָט שטאָלצ געפלאַטערט איבער דער קירכ. אפ דער פּוילישער

שול איז מיט גרויסע רויטע אותיות געווען אָנגעשריבן: „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע! זאָל לעבן די זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פֿון די ווײַסרוסישע מאַסן ביז צום אָפּטיילן זיך! קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון מערעוו־ווײַסרוסלאַנד”. די דאָזיקע דראָענדיקע רויטע אותיות אין צענטער פֿון דאָרף זײַנען געווען אַ מאָביליזאַציע־סיגנאַל. אַנדריי און יורעק זײַנען שנעל פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם קלויסטער און פֿאַרשוווּנדן אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צו דער שטאָט. בײַם נאָענטן וועלדל האָט שוין אויף זיי געוואַרט גאַטאַשע.

לאַנגזאַם, ניט אײַלנדיק, האָבן די פּויערים אָנגעהויבן צו פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. זיי זײַנען געגאַנגען צונויף, געפֿאָרן אויף וועגענער. דאָס דאָרף האָט אָנגעהויבן פּלוצעם ליידיק ווערן.

ווען מאַטיוכע האָט דערזען די רויטע פֿאָן איבער זײַן הויז, האָט ער אויפֿגעשוידערט, ער האָט מיט מי און שרעק קוים זי אַראָפּגעריסן. ער האָט געקוקט אויף דער אומרויִקער באַוועגונג פֿון די פּויערים און איז צעמומלט געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט אָריענטירן וווּהין זיי גייען. די פּויערים זײַנען געגאַנגען דורך פֿאַרשיידענע וועגן אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס דאָרף איז פּלוצעם משוגע געוואָרן, אַז די פּויערים האָבן פֿאַרלוירן דעם שׂכל. וווּהין גייען זיי?

אין אַנדער מינוט האָט געכאַפּט די פּוילישע לערערין וואַשינסקאַ. זי איז געקומען צו מאַטיוכען אין ווינטערדיקן מאַנטל אויף די נאַקעטע פּלייצעס אַ פּאַריאָמערטע, אַן אויפֿגערעגטע.

— מע דאַרף טייקעף טעלעפֿאָנירן, צו וויסן געבן דעם קאָמענדאַנט. די קאָמוניסטן קלײַבן זיך אויף אַ דעמאָנסטראַציע.

— אָבער וווּהין גייען זיי? אייגער דאָ, (דער אַנדערער — האָרטן גיי פֿאַרשטיי זיי. זיי זײַנען עפּעס משוגע געוואָרן.

— די קאָמוניסטן זײַנען ניט משוגע געוואָרן. זיי זײַנען קליגער פֿאַר אײַך. דאָס איז אַ מאַנעוור אָפּצונאַרן די פּאָליציי. גיט טייקעף צו וויסן.

מאַטיוכע האָט זיך אַ ריס געטאָן צום טעלעפֿאָן, נאָר זײַנע אַלע באַמיִונגען זיך צו פֿאַרבינדן מיט דער פּאָליציי זײַנען געווען אומזיסט. אַזוי זײַנען אין דעם דאָזיקן טאָג פֿאַרבליבן אָן רעזולטאַטן די פּרוּוון פֿון די פּוילישע אַגענטן אויך אין אַנדערע דערפֿער. גאַטאַשע האָט באַנאַכט באַ-

זאָרגט, אַז די טעלעפאָנישע פאַרבינדונג זאָל אין גאַנצן ראַיאָן איבער־געריסן ווערן.

אַף די וועגן זײַנען געווען אויסגעשטעלט פּאַטרולן פון דער יוגנט און פּיאָנערן. מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם זײַנען זיי געקראָכן אַף הויכע ביימער, באַהאַלטן זיך אין גריבער, געקוקט און נאָכגעפאָרשט יעדער באַוועגונג פון דער פּאָליציי און דורך צייכנס געגעבן צו וויסן, געוואָרנט.

פּאָליציי, — רײַטער־פּאַטרולן, — האָבן גענישטערט איבער די וועגן, פאַרהאַלטן פּויערים, געשלאָגן, געצווּנגען גיין צוריק. נאָר די פּיאָנערן זײַנען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד.

— כאַווײרים, גייט מיט דער האָזיקער סטעזשקע. דאָרטן איז ניט פאַראַן קיין פּאָליציי.

די פּויערים האָבן צופרידן געלאַכט, געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען די קינדער, געלויבט זיי: „אַ וועלט די הײַנטיקע! דאָס קליינוואַרג דאָס הײַנ־טיקע! ניט ווי אין אונדזערע צײַטן. וואָס עס וועט נאָך פון זיי אויס־וואַקסן". — „גוטע קאָמוניסטן, כאַווער"—האָט יורעק ערנסט אָפּגע־ענטפערט און פאַרשוווּנדן אין וואַלד.

פון אַלע זײַטן האָבן געשטראָמט פּויערים־מאַסן אין שטאָט. די פּאָ־ליציי איז געווען אומבאַהאָלפן אָפּצוהאַלטן דעם האָזיקן שטראָם. דאָס איז געווען פאַר איר אומגעריכט, אומדערוואַרט. זי איז געווען זיכער, אַז נאָך די מאַסן־אַרעסטן וועלן זיך די קאָמוניסטן פאַרהאַלטן רויִק, באַנוגע־נען זיך, ווי די מערסטע יאָרן, מיט אייניקע אַרויסגעהאַנגענע פענער און אויפרופן. דער האָזיקער אַקשאָנעסדיקער מאַסן־דראַנג האָט זיי צעטומלט. זיי האָבן זיך געוואָרפן פון איין אָרט אַפן צווייטן, אָפּגעשטעלט, פאַר־האַלטן. נאָר די פּויערים זײַנען אַהיים צוריק ניט געגאַנגען.

די וואָלקנס זײַנען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אַ ליכטיקער זוניקער פרילינג־טאָג. ס'האָט געשמעקט מיט צעבליטער ערד און זאַפטיקן ריח פון צעבליטע ביימער. נאַטאַשע איז געשטאַנען אין וואַלד און איר גע־זיכט האָט געשײַנט פון פרייד. אַנדריי איז אָפּטמאָל אַ פאַרסאָפּעטער גע־קומען צו לויפן, געבראַכט באַריכטן.

— הוראַ, נאַטאַשאַ. העכער טויזנט פּויערים האָבן זיך שוין אַרײַנ־געריסן אין שטאָט. פון די דערפער לע, בע, וועו, ע, דע און זע האַלט מען אין איין גיין. מאַרוסיע מיט די גרופּע באַטראַקעס גייט מיטן טראַקט. איוואַן מיט אַ גרופּע פּויערים פון פּע געפינט זיך שוין אין

שטאָט. די ציגל־ארבעטער האָבנ מאַרשירט מיט א רויטער פאָנ. נאָכ זעגאָנ האָט זיי אינ נאָמענ פונ רײַקאָם געהייסנ פאַנאַנדערוואַרפנ זיכ אינ קליינע גרופּנ און ארײַנרײַסנ זיכ אינ שטאָט.

יורעק קומט צו לויפנ א פאַרשוויצטער.

— א צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי!.. א פּאָליציי־פּאַטרול האָט געפּרוווט פאַרהאַלטנ 50 טאַרטאַק־ארבעטער. די ארבעטער האָבנ געגעבנ א ווידערשטאַנד... די פויערים זײַנענ געקומענ זיי צוהילפ. איינ פּאָליציאַנט איז שווער פאַרווונדעט. דרײַ ארבעטער זײַנענ ארעסטירט.

פונווײַטנס האָבנ אָפּגעהילכט עטלעכע רעוואָלווער־שאָסנ.

„זאָל לעבנ די דיקטאַטור פונ פּראָלעטאַריאַט!“ רויטע איסיעס האָבנ געבלישטשעט אפ דער זונ אפ א טעלעגראַפנ־סלופּ. דאָס ווײַסרוסישע דאָרפ איז געגאַנגענ אינ שטאָט צו פאַרברידערנ זיכ אינ בלוט מיטנ פּראָלעטאַריאַט.

★

11 אזייגער אינדערפרי איז העכער זעקס טויזנט פויערים געלונגענ ארײַנצובאַקומענ זיכ אינ שטאָט. זיי האָבנ זיכ פאַרזאַמלט אינ בײַדע קלויסטערס—אינ פּראַוואָסלאַוונעמ אונ קאַטוילישנ, געוואַרט אפ א סיגנאַל פונ שטאָט.

די שטאָט האָט געפיבערט אינ ערשטמײַיקנ ברויז. רויטע פענער, פּלאַקאַטנ, עמבלעמענ האָבנ באַצירט די הײַזער. דאָס קליינבירגערטום, איבערגעשראָקנ, האָט זיכ פאַרמאַכט אינ די שטיבער, מוירע געהאַט אַרויס אפ דער גאַס. אינ א סאַכ הײַזער זײַנענ פאָרגעקומענ שטורמישע פאַמיליענ־סצענעס.

— דו וועסט ניט גיינ, זאָג איכ!.. זיצ אינ דער היימ! טפיסע האָט זיכ דיר פאַרוואָלט!.. ביסט זיכ מעקאַנע אינעמ גליק פונ לעווס זינדל. ס'ווילט זיכ דיר אויכ זעקס יאָר!..

דער זונ, אנ אָנגעטאָנענער אינ יאָנטעוודיקע קליידער, האָט זיכ געריסנ פונ דער פאַרצווייפלטער מאַמעס הענט.

— לאָז אָפּ, מאַמע! אַלע ארבעטער פאַרזאַמלענ זיכ אינ פאַרײַנ. איכ וועל פונ זיי ניט אָפּשטיינ!

די מאַמע פאַרברעכט די הענט, קוקט נאָכ דעמ פאַרשווונדענעמ זונ. א ווייטעקדיקער געדאַנק דריקט דאָס האַרצ: „צי וועל איכ אימ נאָכ זענ“.

אינ א הויפ ריידנ שכייניִם היציק צווישנ זיכ.

— איכ זאָג אײַכ, — שרײַט א געל ייִדל מיט שנעלע בלישטשענדיקע אויגנ, ער האלט דערבײַ דעמ שאָכנ פעסט באמ לאצ פונ דער מארינארקע, ווי יענער וואָלט זיכ געריסנ צו אנטלויפנ, — איכ זאָג אײַכ, איר וועט זענ, אז איכ האָב געזאָגט. דער הײַנטיקער טאָג וועט ניט פארבײַגײנ רויִק. ס'וועלנ זײַנ קאָרבאָנעס. מע וועט שיסנ, זאָג איכ.

די שכנים שאָקלענ צו מיט די קעפּ. דאָס געלע ייִדל היצט זיכ נאָכ מער:

— וואָס מײנט איר, אז א וועלט איז הפקר?! די מלוכע וועט זיכ לאָזנ שפּײַענ אינ דער קאַשע?! איר האָט געזענ, ווי זיי האָבנ דאָס פארשמירט די ווענט?! אי-ם, פּילסודסקינ אלײנ!!! איכ זאָג, ניט ארויסצוגײנ אפ דער גאס, בעסער בלײַבנ זיצנ אינ דער הײמ!

אינ קאטוילישנ קלויסטער האָט קאָוואלסקי דער כאזיירימ-קאצעוו דאָס מאָל ווינציק געשענקט אופמערקזאמקײַט דעמ גאָטעס-דינסט. ער האָט אופגערעגט, מיט א געהײמער מינע, אפּגעשטעלט יונגע געזונטע ברײטפּלײציקע פּוילישער בירגער אונ מיט זיי עפּעס אײנגעטײנעט. יענע האָבנ צופרידנ געשאָקלט מיט די קעפּ. ס'האָבנ זיכ געהערט אפּגעהאקטע ווערטער:

— מיטנעמענ מיט זיכ אײַזערנע שטאנגענ... זאמלענ זיכ לעבנ מײַנ יאטקע.

פּאָליציי האָט פיבערהאפט געריסנ די אופרופנ. די סטרוזשעס האָבנ זיכ באמיט אָפּצוואשנ די געפארבטע רויטע עמבלעמענ. נאָר אומזיסט. אפנ קוימענ פונ דער הויטע האָט שטאָלצ געפלאטערט א רויטע פאָנ מיט א סערפּ אונ האמער. ס'זײַנענ גערופנ געוואָרנ די פײַערלעשער. נאָר זײ-ערע לײטערס האָבנ ניט געקאָנט דערגרײכנ דעמ שפּיצ פונ קוימענ. די פאָנ האָט גערײצט, גערופנ. דער סטאראָסטע האָט באפוילנ זי אראָפּצו-שיסנ. די ביקסנ-קאנאָנאדע האָט ארײַנגעבראכט נאָכ מער פּאניק אינ שטאָט. די גאסנ זײַנענ אפ א קורצער צײַט ווי אָפּגעשטאָרבנ. די גלאָ-כימ אינ די קירכנ האָבנ געדונערט קעגנ די קאָמוניסטנ, קעגנ פּוילנס סאָנימ, קעגנ אנטיכריסט — דעמ ראטנפארבאנד.

10 אזייגער אינדערפרי האָבנ זיכ אָנגעהויבנ זאמלענ די ארבעטער. זיי האָבנ זיכ געטראָפנ אפ פארשיידענע טרעפּ-פּונקטנ. אלע עפנטלעכע אנ-שטאלטנ, באזונדערס די פּראָפעסיאָנעלע פארײַנענ, זײַנענ געווענ בא-וואכט פונ פארשטארקטע פּאָליציי-פּאטרולנ. סעמיאָנ האָט דאָס פאָרויס-

געזענ און געהייסנ פאנאנדערשטעלנ ניט ווײַט פונ די דאָזיקע ערטער ארבעטער־פּיקעטנ, וועלכע האָבנ איבערגעפירט די ארבעטער אפ אנדע־רע ערטער: אינ שטאָט־פּארק, ארומ די קלויסטערס. די באוועגונג אינ שטאָט איז געוואָרנ אלצ שטורמישער. אפ אלע גאסנ האָבנ זיכ געזענ צעוואָר־פענע גרופּנ ארבעטער, וואָס האָבנ לאנגזאמ שפּאצירט אינ זייערע יאָנ־טעוודיקע קליידער.

פיליפּנ און וולאַדעקנ איז געלונגענ ארויסצופירנ קימאט אלע 500 הוי־טע־ארבעטער. זיי זײַנענ געגאנגענ פעסט אָרגאניזירט אינ קליינע גרופּנ, געקוקט ארויסרופעריש אפ די פּאָליציי־פּאטרולנ. אייניקע פארדעכטיקע פארשוינענ האָבנ זיכ באמיט אָנצושליסנ אָנ זיי, נאָר די ארבעטער האָבנ זיי באגעגנט מיט אזא שטילער רעציכע, אז די וווילע לײַט האָבנ געפּו־נענ פאר זיכערער צו האלטנ זיכ א ביסל פונדערווײַטנס.

רובינענ און סטעפאנענ איז געלונגענ ארויסצופירנ אפ דער גאס מער ווי א העלפט ארבעטער פונ דער פאנער־פאבריק. די סטאָליער, שנײַדער און לעדער־ארבעטער האָבנ זיכ געזאמלט אפ דער צענטראלער קאָשטשיושקע־גאס. זיי זײַנענ געגאנגענ צומ שטאָט־פּארק. קליינע גרופּעס ארבעטער האָבנ זיכ צוזאמענגעגאָסנ, פאנאנדערגעטיילט זיכ, ווידער צוזאמענגענאָסנ. פּאָליציי־פּאטרולנ האָבנ פארפלייצט די גאסנ, געשטויסנ די ארבעטער. אָפּגעגעבנ הארטע, בוצפּעדיקע באפעלנ. „ניט שטיינ, פא־נאנדערגיינ זיכ!“ — האָט קעסיידער געהילכט אינ דער לופט. די ארבע־טער האָבנ געשטעלט א פאסיווע ווידערשטאנד, געגאנגענ לאנגזאמ. אפ דער צענטראלער גאס האָבנ אייניקע שפּיקעס ארעסטירט גאָלדמאנענ, דעמ סעקרעטאר פונ לעדער־פאריינ. די ארבעטער, וואָס זײַנענ געווענ דערבײַ, האָבנ אימ געוואָלט אָפּשלאָגנ. נאָר גאָלדמאנ, אויס מורא, אז דער דאָזיקער צוזאמענשטויס זאָל ניט האָבנ קיינ פאטאלע פאָלגנ פאר דער דעמאָנסטראציע, האָט באַרויִקט די אויפגערעגטע ארבעטער און גע־לאָזט זיכ פירנ אינ דער דעפענזיווע.

סעמיאָנ האָט אומרויִק ארומגעשפּאצירט אינ לענעס צימער. אימ איז געווענ זייער שווער. אימ האָט זיכ זייער שטארק געוואָלט זײַנ אפ דער גאס, אָבער ער האָט עס ניט געטאָרט טאָנ. די דירעקטיוו פונ צק האָט שטרענג פארבאָטנ די פאראנטוואָרטלעכע קרײַז־סעקרעטארנ צו באווײַזנ זיכ דעמ ערשטנ מײַ דרויסנ. ער האָט געהאט זײַנ טרייסט: פונ צײַט צו

צײַט איז געקומענ עמעצער צו לויפנ אָפּגעבנ א באריכט. די באריכטנ זײַנענ געווענ פרײדיקע.

— כאָווער סעמיאָנ, דאָס וועט שוינ זײַנ אײנמאָל א דעמאָנסטראַציע. מינדעסטנס צענ טויזנט מאַנ וועלנ אינ איר אָנטײלנעמענ.

פיליפּ איז געקומענ צו לויפנ א צעטראָגענער. ער איז געווענ באַשטימט פונ קרײַז־קאָמיטעט אלס קאָמענדאַנט פונ דער דעמאָנסטראַציע.

— דער רעדנער איז אַרעסטירט.

— גאָלדמאַנ?! — האָט סעמיאָנ אומרויִק א פרעג געטאָנ.

— יאָ, ווער וועט ריידנ?! דערלויבט מיר!

— ניינ, דאָס איז אומזינ! גאָלדמאַנענ האָבנ מיר דערלויבט, ווײַל ס'איז באַשלאָסנ געוואָרנ סײַווי אַריבערצופירנ אים אינ אנ אַנדער אָרט. דו טאָרסט ניט אַרויסטרעטנ, אַלע שפּיקעס קענענ דיר. דו וועסט מער ניט קאָנענ זײַנ אינ שטאָט. אויסער דעם דאַרפסטו אָנפירנ מיט דער דעמאָנסטראַציע. דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

— ווער זשע דענ? עמעצער מוז דאָך ריידנ אינ נאָמענ פונ דער פּאַרטיי!

— דאָס בעסטע וואָלט געווענ, אז עס זאָל אַרויסטרעטנ א פּוילישער אַרבעטער. דאָס וועט האָבנ א גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע דערציִערישע באַדײַטונג.

— וולאַדעק?

— ניינ, ער איז איצט פאַר דער פּאַרטיי באַזונדערס וויכטיק. מיט אים טאָרנ מיר איצט ניט ריזיקירנ. זאָל אַרויסטרעטנ וואַצעק. ער איז ניט לאַנג אינ שטאָט. מיר שײַנט, אז ער דאַרפ זײַנ א גוטער רעדנער. זוכ אים אופ אונ אינסטרוקטיר אים ווי געהעריק. ער דאַרפ ריידנ זייער קורצ—3‑5 מינוט. ניט מער. דעריקער—אייניקע געלונגענע רעוואָליוציאָנערע לאָזונגענ.

— ווענ אָנהייבנ די דעמאָנסטראַציע?

— ווענ דער אוילעמ וועט אַרויסגייִנ פונ די קירכנ אונ די פּויערימ וועלנ זיכ אָנהייבנ גרופּירנ—לויט אונדזער אַלטנ פּלאַנ. פיר אַרומ די הויזע־אַרבעטער אײנמיטנ מאַרק אונ הייב אופ די פּאַרטיי־פאָנ. צי איז די זעלבשוצ שוינ צוזאַמענגעקומענ זיכ?

— אַלצ אינ בעסטנ אָרדענונג. א שאָד וואָס דו קאָנסט ניט זײַנ מיט

דײַנע אײגענע אױגנ. געקליבענע אױגמ אינ אױגנ. הרײסטע, געזונטע, איבערגעגעבענע יאטנ.

★

דער סטאראָסטע האָט ארומגעשפּרײַזט הינ אונ צוריק אינ זײַנ קאַבינעט אנ אופגערעגטער, אנ אומזיכער. די טעלעפאָנ-פארבינדונגענ מיט אײניקע ראיאָנענ זײַנענ געװענ איבערגעריסנ. ער האָט געזידלט דעמ פּאָליצײ-קאָמיסאר:

— װו איז אײַער פּאָליצײ? בעט איכ אײַכ. איר האָט דאָכ געזאָגט, אז אלצ װעט זײַנ אינ אָרדענונג. א שײנע אָרדענונג! אפ מײַנ הױז אָנגעשמירט א לאָזונג: „נידער מיט די פּױלישע אָקופּאנטנ", מע קאָנ עס אפילע ניט אָפּװאשנ. די ארבעטער זאמלענ זיכ אינ די הונדערטער אפ דער גאס. װו איז די פּאָליצײ?

— הער סטאראָסטע! די פּאָליצײ איז א גאנצע נאכט ניט געשלאָפנ... זי קאָנ זיכ ניט קײנ אײצע געבנ. מיר האָבנ צו װיניק מענטשנ. איכ האָב שױנ פונ לאנג געזאָגט, אז מע דארפ פארגרעסערנ די פּאָליצײ. אפ אלע װעגנ גײענ פּױערימ אינ שטאָט. אלע אונדזערע באמיִונגענ אָפּצוהאלטנ דעמ דאָזיקנ שטראָמ זײַנענ דורכגעפאלנ. זײ זײַנענ צופיל אונ מיר צו װיניק. װער זאָל זיכ ריכטנ — האָט ער בײז צוגעגעבנ — קאָמיסאר װישנעװסקי האָט דאָכ פארזיכערט, אז אלע קאָמוניסטנ זײַנענ שױנ אינ טפיסע, אז דאס יאָר װעט זײַנ רויִק. מיר האָבנ אימ געגלײבט. אזא סורפּריז!

שױנ א לאנגע צײַט איז אָנגעגאנגענ א שטילער קאמפ צװישנ פּאָליצײ-קאָמיסאר גרושינסקי אונ דעפענזיװע-קאָמיסאר װישנעװסקי. גרושינסקי האָט ניט געקאָנט מוחל זײַנ װישנעװסקינ זײַנ צו שנעלע קאריערע. נאָכ מיט א יאָר צוריק — אנ אײנפאכער אָפיציר, אונ איצט שױנ קאָמיסאר. האלט די גאנצע װאָיעװודסטװע [1] אינ זײַנע הענט. ער, גרושינסקי, איז שױנ 8 יאָר קאָמיסאר אונ באקומט ניט קײנ העכערונג. װישנעװסקי האָט געהאלטנ גרושינסקינ פאר א טוגעניכצ, א שיכער. אונ בא יעדער געלעגנהײַט אימ צװײדײַטיק געגעבנ צו פילנ, װאָס ער טראכט װעגנ אימ. דער סטאראָסטע האָט געװוסט װעגנ דער דאָזיקער סינע. ער האָט סימ-

1 װאָיעװודסטװע — פּױלישער טעריטאָריעלער קרײַז, מײַ‏ער-װײַסרוסלאנד איז אײַנגעטײלט אינ 4 װאָיעװודסטװעס: װילנע, נאָװאָגרודעק, פּינסק, ביאליסטאָק.

פּאַטיזירט מיטנ עלעגאַנטנ כוצפּעדיקנ ווישנעווסקינ. ער האָט זיך מיט פאַרדראָס אָפּגערופנ:

— גיפּונעג א צייט פאַר פּערזענלעכע כעזשבוינעס. זאָגט בעסער וואָס צו טאָנ? מענ טאָר אום יעדנ פּרייז ניט דערלאָזנ צו א דעמאָנסטראַציע, מיר האָבנ באַקומענ א געהיימע דירעקטיוו פונ אינערנמיניסטער. דאָס וועט אונדז אַלע קאָמפּראָמעטירנ אינ די אויגנ פונ וואַרשע.

— נאָכ מיינ מיינונג, דאַרפ מענ ארויספאָדערנ פּאָליציייִשע הילפ פונ אַנדערע ערטער.

דער סטאַראָסטע האָט אומגעדולדיק א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט.

— אייער אייצע וואָלט גוט געווענ געכטנ, אָבער ניט היינט. צו שפּעט! ביז הילפ וועט קומענ, וועלנ די קאָמוניסטנ האָבנ איינגעאָרדנט זייער דעמאָנסטראַציע. מע דאַרפ זעג מיט אייגענע קויכעס ניט צו דערלאָזנ.

אינ קאַבינעט האָט זיך אַריינגעריסנ קאָמיסאַר ווישנעווסקי.

— איר האָט זיכ דאָכ געריימט, אז איר האָט אַלע קאָמוניסטנ אונטערנ שלאָס, — האָט אים איראָניש באַגעגנט גרושינסקי.

ווישנעווסקי האָט בייז זיך א דריי אויס געגעבנ צו אים.

— איר האָט היינט, ווייזט אויס, צו ווינציק געטרונקענ. איר זייט מיר עפּעס צו גאַליק. — אונ ווענדנדיק זיכ צום סטאַראָסטע, — די לאַגע איז ערנסט. אינ שטאָט געפינענ זיכ שוינ באַ אכט טויזנט פּויערים. זייער שטימונג איז זייער א באַנדיטישע. די האַזיקע דעמאָנסטראַציע קאָנ זיך פאַרענדיקנ מיט זייער ערנסטע רעזולטאַטנ. די פּויערים זיינענ אויסערסט אַגיטירט, אַנטשלאָסנ צו שטעלנ א ווידערשטאַנד.

— אונ איר האָט פריִער ניט געוווּסט דערפונ? — האָט מיט סימפּאַטיע אונ אָנטייל דער סטאַראָסטע געפרעגט.

ווישנעווסקי איז רויט געוואָרנ.

— איכ מוז מודה זיינ, אז דאָס מאָל בינ איכ אַליינ אַריינגעפאַלנ. איכ האָב געהאַט גענויע ידיעות, אז די קאָמוניסטנ האָבנ באַשלאָסנ דאָס יאָר ניט איינצואָרדענענ קיינ דעמאָנסטראַציע. נאָר מיט עטלעכע טעג צוריק איז אומגעריכט געקומענ אַנ אינסטרוקטער פונ קאָמוניסטישנ צק. אָ, ווענ איכ האָב זי אינ מיינע הענט! — זינ געזיכט איז פאַרלאָפנ געוואָרנ מיט בלוט, — זי האָט געבראַכט דירעקטיווע — אום יעדנ פּרייז

איינאָרדענען א דעמאָנסטראַציע. איך בין געוואָר געוואָרן וועגן דעם ערשטן נעכטן. איך האָב ניט געגלייבט, אַז דאָס הײַפל פאַרבליבענע קאָמוניסטן זאָל פּייִק זײַן צו מאָביליזירן אַזויפיל מענטשן!

— דאָס הײַפל איז גאַנץ היפּש, — האָט אים גרושינסקי ווידער א שטאָב געטאָן, — דאָס דאָזיקע הײַפל האָט איצט פאַרפלייצט די גאַנצע שטאָט.

— און די העלדישע פּאָליציי מיט איר פירער מאַכט אין די הויזן!

— מײַנע הערן! — האָט דער סטאַראָסטע אומגעדולדיק אויסגעשריִען.

— לויט די ידיעות, וואָס איך האָב, וועט די דעמאָנסטראַציע זיך אָנהייבן אויפן מאַרק, מע דאַרף דאָרטן קאָנצענטרירן די גאַנצע פּאָליציי. קאָוואַלסקי מאָביליזירט זײַנע קאַצאָווים און די סטשעלצעס.[1] מיט די דאָזיקע קויכעס באַפאַלן פּלוצעם די דעמאָנסטראַציע און צעקלאַפּן זי. מײַנע אַגענטן מאַכן דערווײַל אַרעסטן, כאַפּן אַרויס איינצלנע פירער.

— און אויב די דעמאָנסטראַנטן וועלן שטעלן ווידערשטאַנד?

א ווײַלע האָט געהערשט א שטילשווײַגן.

— דעמאָלט — שיסן! — האָט גרושינסקי שטיל זיך אָפּגערופן.

— ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, מײַנע הערן, איך פאַרלאָז זיך אויף אײַך!

ביידע קאָמיסאַרן האָבן שנעל פאַרלאָזן דעם קאַבינעט פון סטאַראָסטע.

★

אין קלויסטער האָט מען געהאַלטן באַם פאַרענדיקן די מפּילע. יאַנינאַ איז געשטאַנען אויף די קני און היים געבעטן גאָט, ער זאָל פאַרהיטן איר וולאַדעקן פון אן אומגליק. נאָך דער שטורמישער סצענע האָבן ביידע זיך באַמיט ניט צו ריידן וועגן פּאָליטיק. נאָר יאַנינאַ איז מער ניט געווען זיכער אין וולאַדעקן. זי האָט מיט איר פרויען־אינסטינקט געפילט, אַז וולאַדעק וועט אין דעם פּונקט איר קיינמאָל ניט נאָכגעבן, אַז אויב זי וועט פּרובירן קעמפן מיט אים, וועט זי אים אינגאַנצן פאַרלירן. זי האָט דאָס ניט געוואָלט. זי האָט אים אויפריכטיק ליב געהאַט. און אים ליבן איז פאַר איר אומגליק. דאָס ערשטע מאָל אין איר יונג לעבן

[1] סטשעלצי — פוילישע פאַשיסטישע שיסער־אָרגאַניזאַציע פון דער יוגנט.

איז אינ איר פאַרגעקומענ א קאָנפליקט צווישנ דויערסדיקער טראַדיציע, בלינדנ גלויבנ, געהאָרכזאַמ זײַנ דעמ גאַלעכ אונ פערזענלעכנ גליק.

דער גאַלעכ האָט געשאָלטנ די קאָמוניסטנ אינ נאָמענ פונ גאָט אונ דער הייליקער מוטער. ער האָט געשילדערט די יעסורימ, וואָס זיי שטייט פאָר אינ גענעמ, געבעטנ פאַר פוילנס גאַנציקײַט, געהעצט קעגנ די ייִדנ, קעגנ די באָלשעוויקעס. יעדעס וואָרט פונ גאַלעכ האָט זי איצט געשטאָכנ. זײַנענ דאָכ דעמ גאַלעכס קלאָלעס געווענדט קעגנ וולאַדעקנ אויכ. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געפילט, קאָנ זי זיכ ניט מיטוואָדע זײַנ פאַרנ גאַלעכ. ביז איצט האָט זי אופריכטיק אימ דערציילט אַלע פּראָטימ פונ איר אינטימענ מיידלשנ אונ נאָכדעמ ווײַבערשנ לעבנ. נאָר איצט,—האָט זי פאַרשטאַנענ, אז דאָס וואָלט געבראַכט אנ אומגליק אפ איר אונ אפ וולאַדעקנ. לעבנ איר איז געשטאַנענ קאָוואַלסקי. ער האָט פרומ זיכ געצײַלעמט אונ פרעכ געקוקט אפ איר דעקאָלטע. זי האָט דערפילט זײַנ זשעדנעמ בליק אפ איר קערפּער אונ רויט ווערנדיק ביז צו די האָרוואָרצלענ זיכ אָפּגעדרייט פונ אימ.

אינ דער פּראַוואָסלאַווער קירכ איז געווענ ענג אונ דושנע. מענטשנ זײַנענ געשטאַנענ צונויפגעפּרעסט איינער צומ צווייטנ. קימאַט קיינער האָט זיכ ניט צוגעהערט צומ פּאָפּס טפילעס. אַלע האָבנ מיט אומגעדולד געוואַרט, ווענ וועט זיכ ענדיקנ, ווענ וועט דער אוילעמ אַרויס אפ דער גאַס. טייל האָבנ שטיל גערעדט צווישנ זיכ, זיכ געסוידעט. ליינקס, אָנגעלענט אָנ דער וואַנט איז געשטאַנענ איוואַנ מיט נאָכ אייניקע פּויערימ. ער האָט אופמערקזאַמ זיכ אומגעקוקט, באַטראַכט דעמ היזיקנ אוילעמ, וואָס אַזא האָט נאָכ די קירכ קיינמאָל ניט געזענ, די אופגערעגטע געזיכטער זייערע. ס'האָט געמאַכט דעמ אײַנדרוק פונ א מיטינג, אונ ניט פונ קיינ טפילע פונ גלייביקע. זײַנ אופמערקזאַמקײַט האָט צוגעצויגנ א הויכער, ברייט=פּלייציקער, מיטל=יאָריקער מענטש מיט ברוינע האָר אונ וואַסערדיקע אויגנ, וועלכער איז געשטאַנענ לעבנ טיר אונ גלײַכגילטיק געקוקט אַרומ זיכ. פּלוצעמ האָט זיכ צומ פרעמדנ צוגערוקט א פּאַרשוינ, וועמעס אויסזענ עס האָט דײַטלעכ אָנגעוויזנ אפ זײַנ פּראָפעסיע. ניט צוגייענדיק צו אימ, האָבנ זיכ ביידע איבערגעוואונקענ מיט די אויגנ. דער פרעמדער האָט אימ אָנגעוויזנ אפ איינעמ א דאַרנ, יונגנ מענטש, וואָס איז געשטאַנענ רעכטס פונ דער טיר. דער פּאַרשוינ איז פאַרשווונדנ אינ דער דאָזיקער ריכטונג. „צוויי שפּיקעס"—האָט איוואַנ מיט

סינע א טראכט געטאָנ. דאָס געזיכט פונ פרעמדנ האָט זיכ אימ טיפ איינגעקריצט אינ זיקאָרנ.

די קלויסטער־גלאָקנ האָבנ זיכ אפסניי צעקלונגענ. די שפילעס זיינענ געגאנגענ צו ענדע. דער אוילעמ האָט אָנגעהויבנ לאנגזאמ פארלאָזנ די קירכנ. די בירגער האָבנ זיכ געיילט וואָס שנעלער אהיימ. די פויערימ האָבנ זיכ לאנגזאמ געזאמלט, אדורכגעלאָזט פאָרויס די שטאָטישע. יאנינא, אָנשטאָט, ווי געוויינלעכ, שנעל אהיימ צו גיינ, איז געבליבנ שטיינ, געקוקט פארכידעשט אפנ ריזיקנ אוילעמ פויערימ, וועלכנ זי האָט דאָס ערשטע מאָל געזענ אינ אזא גרויסער צאָל אינ קלויסטער. פלוצעמ האָט זיכ די מאסע שטורמיש א באוועג געטאָנ, מיטגעריסנ זי מיט זיכ אונ קימאט ווי ארויסגעטראָגנ זי אפ דער גאס.

עס האָט זיכ דערהערט א שטארקע מענערישע שטימ:

— באוויירימ, צו מיר!

דער מארק־פלאצ איז איבערפולט געוואָרנ מיט מענטשנ. ארבעטער, פויערימ האָבנ איילִיק געשטראָמט פונ אלע געסלעכ צו א גרופע מענטשנ, וואָס האָט זיכ פארחמירט אינמיטנ גאס. פונווייטנס האָט זיכ באוויזנ רייטער־פאָליציי. זיי האָבנ זיכ געלאָזנ אינ גאלאָפ צומ מארק.

— שטיינ בלייבנ! ניט אנטלויפנ! — האָבנ זיכ געהערט פונ פארשיידענע זייטנ אויסגעשרייענ. דער אוילעמ האָט געשטורעמט צומ מארק. הויכ האָט זיכ אופגעהויבנ א גרויסע, א דאכוועסדיקע רויטע פאָנ. זי האָט זיכ שטאָלצ באוויזנ אינמיטנ מארק. די רייטער האָבנ זיכ שנעל דערנעענטערט צו דער דעמאָנסטראציע.

נאטאשע מיט א גרופע פויערטעס אונ פויערימ האָבנ זיכ געלאָזט אנטקעגנ דער רייטער־פאָליציי. די פויערטעס האָבנ אראָפגעריסנ די טיכער פונ די קעפ אונ אָנגעהויבנ צו פאָכענ מיט זיי אנטקעגנ די פערד. די פערד, דערציטערטע פונ דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער באגעגעניש, געשלאָגנ אינ די אויגנ מיט די טיכער, האָבנ פונ שרעק זיכ געשטעלט אפ די הינטערשטע פיס, אראָפגעוואָרפנ פונ זיכ עטלעכע רייטער. דאָס ווילדע פייפנ פונ אוילעמ האָט אינגאנצנ צעמישט די פערד: עס איז זיי געווענ ניט איינצוהאלטנ. די ערשטע רייטער־אטאקע איז אָפגעשלאָגנ געוואָרנ. טויזנטער האָבנ פארפלייצט דעמ מארק.

אינ אלע ווינקלענ פונ דער דעמאָנסטראציע האָבנ ארבעטער אונ פויערימ זיכ געשלאָגנ מיט דער פאָליציי. אינמיטנ מארק, אופגעהויבנ

אף עטלעכע געזונטע הענט און פּלייצעס האָט וואַצעק געהאַלטן א קורצע רעדע. יאַגינאַ האָט צוערשט געפּרוּווט זיך אַרויסצורייסן פון האַמויג, אָבער דאָס איז אוממעגלעך געווען. זי איז אַלץ מער און מער מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דער מאַסע. זי האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון יעטווידער פּרוּוו זיך אַרויסצוקריגן. זי איז געווען צעטומלט און געפּרוּווט זיך צוהערן צו דעם, וואָס קומט פאָר אַרום איר. זי איז ניט ווילנדיק געשטופּט געוואָרן צום רעדנער.

וואַצעק האָט אין פלאַמענדיקע ווערטער גערופן די מאַסן צום קאַמף קעגן פאַשיזם, קעגן נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג, פאַר פאַרטיידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד. די פאַרזאַמלטע האָבן געענטפערט אַף זיינע לאָזונגען מיט שטורמישע צורופן און אַפּלאָדיסמענטן. דער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן די שטורמישע צורופן און אַפּלאָדיסמענטן זיינען געמאַכט געוואָרן, האָט ניט ווילנדיק און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין זי אָנגעשטעקט. „זאָל לעבן די פּוילישע סאָוועטן-רעפּובליק, זאָל לעבן די ווייסרוסישע סאָוועטן-רעפּובליק!" פון טויזנטער העלדזער האָט זיך אַרויסגעריסן א מעכטיקער „הוראַ!" און איז פּלוצעם אומגעריכט אָפּגעהאַקט געוואָרן. א טרוקענער קנאַל פון ביקסן האָט פאַרטריבן די לופט. די מאַסע איז אייניקע סעקונדן געבליבן שטיין פאַרגליווערט מיט אויפגעריסענע אויגן. דערנאָך זיך א וואַקל געטאָן... דאָס קנאַל פון ביקסן האָט זיך ווידערהוילט. געשרייען האָבן פאַרטריבן דעם טומל. אייניקע מענטשן לעבן דער פאָן זיינען אומגעפאַלן. די פאָן האָט זיך א וואַקל געטאָן און אַראָפּגעלאָזט זיך.

גרויל און שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דעם טויזנטקעפּיקן אומבאַוואָפנטן עולם. ס'איז געוואָרן א ווילדע פּאַניק. מיט איינגעבויגענע קעפּ האָט זיך דער עולם געלאָזט לויפן אין פאַרשיידענע זייטן. אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין איין מענטשלעכן קנויל. געשרייען: „מע שיסט! מערדער! טאַליאַנים!.. אוי, זיי האָבן מיך דערמאָרדעט.. כאַווייריִם, שטיין בלייבן.. לויפט ניט!.." האָט געהילכט אין דער לופט.

יאַגינאַ האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט אַרויסרייסן פונעם מענטשלעכן שטראָם. מיט אויגן איבערפולטע מיט שרעק האָט זי זיך געלאָזט לויפן צוזאַמען מיט אַנדערע. זי האָט ווי אין נעפּל געזען דאָס בעסטיאַלישע געזיכט פון קאָוואַלסקין און א גרופּע יונגען מיט אייזערנע דרענגענער, וואָס האָט געפּרוּווט צו פאַרשטעלן די אַנטלויפנדיקע דעם וועג,

קאוואלסקי מיט א רעוואלווער אין האנט האט קעסיידער געשאסן אין האמוין. ס'האט איר פלוצעם עפעס א ברי געטאן אין דער לינקער ברוסט. זי האט זיך א כאפ געטאן מיט דער האנט בא דער ברוסט, א געשריי געטאן און שווער אומגעפאלן אפן ברוק. זי האט פרובירט זיך אופהייבן, נאר אין די אויגן איז איר פינצטער געווארן. זי איז געבליבן ליגן שטיל.

דער מארק איז ליידיק געווארן. איוואן איז מיטגעריסן געווארן מיטן אוילעם אין א זייטיק געסל. מיט מי איז אים געלונגען עטוואס צו בארויקן די מאסע און אפשטעלן דעם ווילדן געלאף. ער האט פאר־ צווייפלט אויסגעשפרייט זיינע לאנגע הענט.

— כאוויירים, א כארפע! ניט אנטלויפן!.. פאריאגן די פאליצייִשע הינט!

קיינער האט ניט געוווסט, ווער עס האט דער ערשטער גענומען ארויסרייסן שטיינער פון ברוק. אין אייניקע מינוט ארום זיינען אלע שטיינער פון געסל געווען אין די הענט פון די דעמאנסטראנטן. באוואפנטע מיט שטיינער און סלופעס פון צעבראכענע פלויטן, אנגעפירטע דורך איוואנען האבן זיך עטלעכע הונדערט מענטשן א לאז געטאן צוריק צום מארק. זיי האבן זיך אנגעטראפן אפן וועג מיט קאוואלסקיס באנדע. א קורצער קאמף, און די באנדע סמשעלצעס האט איבערגעלאזט אפן ברוק עטלעכע פארוואונדעטע און איז אין פאניק אפגעטראטן צוריק.

— א טויט דער פאליציי!.. א טויט די מערדער!..

א האגל שטיינער האט געענטפערט אף דער ביקסן־שיסערייַ. ווילד פון צארן און פארגאסענעם בלוט, האט די מאסע ניט רעכענענדיק זיך מיט דער שיסערייַ, זיך געווארפן אף דער פאליציי. קאמיסאר גרו־ שינסקי, זעענדיק די דראענדיקע האלטונג פון האמוין, האט דערשראקן זיך אנגעהויבן ציִען צוריק. נאר דער וועג פאר דער פאליציי איז געווען פארשטעלט. ווֹלאדעק, וואס האט אין דער ערשטער מינוט זיך געלאזט לויפן מיטן האמוין, האט זיך טייקעף בארויקט. ער האט זיך אומגעקוקט און געזען, אז די פאליציי איז קליין און צאל, האט ער זיך אריינגעריסן צווישן די אנטלויפנדיקע ארבעטער, אפגעשטעלט זיי.

— כאוויירים, לויפט ניט! אנטוואפענען די פאליציי! די באנדיטן!

די ארבעטער האבן זיך געלאזט צוריק. ארומגערינגלט פון ביידע זייטן האט גרושינסקי אנגעהויבן לאנגזאם צוריקצוטרעטן, אפשיסנדיק

זיכ. א שווערע שטיינ האט אים פלוצעמ געטראָפנ אינ קאָפּ. ער האָט א געשריי געטאָנ פונ ווייטעק אונ איז אומגעפאלנ. די פאָליציי איז אינ פאניק צוריקגעטראָטנ, דורכגעשלאָגנ זיכ א וועג מיט די ביקסנ, איבער־געלאָזט עטלעכע פארווונדעטע.

די פאניק איז פארשווּנדנ. דער ניצאָכנ איבער א פאָליציי־אָטריאַד האָט באפליגלט דעמ ענטוזיאַזמ פונ האמוינ. צעוואָרפנ אינ גרופנ האָבנ זיי ווידער איבערפולט דעמ מארק. זיי האָבנ געריסנ די שטיינער פונ ברוק, פאנאנדערגענומענ דעמ הילצערנעמ פלויט פונ דער פראוואָס־לאוונער קירכ אונ זיכ באוואָפנט מיט דרענגענער.

— באוויירים, באפרייַענ די פאָליטישע ארעסטירטע. צו דער דע־פענזיווע! — א הילכיקע פרויענ־שטימ האָט גערופנ פונ אנ איבערגעקערטנ פויערישנ וואָגנ אינמיטנ מארק. נאטאשעס האָר האָבנ זיכ געכוואליעט אפנ ווינט. דער דאָזיקער לאָזונג איז אונטערגעכאפט געוואָרנ פונ טויזנטער.

— א טויט דער פאָליציי! באפרייַענ די פאָליטישע ארעסטירטע!

די מאסע האָט געשטורעמט צו דער דעפענזיווע. די פאָליציי, צוריק־טרעטנדיק, האָט זיכ קאָנצענטרירט ארומ דער דעפענזיווע אונ סטא־ראָסטווע. דאָ אונ דאָרטנ זייַנענ פאָרגעקומענ צוזאמענשטויסנ צווישנ דער פאָליציי אונ איינצלנע גרופעס ארבעטער אונ פויערימ. אפנ מארק זייַנענ געבליבנ ליגנ עטלעכע טויטע. די פארווונדעטע האָבנ די ארבעטער אריבערגעטראָגנ אינ שפיטאָל. אלע גאסנ אונ געסלעכ, וואָס האָבנ גע־פירט צו דער דעפענזיווע, זייַנענ געווענ באלאגערט פונ טויזנטער פוי־ערימ אונ ארבעטער.

דער סטאראָסטע האָט זיכ באמיט צו בארויִקנ דעמ אויפגערעגטנ אוי־לעמ. ער האָט פרובירט ריידנ צו זיי. א האָגל שטיינער האָט אים געצ־ווּנגענ שנעל זיכ צו באהאלטנ אינ הויז. ער האָט טעלעגראפיש געבעטנ הילפ.

די שטימונג פונ די מאסנ איז געוואָרנ אלצ מער צערייצט אונ פארביטערט:

„באוויירים, 10 טויטע! דרייַ פרויענ דערהארגעט! א טויט די מער־דער! באפרייַענ די ארעסטירטע!"

מיט שטיינער אונ דרענגענער האָבנ זיי זיכ געוואָרפנ שטורעמענ די דעפענזיווע, אָבער אריינרייַסנדיק זיכ אינ הויפ, זייַנענ זיי געבליבנ שטיינ

אומזיכער. אפנ דאַכ פונ הויז האָבנ זיכ באַוויזנ עטלעכע פּאָליציאַנטנ מיט אַ קוילנוואַרפער. וולאַדעק, זעענדיק, אַז עס דראָעט מיט אַ שרעקלעכער שכיטע, האָט אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריִענ:

— כאַוויירים, צוריק! אַרומרינגלענ דעמ הויפ!

די מאַסע האָט זיכ צוריקגעצויגנ, אַרומגערינגלט די געביידע. ס'איז געשטאַנענ אַ מויִרעדיקע שטילקייט, ווי פאַר אַ שטורעמ. פאַרדעכטיקע פאַרשווינענ האָבנ זיכ געדרייט צווישנ די פאַרזאַמלטע, אַגיטירט זיכ לאָזנ ראַבעווענ די יִידישע קראָמענ. נאַטאַשע האָט אָנגעכאַפּט אַזאַ פאַרשווינ באַ דער האַנט. עטלעכע פויערימ האָבנ אימ פעסט געהאַלטנ:

— כאַוויירימ, דאָס איז אַ פּאָליציי־שפּיאָנ! ער העצט צו יִידישע פּאָגראָמענ! ער וויל פאַרשמוצנ דעמ פּראָלעטאַרישנ קאַמפּ־טאָג מיט יִידיש בלוט! הערט ניט די פּראָוואָקאַטערס! יאָגט זיי! טרייבט זיי פונ איינכ! גיט זיי איבער די הענט!

איר שטימ האָט געדונערט. געזונטע הענט האָבנ אופגעהויבנ דעמ שפּיק אינ דער הייכ.

— קוקט אָנ דעמ דאָזיקנ נעפּעש, פאַרגעדענקט אימ! דאָס איז אַ שפּיאָנ! — שווערע קלעפּ האָבנ זיכ אַראָפּגעלאָזט אפ אימ. אונטער די קלעפּ האָט ער געקוויטשעט, ווי אַ געשטאָכענער כאַזער.

די לאַגע איז געוואָרנ אַלץ ערנסטער. די אַרבעטער אונ פויערימ האָבנ באַהערשט די שטאָט, אַראָפּגעשווענקט די פּאָליציי. רעוואָלוציאָנערע ליִדער, הייסע רעדעס, לאָזונגענ האָבנ געקלונגענ אינ אַלע גאַסנ. די פויערימ האָבנ ניט געוואָלט פאַרלאָזנ די שטאָט. די אַרבעטער פאַרבישערטע פונ דער שרעקלעכער שכיטע, האָבנ זיי צוגעגעבנ מוט.

— אַ סאָפּ מאַכנ מיט די טאַליאָנימ, אָנלערנענ זיי! גענוג געדולדעט!

אַלע פענצטער פונ דער סטאַראָסטווע אונ דעפּעניזיווע איינגענ געווענ אויסגעהאַקט. די פּאָליציאַנטנ האָבנ פונ זייערע באַהעלטענישנ געשאָסנ.

★

סעמיאָנ האָט אַנ אופגערעגטער געשפּאַנט היִנ אונ צוריק איבערנ צימער. ער האָט זיכ געריסנ אפ דער גאַס. טראַ־טראַ־טראַ־טאַ — האָט די שיסעריי געשטאָכנ אינ די אויערנ ביז צו מעשוגאַס. ס'האָט אימ אַרומגענומענ אַ פיזישער ווייטעק. נאָר די שטילע לענאַ, וועלכע האָט זיכ קיינמאָל ניט געמישט, האָט אימ געפּרוווט באַרויִקנ.

— דאָס איז אַנ אומזינ... איצט אַרויס אַפ דער גאַס. וואָס וועט איצט אויפטאָנ?.. גאָרניט... דער צאַר האָט פאַרבאָטנ!

— אָבער פאַרשטיי, מע שיסט! אַרבעטער אונ פויערים קומענ אום אונ איכ, ווי א פּאַכדנ זיצ איכ אונ באַהאַלט זיכ אינ שטוב! — פונ אופרעגונג האָבנ זיכ אים באַוויזנ טרערנ אינ די אויגנ.

— די כאַווײרים קענענ דיכ צו גוט צו האַלטנ דיכ פאַר א פּאַכדנ. ערשט איצט ביסטו גוואַלדיק נייטיק. מע וועט דיכ זיכער אַרעסטירנ. באַגיי ניט קיינ פעלער!

— אָבער פאַרשטיי, איכ פיל זיכ איצט ערגער. ווי אינ טפיסע, ווי א געבונדענער! ניינ! איכ וועל ניט אויסהאַלטנ דאָ אינ שטוב!

ער האָט זיכ א ריס געטאָנ צו דער טיר אונ זיכ אָנגעטראָפנ אַפ פי־ליפנ. פיליפ האָט היציק איבערגעגעבנ סעמיאָנענ די לעצטע געשעענישנ אונ אַרויסגעזאָגט זײַנ מיינונג. איצט איז שוינ צו שפּעט צו שטורעמענ די דעפענזיווע. זיי האָבנ פאַרלאָרנ א האַלבע שאָ, געגעבנ די מעגלעכקייט דער פּאָליציי זיכ צו קאָנצענטרירנ אַפ איינ אָרט. ווענ זיי וואָלטנ זיכ גלײַכ געלאָזט צו דער דעפענזיווע, וואָלט געלונגענ צו באַפרײַענ די אַרעס־טירטע. איצט קאָנ זיכ עס נאָכ ענדיקנ מיט א שרעקלעכער שכיטע. די מאַסע איז ניט באַוואָפנט אונ די פּאָליציי האָט קוילנוואַרפערס. סעמיאָנ האָט אויפמערקזאַם זיכ צוגעהערט צו פיליפס אָפּגעהאַקטער דערציילונג. פאַר זײַנע אויגנ איז געשטאַנענ דאָס גראַנדיעזע בילד פונ שטורמישנ אויפברויז.

— ווער האָט געגעבנ דעם לאָזונג באַפרײַענ די אַרעסטירטע?

— איינע א יונגע פרוי אינ פויערים־קליידער! איכ קענ זי ניט. זי האָט א גוואַלדיקע ווירקונג אַפ די פויערים. דאָס איז א צוקונפטיקע פי־רערנ.

— מע דאַרפ דורכויס אויסגעפינענ ווער זי איז. א פרוי? מיר האָבנ זיי ווייניק. זי טאָר ניט פאַרבלײַבנ אינ שטאָט! דערגיי באַ איוואַנענ ווער זי איז. ער געפינט זיכ זיכער מיט דער דעמאָנסטראַציע. דו ביסט גערעכט אַז אַטאַקע איז איצט נוצלאָז אונ שעדלעכ. פאַר אונדז איז דער דאָזיקער טאָג א גרויסער ניצאָכנ. מיר האָבנ הײַנט דעמאָנסטרירט אַנ ערנסטנ רעוואָליוציאָנערנ קויעכ. די פּאָליציי איז אַנטלאָפנ? דאָס וועט שטאַרק אַרונטערײַסנ איר אויטאָריטעט. די אַרבעטער אונ פויערים האָבנ שוינ הײַנט דערפילט, אַז אָרגאַניזאַציע אונ איינוקײַט איז א גוואַלדיקער וואָפנ.

אינ זייערע הענט! און מיר האָבנ נאָכאמאָל באשיימפּערלעכ דערזענ, סטאַראַ טוואַלדיקע אינערציע די מאסנ פארמאָגנ. אונדזער אויפגאבע איז איצט דעמ דאָזיקנ באוווּסטזיינ צו פארשטארקנ און פארטיפנ, ציִענ דערפונ די געהעריקע קאָנסעקווענצנ. דער אויטאָריטעט פונ דער פּארטיי וועט זיכ הייבנ.

— די מאסנ זיינענ אפּ דער גאס. זיי ווילנ זיכ ניט פונאנדערגיינ.

— לאנג טאָר מענ ניט בלייבנ אפּ דער גאס. זיכער האָט דער סטאַראָסטע זיכ געווענדעט נאָכ הילפ. ס'וועלנ אָנקומענ פרישע פּאָליציי־קויבעס, דעמלט וועלנ זיי איינאָרדענענ די עמעסע בלוטבאָד. פארשטענדיק זיכ מיט די קאָמענדאנטנ פונ די גרופּנ און גיב זיי איבער, אז זיי זאָלנ לאנגזאמ און אינ אָרדענונג פונאנדערגיינ זיכ. זאָלנ די פויערימ ארויסגיינ פונ שטאָט, דעמאָנסטרירנדיק. נאָר אפנ וועג זיכ פונאנדערברעקלענ און דורכ פארשיידענע וועגנ גיינ אהיימ. גיב איבער סעריאָזשענ, אז ס'איז איצט נייטיק א באזונדערע פאָרזיכטיקייט. די פּאָליציי וועט זיכ וועלנ באזונדערס נויקעמ זיינ פאר איר הייִנטיקער מאפּאָלע. אלע באַזויירימ, וואָס האָבנ זיכ אויסגעצייכנט אינ הייִנטיקנ טאָג, דארפנ אפּ א צייט אָפּשטעלנ זייער אָפענע טעטיקייט. איכ האָב מוירע פאר וולאָדעקנ. מע דארפ זיכ ענערגיש צוגרייטנ צו דער לעוואיע פונ די געהארגעטע. דעריקער — טייקעפ ארויסלאָזנ אנ אויפרופ און אויפקלערנ די באדייטונג פונ טאָג. איכ וועל אימ נאָכ הייִנט אָנשרייבנ. באזאָרגנ, אז נאָכ הייִנט באנאכט זאָל ער ווערנ העקטאָגראפירט און פונאנדערגעשיקט.

☆

ווענ פּאָליציי־הילפ איז אָנגעקומענ פונ אנדערע שטעט, איז שוינ אינ שטאָט געווענ רויִק. אלע פענצטער אינ די הייִזער זיינענ געווענ פעסט פארשלאָסנ. אפּ די גאסנ האָבנ זיכ באוועגט געדיכטע פּאָליציי־פּאטרולנ. די שטאָט האָט אינ דער שטיל באוויינט אירע טויטע און פארווונדעטע.

וולאָדעק איז געלאָפנ א צעטראָגענער, אנ אומרויִקער איבער דער שטאָט. ווּ איז יאנינא? צו וועמענ האָט זי געקאָנט גיינ? ער איז געווענ בא איר מוטער, בא אלע באקאנטע. ניינ... קיינער האָט זי ניט געזענ. מע האָט זי געזענ אינ קלויסטער. מער ווייסט קיינער גאָרניט. ער האָט פּרובירט זיכ אליינ בארויִקנ. מיסטאמע זוכט זי אימ... ער וועט זי טרעפנ אינ נאכט... ס'איז שוינ געוואָרנ שטארק פינצטער און ער האָט נאָכ אלצ

געבלאַנדזשעט איבער די גאַסן. ער איז צוויי מאָל געווען אין דער היים. נאָר זי אלץ ניט געפונען.

א שרעקלעכער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן: „זי איז דערהאַרגעט געוואָרן". נאָר ניין, עס קאָן ניט זיין! יאַנינאַ, די פרומע קריסטן וועט ניט אַנטייל נעמען אין דער דעמאָנסטראַציע. דאָס איז אומזין. ער האָט זיך באַמיט צו באַרויקן. אָבער וווּ איז זי? ס'איז שוין געווען שפּעט בײַ נאַכט. ער איז געשטאַנען פאַר זײַן הויז, ניט געוווּסט וואָס ווײַטער צו טאָן. און עפּשער האָט א פאַרבלאַנדזשעטע קויל זי געטראָפן? טרעפן דאָך אזעלכע צופאַלן. ער איז שוין איצט קימאַט ווי זיכער געווען, אז מיט איר איז אן אומגליק געשען. ער האָט זיך א ריס געטאָן און געלאָזט לויפן צום שפּיטאָל.

אין קאַנצעלאַריע איז געזעסן די דעזשורנע דאָקטערן. איר גוטמוטיק געזיכט האָט געקוקט מיט מיטלייד אף אים.

— ווי איז איר נאָמען? יאָ, מיט אייער פרוי איז געשען אן אומגליק. זי איז פאַרוווּנדעט.

— געפערלעך?!

זי האָט זיך באַמיט ניט צו קוקן אים אין געזיכט.

— איך האָף, אז די אָפּעראַציע וועט זיין א געלונגענע. — און אוועק פון אים. ער האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך איר איבערן קאָרידאָר, האַסטיק סופּענדיק מיט די פיס. צוויי סאַניטאַרן האָבן אים קוים אָפּגעשטעלט.

— איר וועקט אוף די קראַנקע. עס איז דאָך א שפּיטאָל.

— ווו איז מיין פרוי?! איך וויל זי זען!

אפן טומל איז אַרויסגעגאַנגען א צווייטער דאָקטער.

— איר קאָנט איצט ניט זען אייער פרוי. זי ליגט אפן אָפּעראַציע־טיש. מע וועט זי באַלד אָפּערירן.

— איר לעבן איז אין געפאַר?

— איך האָף, אז די אָפּעראַציע וועט געליגגען.

ווידער דער זעלבער ענטפער. די דאָזיקע מענטשן ווילן אים ניט זאָגן דעם עמעס. מע באַגייט זיך מיט אים, ווי מיט א הילפלאָז קינד. ער האָט זיך מיר אָנגעלענט אָן דער וואַנט. ס'האָט פון אים געגאָסן שווייס. ער האָט איינגאַנצן געשווידערט, דער דאָקטער האָט אים פריינטלעך אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— בארויִקט אײַכ. איכ האָפ, אז עס וועט אלצ גוט זײַנ.

די מינוטנ האָבנ זיכ געצויגנ, ווי אנ אײביקײַט. די טיר צום אָפּערא־ציע־זאל איז געווענ פעסט פארמאכט, פונ יענער זײַט איז געווענ שטיל. וואָס טוענ זײ מיט איר? זענ זי! נאָר פאר דער טיר איז געשטאַנענ א סאניטאר. ער האָט געהיט זײַנ יעדע באוועגונג. וולאדעק האָט גע־ריסנ פונ זיכ דעמ קראגנ.

— גײט ארויס אפ דער גאס, פרײשט אײַכ אָפּ א ביסל.

דער סאניטאר האָט אימ אונטערגעהאלטנ, ער זאָל ניט אומפאלנ אונ אימ ארויסגעפירט פונ שפּיטאָל. זײ זײַנענ בײדע געבליבנ שטײנ פארנ טויער.

א שווערע האנט האָט זיכ פּלוצעמ אראָפּגעלאָזט אפ זײַנ אקסל. ער האָט זיכ נערוועז אומגעקוקט. א פּאָליציי־פּאטרול, אָנגעפירט פונ א שפּיאָנ האָט אימ ארומגערינגלט.

— דאָס איז אײנער פונ זײערע פירער, — האָט געזאָגט דער שפּיאָנ.

וולאדעק האָט זיכ א ריס געטאָנ, אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ דעמ שפּי־אָנס האנט.

— לאָזט מיר זיכ געזעגענענ מיט מײַנ פרוי.

עטלעכע שטארקע קלעפּ פונ ביקסנ־קאָלבעס האָבנ אימ אומגעוואָרפנ אפ דער ערד. ווענ ער איז געקומענ צו זיכ, האָט ער זיכ געפונענ אינ א קאמער, ארומגערינגלט מיט אײניקע ארעסטירטע צעבלוטיקטע ארבעטער.

★

אפ די וועגנ זײַנענ געגאנגענ פויערימ. אײניקע פונ זײ האָבנ שטיל געזונגענ רעוואָלוציאָנערע לידער.

נאָכנ ערשטנ מײַ

נאָכנ ערשטנ מײַ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מאסנ־ארעסטנ אינ גאנצנ קרײַז. אלע פארדעכטיקטע אינ קאָמוניזמ זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ. די טפּיסעס, די פּאָליציי־קאָמיסאריאטנ זײַנענ געווענ איבערפולט. די ארעס־טירטע זײַנענ געוואָרנ מוירעדיק געפּײַניקט. באזונדערס ברוטאל זײַנענ געפּײַניקט געוואָרנ די, וועמענ מע האָט כוישעד געווענ אינ אָנטײל אינ

דער ערשטמײַיִקער דעמאָנסטראַציע. עס זײַנענ אַרעסטירט געוואָרנ אַלע פירער פונ די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינענ. אינ די דערפער זײַנענ פאָרגעקומענ יעדנ טאָג רעוויזיעס אונ מאַסנ־אַרעסטנ. מיט אײניקע ראַיאָנענ איז צוליב די אַרעסטנ איבערגעריסנ געוואָרנ אַפ אַ צײַט די פאַרבינדונג.

די פּאָליציי האָט באַנאַכט שטילערהייט אַרויסגעפירט די טויטע אַפנ בעסוילעמ אונ זיי באַגראָבנ, ניט ווײַזנדיק זיי אַפילע פאַר די מישפּאָכעס. די אַרבעטער האָבנ ניט געוווּסט, וווּ זיי ליגנ. אַזויאַרומ האָט די פּאָליציי אויסגעמיטנ ווײַטערדיקע דעמאָנסטראַציעס. אײניקע שווערפאַרווונדעטע זײַנענ אינ עטלעכע טעג אַרומ געשטאָרבנ. יאַנינאַ האָט אינ היצ אונ באַוווּסטלאָזנ צושטאַנד זיכ געראַנגלט מיטנ טויט.

מיכאַל איז אַרעסטירט געוואָרנ אײניקע טעג פאַרנ ערשטנ מײַ. ביזנ ערשטנ מײַ האָט מענ אים קימאַט ניט גענומענ אַפנ פאַרהער. דעמ ערשטנ מאָל האָט מענ אים גערופנ אַפ פאַרהער דעמ צווייטנ מײַ.

מע האָט אים אַרײַנגעפירט אינ קאַבינעט צומ קאָמיסאַר ווישנעווסקי. דער קאָמיסאַר האָט געמאַכט אַ פרײַנטלעכע מינע, געבעטנ זיצנ אונ פאַרפירט מיט אים אַנ אינטימענ געשפּרעכ. ער באַדויערט, וואָס ער איז געצווונגענ געווענ אים צו אַרעסטירנ. מיכאַל געפעלט אים. ער האָט צו אים סימפּאַטיעס, נאָר פליכט... אַלצ איז אָפּהענגיק פונ אים, פונ מיכאַלנ אַליינ. אויב ער וועט זײַנ קלוג אונ פאַרשטענדיק, וועט געלינגענ צו ליקווידירנ די מיספאַרשטייעניש אונ ער וועט שנעל דערזענ די פרײַהײַט. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט געקוקט אַזוי פרײַנטלעכ, אַז מיכאַלנ האָט באַדריקט אַ קאַלטער שווייס. ער האָט זיכ באַמיט צו פאַרהאַלטנ רויִק.

— איכ פאַרשטיי ניט. וואָס דער הער קאָמיסאַר מײנט?

ווישנעווסקי האָט געשמייכלט.

— לאָמיר רײדנ אָפנ. ניטאָ וואָס צו שפּילנ מיט פאַרמאַכטע קאָרטנ. מיר ווייסנ זייער גוט ווער איר זײַט. איר זײַט דער סעקרעטאַר פונ קרײַז־קאָמיטעט פונ קאָמיוג. מיר האָבנ גענויע ידיִעס. איר זײַט אַ מיטגלי־ פונ קרײַז־קאָמיטעט פונ דער פּאַרטיי. דאָס אַליינ איז שוינ גענוג, ווענ מענ נעמט נאָר אינ אַכט די נעכטיקע געשעענישנ, אַז איר זאָלט באַקומענ 15 יאָר קאַטאָרגע. אונ דאָס וועט איר באַקומענ. באַטראַכט אַלײנ. וואָלקצופּאַטערנ דאָס גאַנצע לעבנ. פאַרוואָס אונ פאַרווענ? צוליב נאַרישע אַמביציעס. איכ לייג פאַר איג אַ שאַ אַרומ צו זײַנ אַפ דער פרײַ. ווילט איר?

מיכאל האָט געקוקט אינ די דורכדרינגלעכע שטעכיקע אויגנ פונ קאָ־מיסאַר. ער האָט זיכ געמאכט נאַיוו.

— דאָס אלצ, וואָס דער הער קאָמיסאַר האָט געזאָגט, איז ניט עמעס. דאָס האָט מיסטאמע עמעצער אויסגעטראכט אפ מיר א בילבל. געוויס וויל איכ זײַנ פרײַ.

— דאָס ליגט אינ אײַערע הענט. מיר ווייסנ ווי צו שעצנ אופריכטי־קע ארבעט. זײַט איר גרייט צו דינענ? שרײַבט אונטער דעמ פּאַפּיר, זאָגט וואָס איר ווייסט, אונ איר זײַט פרײַ.

— איכ ווייס גאָרניט. איכ האָב ניט וואָס צו דערציילנ. דינענ דער פּאָליציי האָב איכ ניט קיינ כיישעק. איכ האָב אנ אנדערע באשעפטיקונג. אונ פיל ניט קיינ נייגונג צו פּאָליציי־דינסט.

— באטראכט אײַכ גוט. איר שטעלט אײַנ קאָנ אײַער גאנצע צו־קונפט. אונדז גייט ניט אומ דעמ איר זאָלט אונדז דערציילנ, וואָס עס איז געווענ. מיר ווייסנ עס אזוי גוט, ווי איר. איכ קאָנ אײַכ אליינ דער־ציילנ אונ איר וועט זענ, אז מיר זײַנענ זייער גוט אינפאָרמירט. מיר ווייסנ, אז סעמיאָנ איז סעקרעטאר פונ קרײַז־קאָמיטעט פונ דער פּארטיי. מיר האָבנ אימ אינ אונדזערע הענט. מיר ווייסנ, אז מיט אייניקע טעג צוריק איז געווענ דאָ אנ אינסטרוקטער פונ צק. איכ קאָנ אײַכ איבער־געבנ נעמענ, וואָס עס איז באשלאָסנ געוואָרנ אפ אײַער לעצטער זיצונג. מיר ווייסנ א סאכ דערפונ, וועגנ וואָס איר טראכט, אז מיר ווייסנ ניט. אונדז גייט אומ דעמ, אז איר זאָלט אונדז אינפאָרמירנ, ניט בלויז פארנ היגנ קרײַז, נאָר אויכ פארנ צענטער. אונדזער ארבעטלוינ איז א הויכער. איכ האָפ, אז איר צווייפלט ניט דערינ. זײַט מאסקעם אונ איר וועט מאכנ א גוטע קאריערע.

— איכ האָב אײַכ שוינ געזאָגט, אז איכ ווייס גאָרניט. א פּאָליציי־אינפאָרמאטער וועל איכ ניט ווערנ.

דער קאָמיסאר האָט זיכ האסטיק אופגעהויבנ.

— איכ גיב אײַכ צײַט ביז 12 אזייגער אינאָווענט. באטראכט אײַכ. זעט נאָר, אז איר זאָלט נאָכדעמ ניט כאראָטע האָבנ. מיר קאָנענ אנ־דערש ריידנ.

ווענ מיכאל איז געקומענ צו זיכ אינ דער רעפענזיווע־קאמער, האָט ער זיכ אָנגעהויבנ ביסלעכווײַז צו בארויִקנ. אימ האָט געפּײַניקט איינ גע־דאנק: ווער איז דער פּראָוואָקאטער? פונ דער לעצטער זיצונג פונ קרײַז־

קאָמיטעט האָבן געוווּסט נאָר דרײַ. סעמיאָן, ער און סעריאָזשע. ס'איז שטרענג פֿאַרבאָטן געוואָרן עמעצן צו דערציילן, אַז ס'איז געווען אַן אײַנ סטרוקטור פֿון צק. ווישנעווסקי ווייס פֿון אַלץ. אַלע אײַנצלהייטן. „סעריאָזשען" אַ שווייס האָט אים באַגאָסן. זאָל עס מעגלעך זײַן, אַז ער?! אַזאַ נאָענטער און איבערגעגעבענער כאַווער. ס'איז אוממעגלעך. דאָס איז אומזין. ס'קאָן ניט זײַן. די גאַנצע צײַט אַרבעט ער אַזוי איבערגעגעבן. באַ אַלע באַליבט. ניין. עפּשער איז עמעצער געווען אומפֿאָרזיכטיק, דערציילט אַן אַנדערן. עפּשער די טשעכניק... דאָס וואָלט געווען צו פֿײַנלעך!.. אײַנערלעך האָט עפּעס געטאָגט. סעריאָזשעס געזיכט איז אַ לעבעדיקס געשטאַנען פֿאַר זײַנע אויגן. ער האָט זיך באַמיט צו פֿאַרטרײַבן די דאָזיקע געדאַנקען. נאָר זיי זײַנען פֿאַראַקשנט געבליבן שטעקן אין קאָפּ.

ווישנעווסקי דראָעט. 12 אײַנאָוונט... דער דאָזיקער אויסוווּרף וועט האַלטן וואָרט. מיכאַל ווייס וויפֿל כאַוויירים זײַנען שוין דורך אים געפּײַניקט געוואָרן. ס'האָט אים אַרומגענומען אַ ראַכמאָנעס צו זיך אַליין. נאָר ניט זײַן קליינמוטיק. אויסגעהאַלטן... דעריקער — גאָרניט רייד... זאָלן זיי שלאָגן. די כאַווירים זאָגן, אַז איינס פֿון די שרעקלעכסטע זאַכן איז דאָס אַרײַנגיסן פֿלעשער עסיק געמישט מיט וואַסער דורך דער נאָז. מען האָט דערבײַ אַ געפֿיל, אַז מע ווערט דערשטיקט. ער האָט געקוקט מיט גלעזערנע אויגן פֿאַר זיך. אַ שרעק האָט אַרורכגענומען זײַן גאַנצן קערפּער. אין געדאַנק האָט ער זיך באַמיט אופֿצולעבן ליזעס ליבע געשטאַלט, איר שמייכל, עס האָבן געשוועבט פֿאַר זײַנע אויגן פֿאַנטאַסטישע בילדער. ווען מען האָט אים שפּעט באַנאַכט אַרויסגערופֿן צום פֿאַרהער, איז ער געווען האַלב באַוווּסטלאָז.

מע האָט אים געפּײַניקט דרײַ נעכט נאָכאַנאַנד. ער האָט געביסן פֿון ווייטיק די ליפּן, באַמיט זיך ניט צו שרײַען הויך. אָפּטמאָל, ווען אַן אומגעריכטער קלאַפּ האָט אַרויסגערופֿן אַ באַזונדערס שרעקלעכן ווייטיק, האָט ער ווילד אויסגעשריִען. נאָר ער האָט קיין זאַך ניט אויסגעזאָגט. ער האָט ניט געענטפֿערט ניט אויף די קלעפּ, ניט אויף זייערע גוטע רייד. אין די טעג, ווען ער איז געלעגן אין קאַמער אין ווייטיקן און קרעכצן, האָט ער מיט שרעק געטראַכט וועגן דער פֿאַרשטייענדיקער נאַכט. נאָר אויסהאַלטן... אויף דער דריטער נאַכט האָט ער צוויי מאָל געכאַלעשט. מע האָט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער און ווידער געפּײַניקט. ווישנעווסקי האָט זיך איבערצײַגט, אַז ער וועט גאָרניט אַרויסבאַקומען פֿון אים. ע־

האָט אים אופנ פינפטנ טאָג א האַלב טויטנ איבערגעשיקט אינ טפיסע.

אויכ וולאַדעקנ האָט די דעפענזיווע פאַרגעלייגט צו ווערנ א פּראָוואָקאַטער. וולאַדעק האָט אינ שרעקלעכער רעציכע זיכ געוואָרפנ שלאָגנ ווישנעווסקינ. נאָר ווישנעווסקי אַליינ האָט דער ערשטער מיטנ רעוואָלווער אינ דער האַנט זיכ געוואָרפנ אפ אים. וולאַדעק האָט זיכ געווערט מיט א שטול. „יאַגינאַ אינ אָפּעראַציע־זאַל. זיי האָבנ אים אַלצ צוגענומענ! מערדער, אויסוואַרפנ!" ס'האָט אַלצ געבושעוועט אינ אים. זיי האָבנ אים אַזוי געשלאָגנ, ביז ער האָט פאַרלאָרנ דעם באַוווּסטזיינ.

נאָר צוויי יונגע אַרבעטער האָבנ ניט אויסגעהאַלטנ די פּייניקונגענ אונ האָבנ דערציילט אַלצ, וואָס זיי האָבנ געוווּסט. דאָס האָט פאַרשאַטנ זייער פּאַרטיי־קעמערל אונ אייניקע שטאָטישע כאַווײרים, וועלכע זיינענ נאָכ ניט געווענ אַרעסטירט. זיי זיינענ גלייכ אַרעסטירט געוואָרנ.

★

סעמיאָנ האָט צונויפגערופנ אַנ עקסטרע זיצונג פונ קרייז־קאָמיטעט. אפ דער האַזיקער זיצונג איז איינגעלאַדנ געוואָרנ פיליפּ אונ דימיטרי, וועלכנ סעמיאָנ האָט לויט איוואַנס אָנווייזונג אַרויסגערופנ אינ שטאָט.

אפ דער האַזיקער זיצונג איז באַטראַכט געוואָרנ די געשאַפענע לאַגע אונ די מאָסמיטלענ, וועלכע זיינענ נייטיק אָנצונעמענ. דימיטרי האָט איבערגעגעבנ גענויע יעדיעס וועגנ דער לאַגע אינ דאָרפ, וועגנ דער שטימונג נאָכ די ערשטמייִקע געשעענישנ. די פּויערים זיינענ באַגייסטערט פונעם ערשטנ מיי. עס האָט זיכ געהויבנ בא זיי די קאַמפשטימונג. אָבער עס האָבנ זיכ אויכ פאַרשטאַרקט די טעראָריסטישע נייגונגענ בא א טייל פּויערים. געראַסימ באַקומט איצט אַלצ מער אָנהענגער. אינ דאָרפ הערשט א שרעקלעכע פאַרביטערונג. ניטאָ מיט וואָס צו פאַרזייענ די פעלדער. עס דראָעט א מוי־רעדיקער הונגער. פּויערים עסנ גראָז. אינ א סאַכ דערפער איז ניטאָ מער ניט קיינ ברויט אונ ניט קיינ קאַרטאָפל. מע דאַרפ דערוואַרטנ ערנסטע געשעענישנ אינ דאָרפ. די פּאַרטיי דאַרפ דאָס פאַרויסזענ אונ צוגרייטנ זיכ צו זיי. אינ זיינ ראַיאָנ איז אויסגעוואַקסנ א יונגע פּייִקע פירערינ, א באַטראַטשקע. זי איז עס די, וואָס האָט געשפּילט אַנ אָנגעזעענע ראָליע אינ דער אָרגאַניזירונג אונ דורכפירונג פונ דער ערשטמייִקער דעמאָנסטראַציע. איר אויטאָריטעט איז גרויס. נאַטאַשע איז איר נאָמען. ער רעקאָמענדירט זי אַלס סעקרעטאַר פונ ראַיאָנישנ קאָמיטעט. מע דאַרפ

איר העלפנ אונ ארויסרוקנ. פונ איר וועט אויסוואקסנ א גוטע טוערנ. איוואנ קאנ שוינ מער ניט פארבלײַבנ אינ דעמ דאזיקנ ראיאנ. מע דארפ אימ איבערשיקנ אינ אנ אנדער ארט. די דאזיקע פארשלאגנ דימיטריס זײַנענ אײַנשטימיק אנגענומענ געווארנ.

אפ דער דאזיקער זיצונג איז באשלאסנ געווארנ קאאפטירנ אינ קרײַז־קאמיטעט דימיטרינ, אלס מיטגליד פונ סעקרעטאריאט. זײַנ ערנסט געזיכט, אפענע ערלעכע אויגנ, זיכערקײַט אונ רויִקײַט האבנ אפ אלעמענ געמאכט א גוטנ אײַנדרוק. אינ זײַנע פארזיכטיקע באוועגונגענ האט זיכ געפילט ווילנ אונ ציל־באוווסטקײַט. זײַנע שווערע איבערלעבונגענ, ניט געבראכנקײַט, גוטע אריענטאציע האבנ געגעבנ א גאראנטיע פאר זײַנ שטאנדהאפטיקײַט אונ פײַיקײַט. ס'האט זיכ געפילט אינ אימ א שטארקער מענטש, וואס איז פײַיק אנצופירנ אונ ווענ ס'איז נייטיק — גײנ קעגנ שטראמ אונ בײַקומענ אימ. סעמיאנ האט געפילט, אז מיט דימיטרינ וועט זײַנ גוט אונ לײַכט צו ארבעטנ.

אפ דער דאזיקער זיצונג איז געקומענ צו א שארפנ צוזאמענשטויס צווישנ סעריאזשענ אונ די איבעריקע מיטגלידער פונ קרײַז־קאמיטעט. סעריאזשע האט איבערגעגעבנ, אז געראסימ האט זיכ מיט אימ פארבונדנ, געהאט מיט אימ א געשפרעכ. געראסימ האט אימ דערציילט, אז ער איז גרייט אריבערגײנ מיט זײַנ טעראריסטישער גרופע אינ רעשומ פונ דער פארטיי, נאר ער שטעלט א באדינג, אז די פארטיי זאל אימ געבנ פרײַע הענט. ער, געראסימ, גרייט צו אייניקע באוואפנטע אנפאלנ אפ פאליציפאסטנס. סעריאזשע האט זיכ ארויסגעזאגט פאר אננעמענ דעמ דאזיקנ פארשלאג, פארוואנדלענ געראסימס גרופע אינ א באוואפנטער זעלבשוצ פונ דער פארטיי, אויסנוצנ זי פאר באוואפנטע אנפאלנ אפ פאליציי אונ שפיאנענ.

דער דאזיקער פארשלאג האט אנגעטראפנ אפ אנ אײנשטימיקנ ענערגישנ פראטעסט פונ אלע איבעריקע מיטגלידער פונ קרײַז־קאמיטעט.

דימיטרי האט אנגעוויזנ, אז דאס וואלט געהייסנ אוועק פונ דער קאמוניסטישער פראגראמ אונ זיכ שטעלנ אפנ געפערלעכנ אוואנטיוריסטישנ וועג פונ אינדיווידועלנ טעראר, קעגנ וועלכנ די פארטיי קעמפט אמשארפסטנ; ער האט אויכ געטײַנעט, אז דאס איז אנ אויסדרוק פונ קליינ־בירגערלעכער קלײַנמוטיקײַט, פארלוירנקײַט, פרינציפלאזיקײַט. אימ ווינ־

דערט נאָר, וואָס אַן ערנסטער באַוועגער קאָן מאַכן אַזאַ אַנטיפּאַרטייִשן פאָרשלאָג.

פאַר סעמיאָנען איז דער דאָזיקער פאָרשלאָג געווען אומגעריכט. ער האָט געקענט סעריאָזשען אַלס אַן ערנסטן גלייכגעוויכטיקן מענטש. וואָס איז מיט אים געשען? איז ער פון זינען אַראָפּ? סעמיאָן האָט גענומען אַ וואָרט נאָך דימיטרין און אויסגעדריקט זיין פאַרוווּנדערונג. אַזאַ פאָרשלאָג קאָן אַפילע ניט גענומען ווערן ערנסט און ניט באַטראַכט. ער איז קעגן אַלע פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי. איינס איז ריכטיק — מע טאָר ניט אָפּשטויסן געראַסימען מיט זיין גרופּע. די דאָזיקע מענטשן מיינען ערלעך, דינען דער רעוואָליוציע. מע דאַרף זיי געווינען פאַר דער פּאַרטיי, אויפקלערן די געפערלעכקייט פון זייערע אַוואַנטיורעס, באַווייַזן זיי, אַז אַזאַ טעטיקייט איז אַ געפאַר פאַר דער גאַנצער באַוועגונג, איבערצייַגן זיי, אַז זיי מוזן אַוועקוואַרפן די טעראָריסטישע נייגונגען און געווינען זיי פאַר מאַסן-אַרבעט. מען דאַרף זיך דערשלאָגן, אַז זיי זאָלן קריגן צוטרוי צו דער פּאַרטיי און איר פּאָליטיק און אַלייִן דערזען, אַז יעדער אומזיניקער אויסטריט ברענגט נאָר שאָדן, דינט דער פּאָליציי גיט איר אַ מעגלעכקייט צו צעקלאַפּן די באַוועגונג און צעשפּליטערן זי. די טאַקטיק דאַרף זיין: אויסגעהאַלטנקייט, מאַסן-אַרבעט, מאַסן-אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, ניט לאָזן זיך פּריציייִטיק פּראָוואָצירן, זאַמלען וואָס מער קויכעס.

סעריאָזשע האָט זיך גענומען פאַרענטפערן. ער זעט איין, אַז ער האָט געמאַכט אַ שווערן פעלער. ער איז אַרונטער-געפאַלן אונטער דער ווירקונג פון געראַסימס אומגעדולדיקייט. די לעצטע געשעענישן האָבן אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער וועט איבערגעבן געראַסימען דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי.

קעגן דעם איז שאַרף אַרויסגעטראָטן דימיטרי. ער קען געראַסימען. סעריאָזשע איז ניט די פּערזאָן, וואָס קאָן ווירקן אויף אים. זיין היינטיקער פאָרשלאָג באַווייַזט, אַז ער איז ניט פייִק צו אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען. נאָך זיין מיינונג איז דאָס בעסטע איבערצוגעבן דעם דאָזיקן איניען נאַטאַשען. זי איז ענערגיש, האָט טאַקט, האָט אויטאָריטעט צווישן די פּויערים. מיט איר מיינונג וועט זיך געראַסים רעכענען.

סעמיאָנען האָט זיך געדוכט, אַז ווען דימיטרי איז אַרויסגעטראָטן קעגן סעריאָזשען, האָט דער לעצטער אַ קוק געגעבן אויף דימיטרין מיט אַזעלכע אויגן, ווי ער וואָלט גרייט געווען זיך וואַרפן אויף אים. נאָר סעריאָ=

זשע איז געווען אויסערלעך רויק, און פֿאָרגעשלאָגן אַרויסצורופֿן געראַסי־מען אין קרייז און דאָ זיך מיט אים אַדורכריידן. קעגן דעם איז געווען סער־מיאָגן. איצט קומען פֿאָר מאַסנאַרעסטן. די פּאָליציי ווייסט זיכער וועגן אים. ס'איז צו געפֿערלעך. ער איז מסכים מיט דימיטרין איבערגעבן דעם דאָזיקן אייניקן באַטאַשען. זאָל סעריאָזשע צופֿאָרן אין ראיאָן און איבערגעבן איר די אינסטרוקציעס פֿון קרייז־קאָמיטעט.

אַלע האָבן איינגעשטימט מיט דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג. צומאָרגנס איז סעריאָזשע אָפּגעפֿאָרן אין ראיאָן. אין זעלבן טאָג איז אומגעריכט אַרעס־טירט געוואָרן פֿיליפּ. די לאַגע אין שטאָט איז געוואָרן אַלץ שווערער. עס האָבן זיך באַוויזן אַף די גאַסן געהיים־אַגענטן פֿון אַנדערע קרייזן.

פארעטער

זיי האָבן זיך באַגעגנט בײַ וואַרוואַרען, בײַ איינער פֿון די דרײַ גימנאַ־זיסטקעס, וועמעס בילד ס'איז געהאַנגען אַף דער וואַנט אין וולאַדימירס צימער. וואַרוואַרעס פֿאָטער, אַ געוועזענער פּויער, איצט אַ פֿאַרמעגלעכער אייגנטימער פֿון צוויי הײַזער מיט אַ רעסטאָראַן אין שטאָט, האָט זייער פֿרײַנטלעך, מיט צופֿרידנקייט אויפֿגענומען אַזעלכע כאַשעווע, אינטעליגענ־טע געסט. ס'זײַנען געווען בלויז אייגענע מענטשן, אַ פּאָר איבערגעגעבענע וולאַדימירן גימנאַזיסטקעס, דער דירעקטער פֿון גימנאַזיע, צוויי לערער, דער פּאָפּ און דער גאַסט פֿון ווילנע.

אַף וולאַדימירס ביטע האָט וואַרוואַרע זיי אַרײַנגעפֿירט אין איר צי־מער, איבערגעלאָזן זיי אַליין. וולאַדימיר האָט פֿאַרשלאָסן די טיר.

— איצט קאָנען מיר ריידן. ביטע.

— לוצקעוויטש האָט מיך געשיקט צו דיר.

— איך האָב דאָס גלײַך פֿאַרשטאַנען.

— שטויסטו זיך געוויס אָן אין וואָס עס האַנדלט זיך.

— מער וויניקער. אָבער איך וואָלט געוואָלט הערן פֿון דיר.

— איידער מיר טרעטן צו, דערלויב איין פֿראַגע. ווי באַציט מען זיך צו דיר אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?

וולאַדימיר האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— ביז ניט לאַנג צוריק האָט די פּאַרטיי געהאַט צו מיר פֿולשטענדיקן צוטרוי. איצט האָט זיך די לאַגע שאַרף געענדערט.

— וואָס איז די סיבה?

— איך בין געווען אַ ביסל אומפּאַרזיכטיק אין מײַן לעצטן געשפּרעך מיטן קרײַז־פּאַרטיי־סעקרעטאַר. איך האָב געלויבט לוצנעוויטשן און דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרדאַכט. איך האָב פּרובירט צו פאַריכטן מײַן דורכפאַל. נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. ער איז צו קלוג.

— עפּעס ער האַלט זיך מיט דיר נאָר?

— לײַדער, ניין. אַ מיטגליד פון קרײַז־קאָמיטעט האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער סעקרעטאַר האָט אים געהייסן האַלטן אַן אויג אויף מיר, נאָכשפּירן מײַנע טעטיקייטן.

— ווער איז דער דאָזיקער מיטגליד פון קרײַז־קאָמיטעט?

— אַ ווײַסרוס.

— אַ אונדזעריקער?

— ניין. מיר דאַכט זיך, אַז ער איז גאָר...

— דו ווילסט זאָגן, אַז ער איז...

— יאָ. איך בין זיכער, אַז ער איז אַ דעפּענזיווע־אַגענט. אַנדעריש קאָן איך ניט פאַרשטיין זײַן האַנדלונג. ער גיט מיר איבער אַלץ, וואָס מע רעדט אין קרײַזקאָמיטעט, ספּעציעל וועגן דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. גיט איבער אויף אַזאַ אופן, ווי ס׳קאָנען נאָר איבערגעבן פּאָליציי־אַגענטן, אין דער זעלבער צײַט פיל איך, אַז ער סימפּאַטיזירט ניט אונדז, אַז ער פילט אויס עמעצנס אַ שליחות. מיט עטלעכע באַראָשים צוריק האָב איך געפילט, אַז מע גייט מיר נאָך. איצט האָט מיך די פּאָליציי געלאָזט איינגאַנצן צורו. איך פיל, אַז דאָס איז זייער אַרבעט.

— און די פּאַרטיי איז אים ניט כוישעד?

— ביז איצט, ניין. ער איז אַן אַלטער פּאַרטיי־כאַווער. די פּאַרטיי גלייבט אים. אין אונדזערע אינטערעסן ליגט ניט אים צו דעמאַסקירן.

— פולשטענדיק גערעכט! ער קאָן אונדז צוניץ קומען.

— לאָמיר צוטרעטן צום איניען.

— איידער איך בין אַרויסגעפאָרן פון ווילנע, האָבן מיר געהאַט אַ פּאַרטרוילעכע זיצונג, וווּ ס׳איז באַשטימט געוואָרן אונדזער צוקונפטיקע טאַקטיק. אונדזער לעצטע טאַקטיק איז אויסגעשפּילט, קיין איבעריקן צוטרוי האָט די קאָמפּאַרטיי קיינמאָל ניט געהאַט צו אונדז. זי האָט אונדז געדולדעט צוליב אירע אינטערעסן אַזוי לאַנג, ווי זי האָט געהאַלטן, אַז מיר זײַנען ניט צו שטאַרק שעדלעך פאַר איר. נאָכן פּראָצעס פון דער

הראָמאַדע און לוצקעוויטשעס אויפֿירונג אין ווילנע האָט די קאָמפּאַרטיי דערפֿילט אין אונדז אַ געפֿערלעכן סוינע. אונדזערע באַמיִונגען אָפּצוציִען, ווי ווײַט מעגלעך, דעם פֿולשטענדיקן איבעררײַס (האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן. די קאָמוניסטן האָבן פֿאַרשטאַנען אונדזער מאַנעוור און זיי זײַנען איבער־געגאַנגען אין אָנגריף אויף אונדז. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זיי אַרויס־געלאָזן אַ שאַרפֿן אויפֿרוף, אָנגערופֿן אונדז „פּילסודסקיס אַגענטן“. זיי האָבן אונדז דערקלערט מלחמה אין דער אומגינסטיקסטער צײַט פֿאַר אונדז. מיר זײַנען נאָך ניט געווען צוגעגרייט דערצו. דאָס פֿאָדערט איצט אַ זייער פֿאָרזיכטיקע טאַקטיק. די קאָמוניסטן האָבן נאָך אַלץ אַ גוואַלדיקן אײַנפֿלוס אין דאָרף. אַרויסטרעטן איצט אָפֿן און שאַרף קעגן זיי הייסט פֿאַרלירן אַלע פּאָזיציעס. באַזונדערס דאַרפֿן מיר זײַן די ערשטע צײַט פֿאָרזיכטיק מיט אונדזער אַרויסטריט קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד און סאָוועטן־ווײַסרוסלאַנד. מיר האָבן באַשלאָסן דערווײַל צו מאַנעווריִרן. אַרויסטרעטן נאָר קעגן דער עקסטרעמער פּאָליטיק פֿון די קאָמוניסטן, פֿאַר פּשאָרעס און לעגאַליטעט. דער לאָזונג „לעגאַליטעט“ וועט צוציִען צו אונדז דאָס קלייבירגערטום, ניט אַרויסטרעטן אָפֿן קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד, נאָר פֿאָרזיכטיק קריטיקירן זײַן נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין ווײַסרוסלאַנד.

— מיט אַזאַ פּאָליטיק וועלן מיר לאַנג ניט אָנהאַלטן.

— דאָס איז ריכטיק. נאָר מיר דאַרפֿן צײַט. אונדזער פּלאַן איז צו פֿאַרכאַפּן די טבֿש, די איינציקע לעגאַלע פּאָזיציע פֿון די ווײַסרוסן. האָבן מיר די הײַזיקע אָרגאַניזאַציע אין אונדזער האַנט, האָבן מיר אַ צוטריט צו די מאַסן און וועלן זיך קאָנען פֿאַרמעסטן מיט די קאָמוניסטן. מע דאַרף געווינען צײַט.

— ווי אַזוי רעכנט איר צו פֿאַרכאַפּן די ווײַסרוסישע שול־געזעל־שאַפֿט?

— מיט דער הילף פֿון אונדזערע מענטשן, מיט דײַן הילף און מיט דער הילף פֿון אַנדערע. אונדזער טאַקטיק איז, אַז איר זאָלט ניט איבער־רײַסן מיט די קאָמוניסטן, לעפֿאָנעם מאַסקעם זײַן מיט זיי, ווערן גע־ווײלט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר. און דאַרטן אויסקעמפֿן זיך אַ מערהייט און איבערנעמען די געזעלשאַפֿט פֿולשטענדיק אין אונדזערע הענט.

— איך צווייפֿל, צי דאָס וועט געלינגען.

— פֿאַרוואָס?

— די קאָמוניסטן זײַנען צו קלוג צו לאָזן זיך פֿירן בײַ דער נאָז.

ס'קאָנ געלינגענ אײנעמ אָדער צװײ פונ זײ אָפּנאַרנ. ס'װעט אָבער אונדז קײנמאָל ניט געלינגענ און ס'איז נאַריש צו טראַכטנ, אַז זײ װעלנ זײַנ אַזױ נאַיִװ ניט צו װעלנ דורכפירנ זײערע אײגענע דעלע־גאַטנ, אָדער סימפּאַטיקער.

דער גאַסט האָט זיכ אופגעהױבנ און עטלעכע מינוט שטומ שפּאַ־צירט איבערנ צימער. בײדע האָבנ געשװיגנ. װלאַדימיר האָט שװער געאָטעמט. ער איז געװענ פונ דער נאַטור פױל און שװערמוטיק, און דער דאָזיקער געשפּרעכ האָט אימ שטאַרק אױסגעמאַטערט. ער האָט גע־װאָלט װאָס שנעלער פאַרענדיקנ. נאָר ער האָט פאַרשטאַנענ, אַז דאָס איז אומעגלעכ. צו ערנסט איז די לאַגע. זײַנ אײגענע פּאָזיציע איז באַדראָעט. לוציקעװיטש האָט געשיקט ספּעציעל צו אימ א פּאָרשטײער. זײַנ אײגנליבע איז באַפרידיקט. ער האָט באַשלאָסנ מאַקרעװ צו זײַנ הײַנטיקנ אָװנט און דערפירנ דעמ דאָזיקנ געשפּרעכ ביז צומ סאָפ. דער גאַסט האָט זיכ אָפּגעשטעלט, אַרופגעלײגט זײַנ האַנט אָפ װלאַ־דימירנ.

— דו ביסט גערעכט און ניט גערעכט. אינ דער טבש האָבנ מיר אַנ אײגענע זיכערע אַגענטור. אײניקע פירער, צו װעלכע די קאָמוניסטנ האָבנ פולנ צוטרױ, זײַנענ אונדזערע מענטשנ. זײ װעלנ זיכער געװײלט װערנ, װײַל די קאָמוניסטנ אַלײנ רוקנ זײ אַרױס. נאָר די דאָזיקע מענטשנ מוזנ זײַנ באַזונדערס פאָרזיכטיק און װעלנ צוליב די דאָזיקע טײַמימ אָפנ באַפעל פונ די קאָמוניסטנ אַרױסטרעטנ קעגנ אונדז. זײ זײַענ אונדזער װיכטיקסטע שטיצע. די צוקונפטיקע באַזע פאַר אונד־זער מאַסנ־באַװעגונג.

— אָבער װאָס רעכנט איר צו טאָנ איצט? אױב דער צוזאַמענפאָר פונ טבש װעט זיכ אַרױסזאָגנ קעגנ אונדז?

— דעמלט װעלנ מיר געצװאונגענ זײַנ אָנצונעמענ עקסטרעמע מיטלענ.

װלאַדימיר האָט אימ אָנגעקוקט, ניט פאַרשטאַנענ.

— אױב זײ װעלנ האָבנ א מערהײַט, װעט דער צוזאַמענפאָר פאַ־נאַנדערגעלאָזט װערנ דורכ דער מאַכט, און זײערע פירער װעלנ אַרעס־טירט װערנ.

װלאַדימיר איז אָפּגעשפּרונגענ.

— איר האָט זיכ פאַרבונדנ מיט דער רעגירונג?

דער גאַסט האָט אומגעדולדיק א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט.

— ס'איז צײַט אױפֿצוּװאַרפֿן די אַלטע מײדלשע סענטימענטן. פּאָליטישער קאַמף איז ניט קײן קינדער־שפּיל. די פֿראַגע שטײט איצט װער װעמען. אָדער די קאָמוניסטן װעלן אונדז אינגאַנצן אַראָפּשװענקען פֿון דער אױבערפֿלאַך, אַזױ װי זײ האָבן דאָס געטאָן אין סאָװעטן־װײַסרוסלאַנד און מיר װעלן בלײַבן אַ פּאָר אָפּגעריסענע, הונגעריקע אינטעליגענטן, מיט װעמען קײנער װעט זיך ניט רעכענען, אָדער מיר װעלן אָננעמען מיטלען ניט צו לאָזן זיך אַראָפּשװענקען און אַריבערגײן אין אָנגריף קעגן זײ. אַלײן זײַנען מיר צו שװאַך. די מאַסן גײען דערװײַל מיט זײ. זײ זײַנען אַ קױעך. מיר מוזן האָבן אַ פֿאַרבינדעטן. דער אײנציקער פֿאַרבינדעטער קאָן זײַן נאָר די פּױלישע רעגירונג. אױף אַ צײַט דאַרפֿן מיר גײן צוזאַמען, קעדײ צו באַקעמפֿן אונדזער געמײנזאַמען סױנע.

— אָבער װאָס גיט אונדז די פּױלישע רעגירונג?

— זי פֿאַרפֿאָלגט די קאָמוניסטן. זי װעט ניט דערלאָזן, אַז די װײַסרוסישע אינסטיטוציעס זאָלן זיך געפֿינען אין זײערע הענט, זי איז גרײט אונדז איבערצוגעבן די דאָזיקע אינסטיטוציעס. דאָס איז אַ סאַך.

— פֿאַר װעלכן פּרײַז?

— פֿאַרן פּרײַז פֿון לאָיאַליטעט צו דער פּױלישער מאַכט אין קאַמף קעגן קאָמוניזם.

— װאָס װעט זײַן מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען?

— געװיסע האָבן מיר נאָך גאָרניט געװוּנען. זײ ציִען אָפּ, גיבן ניט קײן ענטפֿער. זײ פֿאָדערן פֿון אונדז, אַז מיר זאָלן פֿריִער אַרױסװײַזן אונדזער לאָיאַליטעט און איבערגעגעבנקײַט, אַז מיר זאָלן באַװײַזן אונדזער אײַנפֿלוס. נאָכדעם, זאָגן זײ, װעט מען רײדן װעגן נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען.

װלאַדימיר האָט שטיל, װי צו זיך, אַרױסגערעדט.

— סעמיאָן איז װײַזט אױס גערעכט געװען. די קאָמוניסטן האָבן דערפֿילט װער מיר זײַנען.

— באַרישקעװיטש, װי די קאָמוניסטן זאָלן ניט האָבן קײן אײַנפֿלוס װעלן דאָך די מאַסן ניט גלײבן, אַז מיר זײַנען פּױלישע אַגענטן, אַז לוצקעװיטש האָט זיך פֿאַרקױפֿט צו די פּאָליאַקן.

— אָבער דאָס איז דאָך עמעס!

דער טאַסט האָט אויפגערעגט, מיט שנעלע טריט, געשפּרייזט איבערן צימער.

— ווער זאָגט, אַז מיר האָבן זיך פאַרקויפט צו די פּאַליאַקן? ס'איז ניט אַזוי. מיר דינען אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. אָט א צייט זיינען מיר געצוווּנגען צו גיין צוזאַמען מיט די פּאַליאַקן. דאָס דיקטירן אונדזערע אייגענע אינטערעסן.

— איך זע ניט אין דעם אונדזערע אינטערעסן.

— דאָן פאַרשטייסטו ניט די סיטואַציע. קאָמוניזם און ראַטנפאַרבאַנד איז די גרעסטע געפאַר פאַר אונדז. דאָס באַדייט אונדזער פאַרניכטונג. ווער עס קעמפט איצט קעגן קאָמוניזם, דער איז אונדזערער א פאַרבינדעטער.

— אַפילו ווען דער דאָזיקער פאַרבינדעטער איז אונדזערער א סוינע?

— יאָ!

— איז דאָס דיין מיינונג אָדער לוצקעוויטשעס מיינונג?

— דאָס זיינען זיינע ווערטער. איך האָב זיי דיר נאָר איבערגעבאַזערט. דאָס איז דער איינציקער אויסוועג פאַר אונדז אויב מיר ווילן ניט פאַרשפּילן אַלץ.

— דער פּוילישער רעגירונג איז דאָך אָבער ביז איצט ניט געלונגען צו פאַרניכטן דעם קאָמוניזם?

— דאָס איז עמעס. אָבער זיי האָבן פאַרניכטעט די „הראָמאַדע". עס פאַרשטאַרקט זיך דער טעראָר קעגן די קאָמוניסטן. אונדזער מיינונג איז, אַז דער דאָזיקער טעראָר וועט גוואַלדיק אָפּשוואַכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. זיי וועלן פאַרלירן די מאַסן־באַזע. ניט יעדן סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם ווילט זיך זיצן אין טפיסע און ווערן געפּייניקט. די קאָמוניסטן וועלן פאַרבלייבן א סעקטע און דעמלט וועלן מיר ווערן די באַלעבאַטים פון דער מאַסע. מיר וועלן זיין די איינציקע לעגאַלע אָרגאַניזאַציע. דעריקער איז איצט צו בילדן אַן אייגענעם קאַדער, א קאַדער, וואָס איז גרייט אין נאָמען פון דער צוקונפט מאַקרעוו צו זיין מיט געוויסע ניט בוצלעכע טראַדיציעס און סענטימענטן.

וולאַדימיר האָט א לאַנגע צייט געשוויגן. ער האָט געזוכט א פאַרענטפערונג פאַר זיין אומרויקן געוויסן. ווען די „הראָמאַדע" איז אויסגעוואַקסן, איז ער טייקעף אין איר אַריינגעטראָטן און געוואָרן דאָרט

זייער אקטיוו. ער האָט אָנגעהויבנ צו שפילנ אינ איר אנ אָנגעזעענע ראָליע. ער האָט דעמלט אופריכטיק געהאסט די פוילישע מאכט. די קאָמוניסטנ האָבנ אימ אימפּאָנירט מיט זייער קויעכ אונ אײַנפליס; ווענ לוצקעוויטש האָט אימ געראטנ ארײַנצוטרעטנ אינ דער פארטיי, האָט ער עס גערנ געטאָנ. ער האָט געפילט, אז דאָס פארשטארקט זײַנ פּאָזיציע אונ אײַנפלוס. קאָמוניזמ אינ זײַנ ענד־ציל איז פאר אימ קיינמאָל ניט געווענ קלאָר, ער האָט קיינמאָל ערנסט ניט געטראכט וועגנ דעמ. איבערלעכ איז אימ פרעמד געווענ קאָמוניסטישע דיסציפּ־ לינ. ער האָט זיכ געהאלטנ פאר א ראדיקאלנ נאציאָנאליסט. אימ האָט זיכ גערוכט, אז ער איז לאָיאל צו דער פארטיי, ווענ ער קעמפט קעגנ דעמ פוילישנ אָקופּאנט. קעמפנ דאָכ די קאָמוניסטנ פאר דעמ רעכט אפ זעלבסטבאשטימונג פונעמ ווײַסרוסישנ פאָלק.

נאָכ דעמ פּאָגראָמ פונ דער „הראָמאדע" האָט ער זיכ ערנסט דערשראָקנ, געטראכט שוינ וועגנ אנטלויפנ פונ לאנד. נאָר ער האָט גליקלעכ אויסגעמיטנ די ארעסטנ. ער איז געבליבנ קימאט דער אײנ־ ציקער לעגאלער טוער, אָנגעזעענ אונ רעספּעקטירט פונ די מאסנ. זײַנ אײנג־ליבע האָט אימ געדרייצט, זײַנע אינטימע פרײַנט האָבנ אימ גע־ ראטנ צו פארבלײַבנ אָפיציעל אינ דער פארטיי. ער איז פארבליבנ, נאָר איז שוינ איצט געוואָרנ אנ אנדערער. אויב פריער איז ער נאָכ געווענ גלײַכגילטיק צו דער קאָמוניסטישער פּראָגראַמ, איז ער איצט געווענ א קעגנער פונ קאָמוניזמ. ער האָט מוירע געהאט, אז מע זאָל אימ ניט דערקענענ ווער ער איז, האָט ער, אָפיציעל, בא יעדער טרע־ פונג מיט כאווייריִמ ארויסגעוויזנ גרויס אינטערעס צו קאָמוניסטישע פּראָבלעמענ, איבערגעכאזערט געלעזענע ציטאטנ, פרעמדע פראזנ. ער האָט זיכ באמיט צו רעדנ אינ אײנקלאנג מיט דער פארטיי־ליניע. ביז דער לעצטער צײַט איז אימ דאָס לײַכט אָנגעקומענ, ביז דעמ לעצט געשפּרעכ מיט סעמיאָנענ.

ער האָט ביז הײַנט איגאָונט ניט געהאט קיינ באשטימטע פּראָג־ ראמ. ער האָט אפילע ניט געוואָלט טראכטנ וועגנ דעמ אינסטינקטיוו, מיטנ כוש פונ א באלעגופיש זינדל האָט ער געשטרעבט צו א קא־ ריערע, צו א גוט זאט לעבנ אונ שיינע פרויענ, זײַנ אָנגעזעענ אונ רעספּעקטירט. אידעאלנ האָט ער גענומענ פארטיקע פונ ביכער, פונ צײַטונגענ אונ בראָשורנ. ער האָט פארשטאנענ, אז א קאריערע מאכנ

קאָנ ער, א ווײַסרוס, נאָר בײַ די ווײַסרוסנ. קיינער, אויסער די קאָמו=ניסטנ, האָט ניט געהאט קיינ גרויסע ווירקונג אפ די מאסנ. די קלײנע גרופּע בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטנ האָט געהאלטנ פעסט אינ אירע הענט די עטלעכע געצאָלטע פּאָסטנס. זיי האָבנ ניט געהאט קיינ באַ=שטימטע פּראָגראַם. זייער טאַקטיק איז געווענ א שפּרינגעדיקע, ניט קיינ אויסגעהאלטענע. הײַנט לייגט אים פאָר לוצקעוויטש א פּראָגראַם אונ טאַקטיק. זי איז מער צוגעפּאַסט צו אים. עמעס, זי האָט איינ גרויסנ פעלער, — צוזאַמענאַרבעט מיט דער פאַרהאַסטער פונ דער גאַנצער באַפעלקערונג פּױלישער רעגירונג, אַז מע זאָל זיכ דערוויים-דערהפונג, איז זײַנ קאַריערע געענדיקט. נאָר אויב לוצקעוויטש גייט אפ דעם אונ האָט ניט מוירע, פאַרוואָס זשע זאָל ער מוירע האָבנ? איינס איז זיכער, איצט וועט מענ אים שוינ ניט אַרעסטירנ. ער האָט זיכ אנטשלאָסנ.

— וואָס דאַרפ זײַנ איצט מײַנ טאַקטיק? — האָט ער זיכ געווענדעט צום גאַסט.

— אומ יעדנ פּרײַז צוריק געווינענ דעם צוטרוי אינ דער פּאַרטיי, אָנפירנ מיט דער קאַמפּאַניע צום צוזאַמענפאָר פונ דער טבש, געווי=נענ פאַר אונדז אייניקע זיכערע מענטשנ, אַדורכפירנ זיי אפנ צוזאַ-מענפאָר. אינ דער זעלבער צײַט בילדנ אינ דער געזעלשאַפט אונדזערס א קעמערל.

— איכ האָב מוירע, אַז סעמיאָנ וועט איצט פאַרשטאַרקנ דעם קאָנטראָל אונ וועט אַרײַנשיקנ זײַנע מענטשנ.

— מיר האָבנ דאָס פאָרויסגעזעענ. אויב דו וועסט האָבנ א שטאַרקנ קעגנער, מאַכ אים אומשעדלעכ.

— וויאַזוי?

— דער סטאַראָסטע וויים וועגנ דיר. עס איז נייטיק, אַז דו זאָלסט אים פונ צײַט צו צײַט אינפאָרמירנ וועגנ דער לאַגע אינ דער געזעלשאַפט.

וולאַדימיר האָט אויפגעציטערט. דער גאַסט האָט געײַלט אים צו באַרויִקנ.

— ניטאָ וואָס צו אופּצורעגנ זיכ. די מאַכט פאָדערט פונ אונדז לאָיאַליטעט. אינ א אָפיציעלנ געשפּרעכ מיט אונדז האָט מענ אונדז געגעבנ צו פאַרשטיינ, אַז אויב מיר ווילנ זיכ דערשלאָגנ האַנאַכעס אונ מאַטעריעלע הילפ, דאַרפנ מיר אַקטיוו מיטהעלפנ אינ קאַמפ קעגנ

קאָמוניזמ, דאַרפנ מיר מיט טאַט אַרויסווײַזנ, אַז מיר האָבנ פּאַקטיש איבערגעריסנ מיט די קאָמוניסטנ. די מאַכט האָט אונדז שוינ געגעבנ מאַטעריעלע שטיצע אַפ אַרויסגעבנ אונדזערע א צײַטונג. קיינ קאָמוניסטישע צײַטונגענ וועלנ ניט דערלאָזט ווערנ. זיי פאָדערנ נאָר פונ אונדז אינפאָרמאַציעס פונ צײַט צו צײַט — אינ אונדזערע בייד̇נס אינטערעסנ.

וולאַדימיר האָט זיכ דערפילט שלעכט ווי עמעצער וואָלט אימ די נעשאָמע פאַרומרייניקט. ער האָט אופגעהויבנ די אויגנ אונ א קוק געטאָנ אפנ גאַסט. דעמ גאַסטס געזיכט איז געווענ רויִק אונ ערנסט. וולאַדימיר האָט זיכ פאַרשעמט פאַר זײַנ שוואַכקײַט אונ ניט דרייסטקײַט. דער לעצטער צווייפל איז פאַרשוווּנדנ. ער האָט זיכ האַסטיק אופגעהויבנ.

— לאָמיר אַרײַנ אינ זאַל. מיר זיצנ שוינ צו לאַנג. ס'איז צוגעגרייט א גרויסאַרטיקער אָוונטברויט מיט מאַשקע.

געראַסימ

— פאָר שנעלער, הינטישער זונ! עס פאַלט צו די נאַכט. טרײַב אונטער דײַנ פּעגירעו!

די צוויי פּאָליציאַנטנ זײַנענ געוואָרנ אַלצ אומרויִקער, געשאָלטנ אונ געזידלט דעמ פויער, זײַנ אָרעמע קליאַטשע. דער פויער האָט זיי געבייזערט אונ געשלאָגנ דאָס פערד. דאָס אויסגעדאַרטע פערדל, געווינט צו דער בײַטש אונ געשרייענ, האָט פויל געשטעלט די פיס, ניט געאײַלט זיכ.

די פּאָליציאַנטנ זײַנענ געפאָרנ פונ א נאָענטנ דאָרפ אינ פּאָליציי־פּאָסטנ, וווהינ עס האָט זיי עקסטרע אַרויסגערופנ דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט. זיי זײַנענ געפאָרנ מיט ניט קיינ גרויסנ כיישעק. אינ די דערפער איז די שטימונג געווענ אַנ אומרויִקע, אַנ אופגערייצטע. זיי האָבנ דאָס גוט געוווּסט. פאָרנ אַזוי שפּעט אינ דער פינצטער איז אַנ ערנסטע געפאַר, אונ ווי אַפּצולאָכעס שלעפּט זיכ קוימ דאָס פערד.

דער וועג האָט זיכ געצויגנ דורכ א געדיכטנ וואַלד. ס'איז געווענ שטיל אונ פינצטער. ס'האָט זיכ נאָר געהערט דאָס שווערע קרעכצנ פונ די ניט געשמירטע רעדער אונ דעמ פויערס מאָנאָטאָנע אונטערנוקענ דעמ פערד. א זומערדיקער נאַכטישער ווינטל האָט געטאַנצט אײ־

בער די ביימער. די צווייגנ האָבנ זיכ לייכט געשאָקלט, די בלעטער האָבנ גערוישט. דינע יונגע בעריאָזעס האָבנ זיכ געבויגנ איינע צו די אנדערע, ארומגענומענ זיכ. פאנטאסטישע שאָטנס האָבנ ארומגעטאנצט איבערנ וואלד.

זיי זיינענ ארויסגעפאָרנ אפ א ברייטנ פליינ. הויכע, געדיכטע קוסמעס האָבנ ארומגערינגלט די פור. אונטער די רעדער האָבנ געקנאקט טרוקענע צווייגנ. עטלעכע הויכע אלטע דעמבעס האָבנ זיכ שטורמיש צעשאָקלט. זייערע מעגושעמדיקע שאָטנס האָבנ זיכ צעלייגט אפנ וועג. זיי האָבנ געמאכט דעמ איינדרוק פונ ריזנ-דראַקאָנענ, וואָס האָבנ זיכ צעטאנצט אינמיטנ וואלד. די פאָליציאנטנ האָבנ אומרויִק זיכ געטוליעט איינער צומ צווייטנ, פונווייטנס האָבנ זיכ באוועגט עטלעכע שאָטנס.

— דו זעסט? — האָט מיט שרעק איינ פאָליציאַנט געפרעגט באמ צווייטנ.

— מע גייט!

זיי האָבנ אופגעציטערט און שנעל אראָפגעריסנ פונ די אקסלענ די ביקסנ. זיי האָבנ זיכ אָנגעשטרענגט צוגעקוקט צו די באוועגונגענ פונ די שאָטנס. אייניקע סעקונדנ זיינענ זיי געבליבנ זיצנ מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסנ גרייט צו שיסנ. די שאָטנס האָבנ זיכ באוועגט אפ איינ אָרט.

— ס'האָט זיכ געדוכט. — האָט דער ערשטער בארויִקט דעמ צווייטנ. — דאָס זיינענ ביימער.

זיי זיינענ ווידער אריינגעפאָרנ אינ וואלד. זיי האָבנ צוריק אופגעהאנגענ די ביקסנ אפ די אקסלענ און א ביסל זיכ בארויִקט. דער פויערשער וואָגנ האָט זיכ געשאָקלט און געוואָרפנ פונ איינ גרוב אינ דער צווייטער. זיי זיינענ אונטער דעמ מאָנאָטאָנעמ קלאפ פונ די רעדער איינגעדרעמלט.

— — — — — — — — — — — — — —

דער פויער, וואָס האָט די צוויי פאָליציאַנטנ געפירט אפנ פאָסטנ, האָט ניט געקוקט אפ די שרעקלעכע פייניקונגענ אינ דער דעפענזיווע, יעדער נאכט ביים דער עקזעקוציע געטיינעט איינעמ און דאָס זעלבע:

— איכ ווייס ניט וויאַזוי ס'איז געשענ. מיר זיינענ געפאָרנ אינ וואלד. ארומ האָט מענ ניט געזענ קיינ לעבעדיקנ נעפעש. די פאָליציאַנטנ האָבנ געדרעמלט. איינער האָט שווער געכראָפעט אינ שלאָפ.

פלוצעמ זיינענ ווי פונ אונטער דער ערד אויסגעוואקסנ עטלעכע שאָטנס. זיי זיינענ ארופגעשפרונגענ אפנ וואָגנ. ס'האָבנ זיכ דערהערט עטלעכע שאָסנ. עמעצנס א פוס האָט מיר שווער אָנגעטראָטנ אפ דער האנט. איכ האָב אויסגעשריענ פונ ווייטעק אונ בינ אראָפגעשפרונגענ פונ וואָגנ. איכ האָב זיכ געלאָזט לויפנ. אָפלויפנדיק עטלעכע מינוט, האָב איכ זיכ אָפגעשטעלט. ארומ איז געווענ שטיל. איכ בינ צוריקגעגאנגענ צומ וואָגנ. ביידע פאָליציאנטנ זיינענ געלעגנ טויטע. די שאָטנס זיינענ פארשווונדנ. די ביקסנ אונ רעוואָלווערנ פונ די פאָליציאנטנ זיינענ פארפאלנ געוואָרנ. איכ בינ אומשולדיק, מיינע הערנ! האָט ראכמאָנעס אפ מיר... איכ האָב א ווייב מיט פינפ קינדער.

— צי קענסטו געראסימענ? — האָט מענ אימ געפרעגט.

— ניינ!

— צי האָסטו געהערט פונ אימ?

— ניינ.

מע האָט אימ ווייטער געפייניקט.

— דו ליגסט, הינטישער זונ! אלע פויערימ קענענ געראסימענ, דאָס האָסטו אימ צו וויסנ געגעבנ, אז דו פארסט מיט פאָליציאנטנ קעדיי מע זאָל זיי דערהארגענענ.

דער פויער האָט זיכ געשווירנ, געוויינט, געבעטנ, אז מע זאָל אימ אָפלאָזנ.

די פאָליציי האָט זיכ געיאָגט נאָכ געראסימענ אונ זיינע מיטהעלפער. נאָר מע האָט אימ ניט געקאָנט געפינענ. זיי האָבנ אפילע ניט געוווסט זיינ פאמיליע. דורכ שפיאָנענ האָט די דעפענזיווע אויסגעפונענ, אז די פויערימ רופנ אימ געראסימ. ווער ער איז, וו ער וווינט — דאָס האָט קיינער ניט געוווסט.

סעריאָזשע איז נאָכ די דאָזיקע געשעענישנ אראָפגעפאָרנ צו נאטאשענ איבערגעבנ איר די דירעקטיווע פונ קרייז־קאָמיטעט.

★

אינ קורצנ האָט זיכ נאטאשע געטראָפנ מיט געראסימענ.

געראסימ איז געווענ א מיטל־יעריקער פויער, א הארער מיט זומערשפרענקלעכ אפנ געלנ פאָנעמ. אויסערלעכ האָט ער ניט געמאכט קיינ שומ איינדרוק. א פלעגמאטישע פיגור מיט אויסגעשטארטשעטע

קויבאַקנ, פלינקע קעציישע באַוועגונגענ. די אויגנ — גרויע, דורכדרינגלעכע — זײַנענ געווענ קלוגע, איראָניש־בײַסנדיקע. ער האָט גערעדט לאַנגזאַמ ווי ציילנדיק יעדעס וואָרט, קוקנדיק בייס־מײַסע יעדעמ אינ געזיכט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערגייג וועגנ וואָס עס טראַכט יענער.

ביים דער וועלט־מילכאָמע האָט ער געדינט אינ דער צאַרישער אַרמיי אפנ רומענישנ פראָנט. נאָכ דער פעווראַל־רעוואָליוציע איז ער אַרונטערגעפאַלנ אונטער דער ווירקונג פונ אַנאַרכיסטנ, אַ לאַנגע צײַט געווענ אינ דער אַנאַרכיסטישער באַוואָפנטער אָדעסער אָפּטיילונג. געשלאָגנ זיכ מיט די דײַטשנ, מיט פּעטליורענ, נאָכדעמ מיט די פראַנצויזנ אונ גריכנ אינ אָדעס. דערנאָכ האָט ער געדינט אינ דער רויטער אַרמיי. גאָר פונ די אַנאַרכיסטישע נייגונגענ האָט ער זיכ ניט געקאָנט באַפרײַענ.

די מילכאָמע אונ דער בירגערקריג האָבנ פאַרניכטעט, זײַנ חאָרפ, אַ טייל געמאַכט פונ זײַנ ביסל אָרעמקײַט. ער האָט געטראָפנ דאָס ווײַב אונ די קינדער וווינענ אינ אַ הייל, אינ שרעקלעכער נויט. ער איז געווענ פאַרביטערט אונ אומצופרידנ דערמיט, וואָס ער האָט זיכ אומגעקערט. ער האָט זיכ גענומענ צו באַאַרבעטנ זײַנע נעבעכדיקע דרײַ דעסיאַטינ ערד. נאָר די אָרעמע זאַמדיקע ערד האָט ניט געקאָנט שפּײַזנ די פאַמיליע. ער האָט געאַרבעט באַ פּריצימ, באַ באַלעבאַטימ, געגאַנגענ אַלס חאַלד־אַרבעטער, געהונגערט, געשאָלטנ דאָס עלנטע לעבנ. ער האָט געהאַט פאַרדראָס אויפ די שכיינימ, פאַרוואָס זיי זײַנענ אַזוי געדולדיק. עטלעכע מאָל האָט ער געהאַט קליינע צוזאַמענשטויסנ מיט דער פּאָליציי אונ איז געזעסנ. ער האָט געבונטעוועט.

אינ עטלעכע יאָר אַרומ איז ער אַרײַנגעטראָטנ אינ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס פאַנאַנדערטרײַבנ די „הראָמאַדע“, די מאַסנ־אַרעסטנ אונ דער טעראָר האָבנ אַרויסגערופנ באַ אימ אַ געוואַלדיקע פאַרביטערונג אונ צאָרנ. פאַרוואָס שווײַגט די פּאַרטיי? פאַרוואָס לאָזט מענ זיכ פּײַניקנ פונ דער פּאָליציי אונ פונ די פּריצימ? פאַרוואָס ענטפערט מענ ניט מיט טעראָר קעגנ טעראָר? ער האָט געטענהט מיט די באַוויירימ, דיסקוטירט. די דאָרפישע קאָמוניסטנ, טעאָרעטיש שוואַכ צוגעגרייטע, האָבנ אימ גאָר געקענט ענטפערנ, אַז די פּאַרטיי איז קעגנ אינדיווידועלנ טעראָר. אָבער פאַרוואָס איז די פּאַרטיי קעגנ

אינדיווידועלן טעראָר און אָנערקענט יאָ דעם רעוואָלוציאָנערן מאַסן־טעראָר, דאָס האָבן זיי אים ניט געקאָנט ווי געהעריק אויפקלערן. ער האָט זיך געבונטעוועט, געהאַלטן, אַז די כאַוויירים זיינען אָפּאָרטוניסטן, פּאַכדאָנים. זיינע אַנאַרכיסטישע טענדענצן האָבן אויפגעלעבט און זיך פאַנאַנדערגעבליט:

— אויב די פּאָליציי פּייניקט און שלאָגט אונדז, דאַרף מען זיי דערשיסן ווי די הינט. דאָס וועט זיי אָפּלערנען און אַוואַדע אָפּ זיין אַ מוסער. — האָט ער געטענהט. ער האָט געפונען אָנהענגער צווישן אייניקע יונגע, דרייסטע אומרויִקע פּויערים, און פון זיי געבילדעט אַ טעראָריסטישע גרופּע. די פּאַרטיי איז געווען קעגן. ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי דורך די אָרטיקע כאַוויירים.

ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס גוטער פּייִקער קאָנספּיראַטיווער פירער. די שול, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אינעם ביטערקייט, איז פאַר אים ניט פאַרביי אומזיסט. ער איז געווען אַ געבוירענער פּאַרטיזאַן, כיטרע, קאַלט און אָן ראַכמאָנעס. זיין אויטאָריטעט צווישן די פּויערים איז געוואַקסן, פונדעסטוועגן איז ער געווען אומצופרידן. ס'האָט אים שטאַרק געקרענקט דאָס, וואָס די פּאַרטיי האָט מיט אים איבערגעריסן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קאָמוניסט, געווען פאַנאַטיש איבערגעגעבן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פאַרוואָס וויל אים די פּאַרטיי ניט אָנערקענען? איז ער דען אַ פאַרעטער? ריזיקירט ער דען ניט מיט זיין לעבן פאַר דער באַפרייונג פון די אַרבעטנדיקע? ער האָט געזוכט אַ קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי, מיטן קרייזקאָמיטעט, קעדיי צו פּראָטעסטירן קעגן זיין אויסשליסונג. אַזוי אַרום האָט ער זיך דערשלאָגן צו סעריאָזשען.

די באַגעגעניש צווישן נאַטאַשען און געראַסימען איז געווען אַ כאַווערישע־פריינטלעכע. זי האָט אויסגעהערט זיינע טענעס און פאָרשלאָגן.

ניין, די פּאַרטיי האַלט ניט געראַסימען פאַר אַ פאַרעטער, פאַר אַ פרעמדן. נאָר זי האַלט, אַז געראַסים איז זייער שרעקלעך טועט, באַגייט אַ סאַך פעלערן. באַ אַלע זיינע גוטע רעוואָלוציאָנערע קאַוואָנעס איז דאָך זיין טעטיקייט שעדלעך און קאָן זיך פאַרענדיקן מיט זייער שלעכטע רעזולטאַטן פאַר דער באַוועגונג.

אָבער פארוואָס? אראַבע, זאָל מענ אים אופקלערנ! סעריאָזשע איז דאָכ מאַסקעט געווענ. נאַטאַשע האָט געשמייכלט. אויב סעריאָזשע איז מאַסקעט געווענ, האָט ער געמאַכט א שרעקלעכנ פעלער, זי קאָנ אים נאָר איבערגעבנ דעם באַשלוס פונ קרייז-קאָמיטעט.

געראַסימ האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אפ נאַטאַשענ, אפ איר ענערגיש אָפנ, גוטמוטיק געזיכט, אפ אירע דרייסטע זיכערע באַוועגונגענ. ער האָט געפילט איג דער דאָזיקער פרוי א געוואַלדיקנ פאַרבאָרגענעמ קויעכ. אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט און מעסירעסנעפעשדיקייט. מיט אזא, האָט ער זיכ געטראַכט, דאַרפ זייג גוט צו אַרבעטנ. ער האָט באַקומענ צו איר צוטרוי. זי צווייפלט ניט. מע פילט, אז זי איז זיכער איג איר יעדנ טריט. ער אָבער צווייפלט האָס גאַנצע לעבנ, איג אומרויִקער טייוול זיצט איג אים. ער האָט זיכ ניט געוואָלט אונטערגעבנ.

— צי האָט די ראַטנמאַכט ניט אָנגעווענדעט קיינ טעראָר? צי האָבנ די באָלשעוויקעס ניט געשאָסנ און דערשיסנ ניט קיינ קאָנטר-רעוואָליוציאָנערנ? פאַרוואָס מעגנ זיי און מיר טאָרנ ניט?

— געראַסימ, דו ווייסט אליינ, אז דו רעדסט נאַרישקייטנ, אז מע קאָנ ניט פאַרגלייכנ ראַטנפאַרבאַנד מיט אונדזער לאַגע דאָ. צי האָבנ די באָלשעוויקעס אָנגעווענדט טעראָר ביז דער רעוואָליוציע? דו ביסט דאָכ דאָרטנ געווענ, דו ווייסט האָכ אליינ, אז ניט. די באָלשעוויקעס האָבנ טאָמער אמשאַרפסטנ באַקעמפט די אַנאַרכיסטנ, די עסערנ. זיי האָבנ שטענדיק געזאָגט, אז זייערע אידייענ זייִנענ רעאַקציאָנער, אז האָס באַדייט פאַקטיש אומצוטרוי צו די מאַסנ, אומגלויבנ איג די מאַסנ, פאַסיווקייט און פאַרלאָזנ זיכ אפ ניסימ. טעראָר קאָנ ניט ברענגענ די באַפרייִונג פונ די אַרבעטנדיקע מאַסנ. מיטנ דערשיסנ איינ אויסוואורפ פאַרניכטעט מענ ניט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעמ. לענינ און סטאַלינ האָבנ אונדז געלערנט, אז מע דאַרפ קעמפנ קעגנ דער קלאַסנ-סיסטעמ, פאַרניכטנ די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט. דאָס קאָנ מאָנ נאָר דער אַרבעטער-קלאַס, מיט דער הילפ פונ זייִנ פאַרבינדעטנ — די אַרבעטנדיקע פויערימ. נאָר א מאַסנ-אָרגאַניזאַציע, א מאַסנ-פאַרטיי. זאָג, געראַסימ, ווער איז גערעכט געווענ — לענינ צי די עסערנ? ווער האָט אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע? — די באָלשעוויקעס. ווו זייִנענ געווענ דאַנ די

עסערן? — זיי זיינען געווען קאָנטררעוואָליוציאָנערן, צוזאַמען מיט די פריצים געקעמפט קעגן ראַטנפאַרבאַנד. צי ווילסטו, געראַסים, אַז דאָס זאָל זיך אויך איבערכאַזערן בא אונדז.

געראַסים איז אופגעשפרונגען.

— איך בין ניט קיין עסער! כ'האָב אין רוסלאַנד געקעמפט קעגן זיי. קיינער קאָן מיר אין דעם ניט כוישעד זיין. אַלע ווייסן, אַז איך בין גרייט אָפצוגעבן מיין לעצט טראָפן בלוט פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— קיינער זאָגט עס ניט. וואָלסטו געווען אַ קאָנטררעוואָליוציאָנער, וואָלטן מיר מיט דיר ניט גערעדט. מיר זאָגן דיר נאָר, אַז דו באַגייסט אַ שווערן פעלער, אַז דיינע טאַטן טאָרן ניט געדולדעט ווערן. מיר ווילן דיר נאָר איבערצייגן, אַז מיר זיינען גערעכט. די באָלשעוויקעס האָבן אונדז געלערנט, ווי צו האָבן רעוואָליוציאָנערן געדולד, אויסהאַלטן, ניט אַריינפאַלן אין פאַניק, גלייבן אין די קויכעס פונעם פראָלעטאַריאַט, גלייבן אין זיין ניצאָכן. דו האָסט אָבער ניט קיין געדולד. דיר ווילט זיך טייקעף די רעוואָליוציע און גלייך אָפן אָרט. און אויב עס גייט שווער, שפרינגסטו פון דער הויט. אויב מיר קאָנען נאָך היינט ניט זיגן, דאַרפן מיר אַלץ צוגרייטן צו זיכערן דעם זיג אָפן מאָרגן. וואַרף אַוועק דיינע טעראָריסטישע נייגונגען. העלף אונדז, געראַסים, אין דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט. און דו וועסט זיין אַ גוטער כאַווער.

— אין 1917 האָבן די באָלשעוויקעס ניט געהאַט קיין געדולד.

— דו ביסט ווידער ניט גערעכט. דעמאָלט איז געווען אַ רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע. די אַרבעטער און די פויערים זיינען געווען רייף פאַר דער רעוואָליוציע. די אַרמיי איז געווען מיט אונדז. די באָלשעוויסטישע לאָזונגען האָבן באַהערשט די מאַסן. דערפאַר האָבן מיר געזיגט. ווען די קאָנטררעוואָליוציע האָט אָנגעהויבן צו קעמפן, באַנוצט טעראָר קעגן דער ראַטנמאַכט, האָט דער פראָלעטאַריאַט געענטפערט מיט אַ קעגנטעראָר, פאַרטיידיקט זיינע אויסגעקעמפטע פאָזיציעס. דאָס איז ניט געווען קיין אינדיווידועלער טעראָר, נאָר קאַמף פון דער פראָלעטאַרישער מעלוכע קעגן אירע קלאַסנ־סאָנים. דער אָנגריף פונעם פראָלעטאַריאַט אָפ די קאַפיטאַליסטישע קלאַסן, וואָס גיבן זיך ניט אונטער. ווען ס'וועט זיין אַ רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע אין

פוילן, וועלן מיר אויך טאָג דאָס זעלבע. דערווײַל איז אונדזער אויפ־גאַבע צוגרייטן די מאַסן צו דעם דאָזיקן היסטאָרישן טאָג.

גראַסים, איז געווען האַלב באַזיגט. דער שטאַרקסטער אַרגומענט פאַר אים איז געווען — די קאָנטררעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פון די עסערן. נאַטאַשע איז גערעכט — ער האָט ניט געטראַכט וועגן דעם, ער האָט נאָך אַלץ געצווייפלט.

— מיר דאַכט זיך, אַז די פּירער זײַנען קעגן טעראָר, ווײַל זיי ווייסן ניט אונדזער נויט. זיי וווינען ווײַט אין די שטעט, זיי לײַדן ניט אַזוי ווי מיר. זיי איז לײַכט צו זאָגן — האָט געדולד. ווי קאָן מען האָבן געדולד, ווען אַרום דיר פּייניקט מען און מע איזדיעקעוועט זיך, ווען דאָס דאָרף ווערט געשוואָלן פון הונגער, ווען יעדער פּאַרעץ איז דער באַלעבאָס איבער דײַן לעבן.

נאַטאַשע איז געוואָרן אויפגערעגט.

— ווי וואַגסטו אַזוי צו ריידן? אַזוי ריידן דאָך אונדזערע סאָנים! ווער זײַנען אונדזערע פּירער? די זעלבע אַרבעטער און פּויערים, אויסגעוואַקסן אין דער באַוועגונג, אונדזערע פּירער זײַנען אַזעלכע ווי דו, נאָך מיט מער דערפאַרונג, מיט מער וויסן. דו זאָגסט, אַז זיי איז לײַכט צו זאָגן „האָט געדולד“, פאַרוואָס איז זיי לײַכטער פאַר דיר? ווײַל זיי ווערן געפּײַניקט ווי מיר אַלע! אין די טפיסעס, ווײַל זיי זײַנען זייער גאַנצ לעבן נאַווענאַד, אָן אַ היים, אָן אַ פאַמיליע, שטענ־דיק פאַרפאָלגט. און דו שעמסט זיך ניט אַזוי צו טראַכטן? איך בין אַזאַ פּויערטע ווי דו. מיר איז אַזוי שווער ווי דיר. דאָך בין איך קעגן אינדיווידועלן טעראָר. פאַרוואָס, גראַסים? צי איז מיר לײַכ־טער ווי דיר? זאָג!

ער האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— פאַרצײַ מיר! — האָט ער געשמייכלט. — ס'האָט זיך בײַ מיר אַרויסגעריסן. ס'איז געווען נאַריש פון מײַן זײַט אַזוי צו ריידן.

זיי האָבן נאָך לאַנג גערעדט. און ער האָט זיך אונטערגעגעבן. זי האָט אים איבערגעגעבן דעם פאָדשלאָג פון קרײַז־קאָמיטעט. ער האָט נאָך לאַנגע וואַקלעניִשן מאַסקעט געווען. ער האָט איר געגלייבט. ער האָט מיט ליבשאַפט געקוקט איר אין די אויגן.

— פאַרוואָס האָט מען ביז איצט ניט גערעדט מיט מיר אַפּ

אזא אופן ווי דו? ווי האָבן מיר גאָר אויסגעשלאָסן! — האָט ער מיט פאַרביטערונג געטײַנעט.

— דאָס איז ניט קיינעמס שולד. דאָס איז אונדזער אָרעמקייט. מיר זײַנען אָרעם אין קויכעס. מיר האָבן צו ווייניק ליטעראַטור. מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צו באַזוכן שולן, צו לערנען זיך. די מערהײַט פייִקע כאַווײרים זיצט אין די טפיסעס. דערפאַר געשעט בא אונדז זייער אָפט פיל מיספאַרשטייענישן. מיט א יאָר צוריק וואָלט איך אויך ניט געקאָנט ענטפערן אַף אלע דײַנע פראַגן. צו מײַן גליק האָט מיר דאָס לעצטע יאָר א סאַך געגעבן, איך האָב זיך באַגעגנט מיט א כאַווער. פון אים האָב איך א סאַך געלערנט. ווייס איך איצט מער. מיר דאַרפן אלע זיך א סאַך, א סאַך לערנען, דעמאָלט וועלן מיר זײַן שטאַרקער.

די נעקאָמע איבער נאַדקען

די ערשטע צוויי וואָכן נאָכן ערשטן מײַ האָט די אַרבעט אין דאָרף זייער שטאַרק געליטן. די פּויערים זײַנען געווען טעראָריזירט. איינציקע קעמערלעך זײַנען צעקלאַפּט געוואָרן. נאַטאַשע האָט אין דער דאָזיקער צײַט אַרויסגעוויזן ענערגיע און איניציאַטיוו. ס'איז איר געלונגען שנעל צו ליקווידירן דעם דאָזיקן דורכבראַך. עס זײַנען צוגעקומען איינציקע נײַע פּאַרטיי-מיטגלידער. באַזונדערס האָט זיך פאַרשטאַרקט די יוגנט-אָרגאַניזאַציע. זי האָט איצט אַרומגעכאַפּט פיל נײַע דערפער. די פּאַרטיי-אַרבעט איז געווען קאָנצענטרירט אין די פעלדער בא דער אַרבעט, אין דער קיך, אַף פּויערישע פאַרווײַלונגען. א באַזונדער אויפמערקזאַמקייט האָט נאַטאַשע געשענקט די וואַלד-אַרבעטער און די באַטראַקעס. אין ליאַכאָווסקעס גוט איז ענדלעך געלונגען צו בילדן א פּאַרטיי-קעמערל.

די ערשטע צײַט האָט זיך נאַטאַשע געפילט א ביסל ניט זיכער. זי איז געוויינט געווען צו דימיטריס אָנפירונג און איוואַנס הילף. איצט איז זי געבליבן די אָנפירערן פון ראַיאָן. דימיטרי איז געווען ווײַט. אלץ האָט זי געדאַרפט קימאַט איינע אליין אַנטשליסן. יעדערער האָט געפאָדערט פון איר דירעקטיוון און אָנווײַזונגען, זי האָט אָבער געפילט דעם צוטרוי פון די כאַווײרים צו זיך, און בא איר איז געוואַקסן דער צוטרוי צו זיך אליין.

ערשט איצט האָט זי דערפילט וויפל עס האָט איר געגעבנ איר גאָענטקייט מיט דימיטריִנ, וויפל וויסנ, פּראקטיק זי האָט געלערנט פארנ לעצטנ יאָר. זי האָט זיכ דערמאָנט די ערשטע כאראָשימ נאָכ דעמ, ווי דימיטרי איז צוריקגעקומענ פונ דער פּארטיי=שול, וויפל אָוונטנ האָט ער געדולדיק, אקשאָנעסדיק פארבראכט מיט איר, באמיִענדיק זיכ איר איבערצוגעבנ זײַנ וויסנ, אויסטײַטשנ איר אלצ, וואָס איז איר געווענ ניט קלאָר אָדער ניט פארשטענדלעכ.

קאלטע ווינטער=נעכט בא אומ אינ צימער. וואָס פאר א גוטע צײַט דאָס איז געווענ. די שענסטע אונ בעסטע אינ איר לעבנ.

זיי האָבנ ביידע געכאָלעמט וועגנ דער צוקונפט, וועגנ א צוקונפט אָנ א פּוילישנ פּאָרעצ, אָנ פּאָליציי, וועגנ א קאָמוניסטישער געזעלשאפט. דווירעסדיקער צאָרנ אונ האָפענונגענ האָבנ אופגעלעבט. טויזנטער צומ טויט פארשמיסענע פויערימ, געשענדעטע פרויענ=קערפּערס, קינדער מיט וואסערדיקע קעפ אונ געשוואָלענע בײַכער, אויסגערונענע פונ טרערנ אויגנ פונ אלטע מאמעס — דאָס זײַנענ געווענ זייערע וויזיעס פונ אמאָל. מארשירנדיקע ארמייענ, וועגנ מיט טויטע קערפּערס אונ הונגעריקע הינט, טליִעס אונ בלישטשענדיקע באגינעטנ אָפּגעהאקטע געשרייענ פונ צומ טויט=פארפּײַניקטע. גרויל, האס אונ שרעק, קנעכטישע האכנאָע, שטילע קלאָלעס פונ שטארבנדיקע זיידעס, צו דער גאנצער וועלט — דאָס איז געווענ די לעבעדיקע געשיכטע, וועלכע ביידע האָבנ געקענט פונוויסוויניק.

דערמאָנענדיק זייער יוגנט, זייער אומוויסנהײַט, שרעק, ייִעש, פארלוירנקײַט האָט דימיטרי דערמאָנט די ווײַטע פארגאנגענהײַט: כטעטקא ראזינ, יעמעליאנ פוגאטשאָוו, טויזנטער אומבאוווסטע העלדנ, וואָס האָבנ אוועקגעלייגט זייערע קעפּ אפנ שאנד=פלאצ. אונ די לאנגע פונ פויער איז אלצ ערגער געוואָרנ אונ דער פּאלאצ האָט אלצ געוועלטיקט, אלצ העכער געהויבנ זײַנע טורעמס אונ די כאטע איז אלצ טיפער געזונקענ אינ שמוצ אונ פינצטערניש. יאָרהונדערטער זײַנענ די דרײַסטערע אפּ קאטאָרגע געגאנגענ ביז ס'איז אופגעשטאנענ, אויסגעוואָקסנ פונ אינווייניק א נײַער ריז. די הונגעריקע פויערימ זײַנענ אוועק אינ די שטעט, זיי האָבנ אָנגעהויבנ בויענ פאבריקנ. ס'איז אויסגעוואקסנ א פּראָלעטאריאט. ס'איז פאראנ לענינ=סטאלינ, זייער וועג איז א שטאָלענער, א זיכערער. די צוקונפטיקע דורעס וועלנ זיי מע=

קאָנע זײַנ, וואָס זיי האָבנ געלעבט אינ אזא צײַט, אינ אזא צײַט, ווענ זיי מוזנ זיינ.

נאטאשע, הערנדיק דימיטרינ, האָט געזענ פאר אירע אויגנ דעמ הונגעריקנ טאטנ. ס'האָט געבורעוועט אינ איר א שרעקלעכע סינע אונ האָפענונג, א גוואלדיקע ליבע צו דער פארטיי, דימיטרינ אונ כאווירימ. א ווילנ צו זײַנ שטארק, נויקעמ זײַנ זיכ. ראטנפארבאנד! דאָרטנ האָבנ די ארבעטער אונ פויערימ זיכ אָפּגערעכנט איינמאָל פאר אלעמאָל מיט זייערע קלאסנ-סאָנימ! זיי האָבנ גוט געצאָלט פאר טויזנטיעריקע דערנידערונג אונ פײַנ. פאר אירע אויגנ האָבנ דורכגעשוועבט גראנדיעזע בילדער. לאנגע רייענ מארשירנ דאָרט, טויזנטער רויטע פענער. זי האָט געהערט דעמ ניצאָכנדיקנ מארש פונעמ זיגרײַכנ פראָלעטאריאט. העל באלויכטענע פלעצער אונ די מארשירנדיקע מאסנ האלטנ אלצ אינ אייב גיינ, אָנ א סאָפ אונ אלצ פאָרויס, פאָרויס!..

אינ די קורצע נאכטישע שאָענ, האלב-שלאָפנדיק, האלב-וואכנדיק האָט זי זיכ אָפט דערמאָנט אָנ די האָזיקע אָוונטנ. א וואָרעמקײַט האָט ארומגענומענ איר יונגנ געזונטנ מיידלשנ קערפּער. זי האָט זיכ געוואָרפנ אינ דער ארבעט מיט איר גאנצנ ברענ. ניט פארלירנ קיינ צײַט. העלפנ דורכפירנ די פארטיי-באשלוסנ. דעריקער — ניט אָפּשטעלנ די ארבעט, ניט דערלאָזנ צו אפאטיע, צו אָפּגעלאָזנקײַט. זאָל דער סוינע ניט טריומפירנ.

לעצטנס דאַרפ מענ זײַנ זייער פאָרזיכטיק. צופיל פארדעכטיקע פארשוינענ דרייענ זיכ ארומ איבערנ דאָרפ. קיריל דער נאכט-וועכטער האָט איבערגעגעבנ, אז באנאכט באווײַזנ פארדעכטיקע מענטשנ מאָטיוכנע. מאטיוכע איז א שפּיאָנ. זײַנ נאדקע גייט אָפּנ ארומ מיטנ פּאָליציי-קאָמענדאנט, שפּיאָנירט אומעטומ, קוקט ארײַנ דורכ די פענצטער, קערט זיכ צו צו געשפּרעכנ. זי ווערט צו געפערלעכ. ס'איז גוט, וואָס די יוגנט האָט זי אָנגעלערנט. זי וועט איצט ליגנ אינ בעט בא א כוידעש. אָבער פאָרזיכטיק מוז מענ זײַנ, פיל מער ווי פריער. דעריקער — מע דאַרפ געפינענ א זיכערנ אָרט ווו צו שלאָפנ.

★

נאדקע האָט נאָכ יענער שרעקלעכער נאכט געפילט זיכ דערשלאָגנ, הערנידעריקט. זי איז געלעגנ אינ בעט אונ ביטער געוויינט.

עס זײַנענ אױסגערונענ אירע מײדלשע כאלױמעס. א שיקער, א בײזער, האָט ער זי גראָב געשענדעט. דאָס גאנצע דאָרפ װעט לאכנ. מע װעט זיכ רײצנ מיט איר. װענ מאטיוכע האָט זיכ דערװוסט, װאָס עס איז געשענ, האָט ער זיכ װילד געװאָרפנ אפ איר און מערדערלעכ זי געשלאָגנ. עטלעכע טעג איז זי געלעגנ אינ בעט מיט בלויע בײַלנ אפנ גאנצנ קערפּער. זי איז געלעגנ אײַנגעקאָרטשעט און געטראכט װעגנ זעלבסטמאָרד. די מאמע האָט זיכ בײז געשאָלטנ: „איכ האָב דיר געזאָגט, איכ האָב דיר געװאָרנט, אז דו װעסט האָבנ אזא סאָפ. איצט װעלנ מיר באקומענ אנ אומזיסטנ מאמזער אינ שטוב צו שאנד און צו שפּאָט אפנ גאנצנ דאָרפ". די מאמע איז גערעכט. אלצ איז געענדיקט.

עטלעכע טעג נאָכנ ערשטנ מײַ איז געקומענ דער פּאָליציי־קאָמענדאנט. מאטיוכע האָט אים בײז באגעגנט. דער קאָמענדאנט איז איצט ניט צו דער האנט געװענ צו פארפירנ א קריג מיט מאטיוכענ. ער האָט באקומענ א פאָרװורפ פונ סטאראָסטע פאר דערלאָזנ צו דער דעמאָנסטראציע, עס האָט געהאלטנ דערבײַ, אז ער זאָל פארלירנ זײַנ פּאָסטנ, האָט ער זיכ אנטשולדיקט, האָט ער זיכ פארענטפערט, אז ער איז געװענ שיכער און אײַליק צוגעזאָגט כאסענע צו האָבנ מיט נאדקענ. ס'איז אים געלונגענ צו באַרויקנ מאטיוכענ, יענער האָט סײַװי ניט געהאט קײנ אנדער אױסװעג, און א ברײרע געהאט אים גלײבנ. נאדקע האָט צוריק אופגעלעבט. ער איז געװענ גוט צו איר. זי האָט געגלײבט דעם קאָמענדאנטס צוזאָגנ, זי האָט זיכ שוינ געזענ אלס דעם קאָמענדאנטס װײַב, װי מע רופט זי „פּאני קאָמענדאנטשא", װי אלע האָבנ רעספּעקט פאר איר.

זי האָט איצט בלינד געפאָלגט אלע זײַנע באפעלנ. זי האָט קעסײדער געמאסערט. געװאָרנ כוצפּעדיק, נאָכגעגאנגענ יעדער גרופּע מענטשנ, װאָס האָבנ גערעדט צװישנ זיכ, ארײַנגעקוקט אינ די פענצטער. זי איז געװאָרנ א געפאר פארנ גאנצנ דאָרפ, בא אלעמענ פארהאסט.

אײנמאָל אינ אנ אָװנט, װענ זי האָט פּרובירט אונטערהערנ בא א פענצטער, האָט מענ פונ הינטנ ארופגעװאָרפנ א זאק אפ איר קאָפּ. דאָס איז געשענ אזוי פּלוצעם, אז זי האָט ניט באמערקט, װער עס האָט דאָס אָפּגעטאָנ. זי האָט אפילע ניט באװיזנ א געשרײ צו

טאָג. עטלעכע געזונטע הענט האָבנ זי שטילערהייט ערגעצ געטראָגנ. זי האָט זיכ ניט געקאָנט רירנ. מע האָט זי געטראָגנ זייער לאַנג. נאָכדעמ האָט זי געפילט, אַז מע האָט זי אַנידערגעוואָרפנ אַפ דער ערד. ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ די עקזעקוציע איבער איר. מע האָט זי אויסגעטאָנ נאַקעט, בלויז געלאָזנ דעמ זאַק אפנ קאָפּ, אונ געשלאָגנ זי אפנ פויערשנ שטייגער: שטאַרק, לאַנגזאַמ אָנ ראַכמאָנעס, ווי מענ וואָלט געציילט קלעפּ. זי איז פאַרגאַנגענ אינ כאַלאָשעס. מענ האָט זי געשלאָגנ מיט פויערישע רימענס, מיט צווײַגנ פונ ביימער. נאָכדעמ האָט מענ זי אויסגעשמירט דעמ גאַנצנ קערפּער מיט דזשעגעכצ אונ זי צוגעבונדנ צו א בוימ.

אפ מאָרגנ אינדערפרי, ווענ די פויערימ זײַנענ געגאַנגענ אינ פעלד אַרבעטנ, האָבנ זיי זיכ אָנגעשטויסנ אַפ איר שרעקלעכער פיגור. צומ בוימ, צו וועלכנ זי איז געווענ צוגעבונדנ, איז געווענ צוגעקלעפּט א צעטל: „אַזאַ סאָפ וועלנ האָבנ אַלע פּוילישע שפּיאָנענ. דאָס איז נאָר אַנ אָנהייב". די פויערימ האָבנ געלאַכט, געכויזעקט, האַנאָע געהאַט פונ דער דאָזיקער נעקאָמע. קיינער האָט זי ניט אָפּגעבונדנ. מע האָט צו וויסנ געגעבנ מאַטיוכענ. דאָס גאַנצע דאָרפ איז געקומענ צו לויפנ קוקנ אפנ בייזנ וווּנדער. מיט אַנ אַראָפּגעלאָזטנ קאָפּ אונ כניִשער מוירע האָט מאַטיוכע אָפּגעבונדנ זײַנ טאָכטער. די פויערימ האָבנ געמאַכט פײַנטלעכע אויסרופנ, געדראָעט. ווענ מאַטיוכע האָט אַראָפּגענומענ דעמ זאַק פונ איר קאָפּ, זײַנענ אירע אויגנ געווענ מעשוגע פונ שרעק. באַגלייט פונ שרײַענדיקע טומלדיקע קינדער, האָט דער פאָטער געפירט זײַנ געשענדעטע טאָכטער צו זיכ אַהיימ.

ער איז געווענ דערשלאָגנ. ער האָט גיט געענטפערט אַפ אָט די דראָונגענ. שרעק, בושע האָט אימ באַהערשט. מע קאָנ ניט גייג קעגנ א גאַנצ דאָרפ — האָט ער געטראַכט. די פויערימ זײַנענ שטאַרקער פונ דער פּאָליציי. זיי זײַנענ זיכ נוקעמ אָנ ראַכמאָנעס. ער האָט אינ דער דאָזיקער מינוט זיכ פאַרשאָלטנ, פאַרוואָס ער איז געוואָרנ סאָלטיס קעגנ ווילנ פונ דאָרפ. ער האָט פאַרשטאַנענ, אַז אינ דעמ דאָזיקנ קאַמפּ האָט ער פּערזענלעכ פאַרשפּילט.

ווענ דער קאָמענדאַנט איז געוואָר געוואָרנ פונ דעמ דאָזיקנ פויערימ־מישפּעט, איז ער געקומענ צו רײַטנ מיט אַנ אָפּטיילונג פּאָליציי. ער האָט געפאָדערט פונ מאַטיוכענ, אַז ער זאָל אַרויסגעבנ די, וועמענ

ער איז בוישער אינ דער געקאָמע אַפּ זײַנ טאָכטער. נאָר מאַטיוכע האָט בלויז א מאכ געטאָנ מיט דער האַנט.

— לאָזט צורו. זעט צו וואָס איר האָט אונדז דערפֿירט. איר ווילט, אז מע זאָל אונדז אַלע אויסהאַרגענענ. זיי זײַנענ פֿײַיִק אַפּ דעמ. זיי האָבנ ניט קיינ מוירע פֿאַר אײַכ.

אַלע טײַנעס פֿונעמ קאָמענדאַנט האָבנ ניט געהאָלפֿנ. מאַטיוכע איז געבליבנ בײַ דעמ זײַניקנ:

— נעמט מיר אַראָפּ פֿונ מײַנ אַמט. איכ וויל נאָכ ניט שטאַרבנ.

דער קאָמענדאַנט איז דערופֿ ניט אײַנגעגאַנגענ. קיינער וועט איצט ניט אָננעמענ זײַנ דעמיסיע. דאָס וואָלט געווענ א ביזאָיכנ פֿונ די קאָמוניסטנ, גײַנ, ער מוז איצט בלײַבנ.

מאַטיוכע האָט זיכ געבעטנ בײַ אימ:

— איר זאָגט, אז איר האָט ליב נאַדקענ. נעמט זי צו פֿונדאַנענ. מער קאָנ זי דאָ ניט זײַנ. זי וועט זיכ איצט ניט קאָנענ באַווײַזנ אינ דאָרפֿ. זי מוז אַוועק אינ אַנ אַנדער אָרט.

דער קאָמענדאַנט איז מיט צופֿרידנקײַט מאַסקעמ געווענ אַריבער-צופֿירנ נאַדקענ אינ שפּיטאָל אונ נאָכדעמ לאָזנ זי אַפּנ פּאָליציי-פּאָסטנ. יאָ, איצט איז זי זיכער זייערס א מענטש. זי וועט דאָס געדענקענ די קאָמוניסטנ איר גאַנצ לעבנ.

דער שטרײַק אינ דער הוטע

נאָכ פֿיליפּס אונ וולאַדעקס אַרעסט. האָט די אָנפֿירונג מיט דעמ פּאַרטיי-קעמערל אינ דער הוטע איבערגענומענ דאַניליוק. דעמ ערשטנ מײַ זײַנענ אַרעסטירט געוואָרנ נאָכ עטלעכע כאַווײרימ. די צאָל פּאַר-טיי-מיטגלידער האָט זיכ אַפּ דער הוטע שטאַרק פֿאַרקלענערט. אָבער די שטימונג פֿונ די אַרבעטער איז געווענ א זעלטענע. נאָכ קיינמאָל האָט אינ דער הוטע ניט געהערשט אַזא קאַמפּ-לוסט. די ערשטמײַיִקע דעמאָנסטראַציע, דאָס שיסנ אינ האַמוינ אונ די פֿאַרלוירנקײַט פֿונ דער פּאָליציי אינ די ערשטע מינוטנ פֿונ דער בלוט-באָד, דערנאָכ די אַטאַקע קעגנ דער פּאָליציי אונ איר פּאַכדאָנעסדיקער אַנטלויפֿנ האָבנ בוילעט באַוויזנ ווי וויכטיק ס'איז אינ גאַסנ-קאַמפּ די אָרגאַניזאַציע אונ אַנטשלאָסנקײַט. דאָס האָבנ פֿאַרשטאַנענ די הוטע-אַרבעטער. ווענ

709 — 9

די פּאַרטײ האָט געוואָרפנ דעמ לאָזונג שאַפנ אַ שטאַרקע זעלבשוץ, האָבנ די אומפּאַרטײִשע אַרבעטער זיכ אָפּגערופנ אַפ דעמ מיט ענטוזיאַזמ, פאַרשריבנ זיכ מאַסנווײַז אינ דער נײַער אָרגאַניזאַציע.

דער דירעקטער איז געווענ זיכער, אַז נאָכ די אַרעסטנ זײַנענ די אַרבעטער דערשראָקנ. ער האָט באַשלאָסנ אויסצונוצנ פאַר זיכ די גינסטיקע צײַט. ער האָט פּלוצעמ געמאָלדנ, אַז צוליבנ קריזיס איז ער געצוווּנגענ צו שנײַדנ די לוינענ אונ אָפּזאָגנ פונ דער אַרבעט 100 אַרבעטער. די פאַרזאַמלונג, וואָס איז גלײַכ נאָכדעמ אָפּגערופנ געוואָרנ דורכנ פאַרײַנ, איז געווענ זײער אַ שטורמישע. דאַניליוקנ איז מיט מי געלונגענ צו באַרויִקנ די אויפגערעגטע געמיטער. די אַרבעטער זײַנענ געווענ אויפגעבראַכט אונ האָבנ אויפגעהויבנ אַ געוואַלדיקנ טומל. פונ אַלע זײַטנ האָבנ זיכ געהערט אויסרופנ:

— אַזאַ ניִדערטרעכטיקע כוצפּע, אַ געמײנהײַט! ענטפערנ מיט אַ שטרײַק!

— קײנער טאָר ניט אָפּגעזאָגט ווערנ! אַלע מוזנ בלײַבנ באַ דער אַרבעט! גענוג געהונגערט!

— פאָדערנ העכערונג פונ די לוינענ! פאָדערנ בעסערע היגיִעניִשע באַדינגונגענ!

— וואַרפנ מאָרגנ די אַרבעט!

— פאָדערנ באַפרײַענ די אַרעסטירטע כאַווײרימ!

פאַר פּראָקלאַמירנ אַ שטרײַק האָט געשטימט די גאַנצע פאַרזאַמלונג. ס'איז גלײַכ געווײלט געוואָרנ אַ שטרײַק־קאָמיטעט. אַפ דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג זײַנענ אויכ אויסגעאַרבעט געוואָרנ די קאָנטר־פאָדערונגענ פונ די אַרבעטער. דאַניליוק, רעזומירנדיק די רעזולטאַטנ פונ דער פאַרזאַמלונג, האָט פאַרענדיקט זײַנ רעדע מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— אויב דער דירעקטער וועט ניט נאָכגעבנ אונדזערע פאָדערונגענ, גײענ מיר אַרויס איבערמאָרגנ אינ שטרײַק. כאַווײרימ, דער שטרײַק וועט זײַנ אַ שווערער אונ אַקשאָנעסדיקער, דער פאַבריקאַנט וועט אונדז וועלנ אויסהונגערנ. מיט דער הילפ פונ דער פּאָליציי וועט ער זיכ באַמיִענ צו לאָזנ די הוטע אינ גאַנג דורכ שטרײַק־ברעכער. ס'איז נײטיק אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, אײַזערנע דיסציפּלינ, אויסדויער, גרײטקײט צו קאָרבאָנעס אונ ניצאָכנ. אונדזער שטרײַק איז ניט קײנ לאָקאַלער. אויב מיר וועלנ פאַרשפּילנ, וועלנ אַלע הוטע־פאַבריקאַנטנ אַרי־

בערגיינ אינ אָנגריפ אונ פארערגערנ די באדינגונגענ אינ אלע הוטעס. אויב מיר וועלנ זיגנ, וועט עס זײַנ דער ניצאָכנ פונ אלע הוטע־ארבעטער אינ גאַנצ פוילנ. מיר האָבנ גענומענ אפ זיכ א גרויסע פאראנטוואָרט־לעכקייט. איכ האָפ, אז מיר וועלנ באווײַזנ, אז מיר קאָנענ קעמפנ אונ זיגנ. לאָמיר געבנ א מוסטער פאר אנדערע. זאָל לעבנ אונדזער שטרײַק ביז ניצאָכנ!

א שטורעמ אפלאָדיסמענטנ האָט באגלייט זײַנ שלום־וואָרט. מיטנ געזאנג פונ „אינטערנאציאָנאל" האָט זיכ די פארזאמלונג פארענדיקט.

דער דירעקטער האָט ניט נאָכגעגעבנ. ער איז בלאס געוואָרנ, ווענ דאניליוק מיט נאָכ צוויי עלטערע ארבעטער האָבנ אימ איבערגעגעבנ די פאָדערונגענ פונ די ארבעטער. ער האָט זיכ ניט געריכט דערופ. ניט נאָר זיי זײַנענ קעגנ קירצונגענ אונ רעדוקציע פונ ארבעטער־פערסאָנאל, נאָר זיי האָבנ נאָכ ארויסגערוקט קאָנטר־פאָדערונגענ: העכערנ די לוינענ פונ 15 ביז 25 פראָצענט. ער האָט פארשטאנענ, אז ער האָט זיכ א ביסל צוגעײַלט, ניט דערשאצט די שטימונג פונ די ארבעטער, נאָר צוריקטרעטנ איז שוינ געווענ שפעט. פרעסטיזש. די אנדערע פאב־ריקאנטנ וועלנ אופהייבנ א טומל, אימ אָנרופנ פאכדנ. ניינ, איצט איז קאמפ. די ארבעטער וועלנ פארשפילנ. פאָליציי אונ הונגער וועלנ טאָנ דאָס זייעריקע.

צומאָרגנס איז אויסגעבראָכנ דער שטרײַק. די ארבעט אפ דער הוטע האָט זיכ אָפגעשטעלט. אייניקע טעג זײַנענ פארבײַ רויִק. די טויערנ פונ דער הוטע זײַנענ געווענ געשלאָסנ. די ארבעטער האָבנ שפאצירט אפ די גאסנ. עטלעכע צענדליק ארבעטער דאָרפ־אײַנוווינער זײַנענ געפאָרנ אהיימ, אָפווארטנ די רעזולטאטנ פונ שטרײַק. די שטימונג איז געווענ א קעמפערישע.

נאָכ א וואָכ שטרײַקנ האָט זיכ אָנגעהויבנ פילנ דער הונגער. די שטימונג בײַ די ארבעטער איז געוואָרנ א נערוועזע. אייניקע אונטערגע־קויפטע פונ פאבריקאנט ארבעטער אונ שפיאָנענ האָבנ ארויסגעלאָזט א קלאנג, אז דער פאבריקאנט האָט באשלאָסנ אינגאנצנ צו שליסנ די הוטע, אז אינ דעמ איז שולדיק דער פארייִנ מיטנ פראָקלאמירנ דעמ שטרײַק. דער שטרײַק־קאָמיטעט האָט פארשטאנענ דעמ דאָזיקנ געפער־לעכנ מאנעוור, וואָס צילט צו דעמאָראליזירנ די ארבעטער. ער האָט גערופנ אנ אלגעמיינע פארזאמלונג.

די דאָזיקע פארזאמלונג איז געווענ א אנטשליסנדיקע און האָט זיכ פארוואנדלט אינ א פאָליטישנ קאמפ צווישנ די לינקע ארבעטער און די רעפאָרמיסטנ. גלייכ נאָכ דער עפענונג פונ דער פארזאמלונג האָט גענומענ א וואָרט א פעפעסישער ארבעטער פונ דער הוטע. ער האָט שארפ אטאקירט דעמ שטרייק-קאָמיטעט, ווי ביכלאל דעמ באשלוס צו שטרייקנ.

— ס'איז געווענ אנ אומזינ צו פראָקלאמירנ א שטרייק — האָט זיכ דער רעדנער געהיצט, — אינ א צייט פונ אזא שווערנ קריזיס. די פאבריקאנטנ קוקנ נאָר אויפ א שטרייק, קעדיי צו פארמאכנ די פאבריקנ. די הוטע וועט איינגאנצנ פארמאכט ווערנ. וואָס וועלנ מיר געווינענ דערפונ? מיר וועלנ בלייבנ ארבעטלאָז. די קאָמוניסטנ זיינענ צוליב זייערע אמביציעס מאקרעוו מיט אונדז.

זיינ רעדע האָט געצילט צו דעמאָראליזירנ די קאמפ-שטימונג בא די ארבעטער, צו צעקלאפנ דעמ פאריינ, ארויסרופנ אומצוטרוי. ער איז איבערגעריסנ געוואָרנ פונ קעסיידערדיקע צווישנרופנ:

— פארעטער, פארקויפטער לאקיי! א כארפע, אז אנ ארבעטער זאָל אזוי ריידנ

— וואָס לייגסטו פאָר? — האָט אימ געפרעגט אנ אלטער ארבעטער

— צוריקציענ דעמ שטרייק, ווי לאנג ס'איז ניט צו שפעט. אָנעמענ דעמ פאבריקאנטס באדינגונגענ. בעסער זאָלנ ווערנ ארבעטלאָז הונדערט ארבעטער איידער אלע פינפ הונדערט. עפשער וועט דער פאבריקאנט איינגיינ אפ א קלענערער פארקירצונג. ניטאָ קיינ אנדער אויסוועג! מיר האָבנ סיי-ווי פארשפילט!

ער האָט גערופנ צו פולשטענדיקער קאפיטוליאציע. דער דאָזיקער פאָר-שלאָג האָט ארויסגערופנ צאָרנ און פארביטערונג בא די ארבעטער. ס'האָבנ זיכ געהערט אויסרופנ:

— אראָפ פונ דער טריבונע!

— פארקויפטער נעפעש!

— נידער מיט די פעפעסישע פארעטער!

— זיי ווילנ צעברעכנ דעמ פאריינ. אומעטומ, ווו זיי באווייזנ זיכ, ברענגענ זיי פאראט און מאפאָלע!

נאָר אייניקע ארבעטער האָבנ ניט דרייסט אונטערגעהאלטנ דעמ פע-פעסאָוועצ:

— ווי לאנג קאָנענ מיר הונגערנ? — דער שטרײַק איז פארשפּילט. מע דארפ מאכנ א סאָפ. אזויפיל ארבעטער ארבעטלאָז. אנדערע וועלנ זיכ שטעלנ אפ אונדזער אָרט.

די דאָזיקע ניט דרייסטע אויסרופנ האָבנ דערשראָקנ דאניליוקנ. עמעס, זייער צאָל איז דערווײַל זייער קליינ, אָבער ווער ווייסט, וואָס וועט ריידנ די ארבעטער אינ עטלעכע טעג ארומ. צי וועט ניט געלינגענ דער פעפעס ארונטערצורײַסנ דעמ שטרײַק. ס׳איז נייטיק דרינגענדיקע הילפ. מע דארפ צו וויסנ געבנ דער פארטיי.

ביז איצט איז נאָכ ניט אָנגעקומענ די צוגעזאָגטע הילפ פונ די אנדערע פּראָפעסיאָנעלע פאריינענ. אויב עס וועט ניט אָנקומענ קיינ דרינגענדיקע הילפ, קאָנ דער שטרײַק ווערנ שנעל ארונטערגעריסנ.

פלוצעמ האָט זיכ געעפנט די טיר. ס׳האָט זיכ באוויזנ א גרופּע פויערימ מיט דימיטריג אינ דער שפּיצ. דאניליוק האָט זיי פארוואונדערט אָנגעקוקט. דימיטרי איז צוגעגאנגענ צו דאניליוקנ אונ אימ עפעס אַרײַנגעשעפּטשעט אינ אויער. דאניליוקס געזיכט האָט אויפגעשײַנט, ער איז אויפגעשפּרונגענ פונ זײַנ אָרט.

— כאווײרימ, — זײַנ קאָל האָט טריומפירט, — דער כאווער באָרטשאנסקי אינ נאָמענ פונ דער פויערישער דעלעגאציע פונ ראיאָנ בעט דאָס וואָרט.

אלע ארבעטער האָבנ פארוואונדערט געקוקט אפ די פרעמדע געסט. די דערקלערונג פונ פּאָרזיצער, אז דאָס איז א פויערימ־דעלעגאציע, האָט עלעקטריזירט דעמ זאַל. א שטורעמ אפּלאָדיסמענטנ, וואָס איז אריבערגעגאנגענ אינ א הורא, האָט באגעגנט דעמ פויערישנ רעדנער.

א ווײַלע איז ער געשטאנענ אפ דער טריבונע א צעטומלטער פונ דער דאָזיקער שטורמישער באגעגעניש. ער האָט נערוועז געצופּט זײַנ היטל.

די אפּלאָדיסמענטנ זײַנענ שטילער געוואָרנ. דער זאַל האָט זיכ בארויִקט, ער האָט געקאָנט אָנהייבנ ריידנ.

— כאווײרימ, צו אונדז איז דערגאנגענ די יעדיִע, אז איר שטרײַקט. אז איר קעמפט פאר אײַערע לעבנס־אינטערעסנ, אז דער פאבריקאנט וויל אײַכ אויסהונגערנ. איר ווייסט, כאווײרימ, אז אינ דאָרפ הערשט הונגער, אז בא אונדז איז שרעקלעכע נויט. נאָר אײַער קאמפ איז אויכ אונדזערער, מיר האָבנ צוזאמענ פארגאָסנ בלוט דעמ הײַיאָריקנ ערשטנ מײַ. מיר געדענקענ עס גוט. מיר האָבנ באשלאָסנ אײַכ צו העלפנ מיט

וואָס מיר קאָנענ. מיר זײַנענ זייער אָרעמ, אָבער מיר זײַנענ גרייט זיכ טיילנ מיטנ לעצטנ. אינ אַלע דערפער גייט אַ זאַמלונג פאַר די שטרײַקנדיקע אַרבעטער. די זאַמלונג איז נאָכ ניט פאַרענדיקט — ער האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אינ קעשענע אונ אַרויסגענומענ אַ פּעקל, פאַרוויקלט אינ אַ צײַטונג אונ איבערגעגעבנ דעמ פאָרזיצער, — דאָ, כאַווייריִמ, איז 90 זלאָטעס. מיר האָבנ אויכ געבראַכט מיט זיכ זעקס פּוד קאַרטאָפל, אַ ביסל מעל אונ שוואַרצברויט. זיי שטייענ דאָ אַפ דער גאַס. נעמט צו אונדזער הילפ! די פּויערימ האָבנ מיכ געבעטנ אײַכ איבערצוגעבנ, אַז איר זאָלט זיכ האַלטנ פעסט, ניט נאָכגעבנ, קעמפנ ביז ניצאָכנ. אַז אײַער קאַמפ איז אויכ אונדזער קאַמפ, אונ אַז כאַווייריִמ, מיר זײַנענ מיט אײַכ!

אייניקע סעקונדנ איז געווענ שטיל אינ זאַל. די שטילקײַט איז פּלוצעמ איבערגעריסנ געוואָרנ ווי פונ זיכ אַליינ. די אַרבעטער זײַנענ אויפגעשפּרונגענ פונ די ערטער.

בײַ אַ טייל עלטערע זײַנענ אַפילע געשטאַנענ טרערנ אינ די אויגנ. די אַרבעטער האָבנ אַפּלאָדירט, זיי האָבנ זיכ געוואָרפנ אַפ דער סצענע, אַרומגערינגלט די פּויערימ, געדריקט די הענט. אַנ עלטערע אַרבעטערנ האָט אַרומגענומענ דעמ רעדנער, געקושט אימ, געשטאַמלט: „אַ דאַנק, אַ דאַנק, כאַווער". עס האָבנ זיכ געהערט אויסגעשרייענ, — פרייִדיקע, ניצאָכנדיקע.

— דאָס דאָרפ איז מיט אונדז! זאָל לעבנ דער בונד מיטנ רעוואָליוציאָנערנ פּויערטומ!

— קאַמפ — ביז ניצאָכנ! ניט נאָכגעבנ! מיר מוזנ זיגנ! קעמפנ ביזנ לעצטנ!

די זעלבשוצ האָט געטראָגנ אינ זאַל די זעק מיט קאַרטאָפל, מעל, ברויט. דאַניליוק האָט געשײַנט אונ מיט פרייד געקוקט דימיטרינ אינ די אויגנ. איצט איז דער ניצאָכנ געזיכערט. ניטאָ וואָס מורע צו האָבנ פאַר דער פּפּס. די אַרבעטער וועלנ ווײַטער שטרײַקנ. דאָס דאָרפ האָט געראַטעוועט. ווי קלוג די פּאַרטיי האָט געהאַנדלט.

שווער איז אָנגעקומענ צו באַרויִקנ די אַרבעטער. דאָס ערשטע מאָל איז צו זיי געקומענ אַ פּויערימ־דעלעגאַציע אונ געבראַכט הילפ. דאָ אינ שטאָט איז נאָכ אַזעלכעס ניט געווענ. זיי האָבנ ביז איצט בלויז געהערט, אַז אינ אַנדערע שטעט קומט דאָס פאַר גאַנצ אָפט.

אינ נאָמענ פונ די אַרבעטער האָט געדאַנקט אַנ עלטערע אַרבעטערינ. פונ אופרעגונג האָט זי זיכ קעסיידער איבערגעהאַקט. אָבער אירע פּאַשעטע האַרציקע ווערטער זײַנענ פול געווענ דערמיט, וואָס אַלע אַרבעטער האָבנ געפילט — דאַנקבאַרקײַט אונ סאָלידאַריטעט.

עס האָט גענומענ אַ וואָרט דימיטרי. בײַם ער האָט גערעדט, איז אינ זאַל געווענ זייער שטיל. די אַרבעטער האָבנ ערנסט אונ אָנגעשטרענגט זיכ צוגעהערט צו אימ.

וואָס וועט זאָגנ דער דאָזיקער פרעמדער?

— כאַווײרימ, — האָט ער געזאָגט, — מע האָט מיר איבערגעגעבנ וועגנ אַרויסטריט פונ אַ פּעפּעסאָווצע. דאָס האָט מיכ ניט געוווּנדערט. מיר זײַנענ געוווינט צו דעמ. די פּאַפּס טרעט טאָמער אַרויס נאָר מיט איינ ציל: צו פאַראַטנ, צו ברעכנ, ניט דערלאָזנ צו קיינ קאַמפּ. אַנדערש קאָנענ זיי ניט. אַניט וואָלטנ זיי ניט געווענ פּאַפּס. ניט דאָס וווּנדערט מיכ. מיכ וווּנדערט נאָר, וואָס אייניקע קליינמוטיקע אַרבעטער האָבנ מיט אימ אײַנגעשטימט. צו זיי — אַ פּאָר ווערטער: אײַכ האָט דערשראָקנ דער קאַמפּ, די הונגער־געפאַר, די מוירע פאַר אַרויסגעוואָרפנ ווערנ אופ דער גאַס. נאָר וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע האָט איר, אַז ניט שטרײַקנדיק וועט מיט אײַכ דאָס ניט געשענ? האָט דאָכ דער פאַבריקאַנט באַשלאָסנ אַרויסצוואַרפנ אופ דער גאַס הונדערט אַרבעטער אָנ אַ שטרײַק! ווער ווייס, עפּשער זײַט איר צווישנ זיי. מע דראָעט אײַכ, אַז צוליבנ שטרײַק וועט דער פאַבריקאַנט שליסנ די הוטע. וואָס שטערט אימ דאָס צו טאָנ, ווענ ער וואָלט געוואָלט, אָנ אַ שטרײַק? צי מיינט איר, אַז דער פאַבריקאַנט האַלט די הוטע אינ באַוועגונג אויס ליבע צו אײַכ — אַ הילכיקער געלעכטער אינ זאַל — אָנ קאַמפּ האָבנ מיר זיכער פאַרשפּילט. אונטערגעבנ זיכ די פאַבריקאַנטנ הייסט: אַרבעטלאָזיקײַט, הונגערלוינענ, זעלבסטמאָרד. צי ווילט איר דאָס? ניינ, דאָס קאָנ ניט זײַנ. דאָס איז אומעגלעכ. דאָס וואָלט געהייסנ פאַראַט צו זיכ אַליינ.

אַ שטורעמ אַפּלאָדיסמענטנ האָט איבערגעריסנ זײַנ וואָרט. ער האָט אויסגעוואַרט אַ ווײַלע אונ פאָרגעזעצט.

— וואָס ליגט אײַכ פאַר די פּאַפּס? קאַפּיטולירנ, פאַלנ אופ די קני פאַרנ פאַבריקאַנט. ווער רעדט אַזוי? נאָר אײַערע סאָנימ. דאָס מײַנעט דאָכ די גאַנצע צײַט דער פאַבריקאַנט! וואָס איז דער אונטערשייד

צווישן זיי און די באַלעבאַטים? אַזעלכע דאַרף מען טרײַבן פון דער אַרבעטער-סוויווע, זיי פאַרסאַמען נאָר די לופט. וואָס האָט די פּפּס געטאָן צו פאַרבעסערן אײַער לאַגע? גאָרניט. מיר קומען ניט צו אײַך מיט פאַרשלאָגן פון פּאַראַט. מיר קומען צו אײַך מיט הילף. מיר זײַנען גרייט אײַך צו העלפן ביז אײַער ניצאָכן.

ער האָט אַ רעגע געשוויגן, סוקנדיק דורכדרינגענדיק אין זאַל.

— ווען איך זאָג מ י ר, ווייסט איר מיסטאָמע וועמען איך מיין. דאָס האָבן מיר אָרגאַניזירט די פּויערים אײַך צו העלפן. אין אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען גייט אַ זאַמלונג. מע האָט מיר נאָר וואָס איבערגעגעבן, אַז ס'איז שוין אויפגעזאַמלט געוואָרן אין שטאָט העכער 400 זלאָטעס. מאָרגן וועט איר דאָס דאָזיקע געלט באַקומען. פון ביאַליסטאָק האָט מען אײַך אַרויסגעשיקט דרײַ הונדערט זלאָטעס, אויך אין ווילנע גייט אַ זאַמלונג פאַר אײַך. אין די הויפּט אין פּוילן קלײַבן די אַרבעטער געלט. צי וועט איר אַנטוישן די אַרבעטער אין פּוילן, וועלכע גלייבן אין אײַך, וועלכע זײַנען גרייט אײַך צו העלפן, זעענדיק אין אײַער גערעכטן קאַמף זייער אייגענעם קאַמף? איך בין זיכער, אַז איר וועט דאָס ניט טאָן. איר האָט ניט איין מאָל באַוויזן אײַער רעזידירטקײַט און קאַמפּלוסט. איצט דאַרפט איר עס באַווײַזן דאָפּלט. נאָר רעזידירטקײַט קאָן ברענגען ניצאָכן. דער פאַבריקאַנט וועט זיכער וועלן ברעכן דעם שטרײַק מיט דער הילף פון שטרײַקברעכער. דערלאָזט ניט דערצו. די אַרבעטער וועלן אײַך העלפן. אײַער עקאָנאָמישער קאַמף פאַרוואַנדלט זיך איצט אין אַ פּאָליטישן. קעגן אײַך איז דער פאַבריקאַנט, די פּאָליציי, דער גאַנצער מעלוכע-אַפּאַראַט. מיר האָבן ידיעות, אַז די פּאָליציי גרייט צו רעפּרעסיעס. לאָזט אײַך ניט טעראָריזירן. קעמפט קעגן אַרעסטן, פאָדערט די באַפרײַונג פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע, קעמפט קעגן פאַשיזם, קעגן פּאָליצייישע גוואַלדטאַטן. קיין צוריקטריט! קאַמף ביז ניצאָכן! אויסהאַלטן!

די אַרבעטער האָבן שטורמיש אַפּלאָדירט דעם רעדנער. זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי ער איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן געוואָרן. עס האָבן זיך געהערט אויסרופן:

— זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע! קאַמף ביז ניצאָכן!

דער פאַרשלאָג ווײַטער פאָרזעצן דעם שטרײַק איז איינשטימיק

אָנגענומענ געוואָרנ. אפילע דער פעפעסאָוועצ האָט ניט געוואגט צו שטימענ קעגנ. ס'איז אויכ אָנגענומענ געוואָרנ א פאָליטישע רעזאָליוציע מיט דער פאָדערונג צו באפרייענ די פאָליטישע ארעסטירטע.

דימיטרי איז געווענ גערעכט; ווענ דער פאבריקאנט האָט דערזענ, אז די ארבעטער האלטנ זיכ פעסט, האָט ער באשלאָסנ צו ברעכנ דעמ שטרייק מיט דער הילפ פונ שטרייקברעכער. אפנ צענטנ טאָג האָבנ די שטרייק-פיקעטנ באמערקט א פארדעכטיקע גרופע מענטשנ, וואָס האָט זיכ אומזיכער באמיט ארייַנצוקומענ איג טויער פונ דער הוטע. זיי האָבנ זיי פארשטעלט דעמ וועג. ס'איז אויסגעבראָכנ א געשלעג. די יעדיע, אז עס האָבנ זיכ באוויזנ שטרייקברעכער, האָט זיכ שנעל פארשפרייט איג שטאָט. פונ אלע זייַטנ איז אָנגעקומענ הילפ. די עטלעכע פאָליציאנטנ, וועלכע זייַנענ געשטאנענ בא דער הוטע, האָבנ זיכ ניט געקאָנט קיינ אייצע געבנ. די שטרייקברעכער, צעשעדיקטע, האָבנ זיכ שנעל צוריקגעצויגנ.

די פאָליציי האָט פארשטארקט די וואכ ארומ דער פאבריק. באנאכט זייַנענ אייניקע מיטגלידער פונ שטרייקקאָמיטעט ארעסטירט געוואָרנ. נאָר קיינ שטרייקברעכער האָבנ זיכ שוינ מער ניט באוויזנ. די קאָמפארטיי האָט פאנאנדערגעקלעפט איג שטאָט א פלוג-בלעטל, וואָס האָט גערופנ די ארבעטלאָזע ניט צו ווערנ קיינ שטרייקברעכער. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז קיינ איינ שטאָטישער ארבעטלאָזער איז צווישנ די שטרייקברעכער ניט געווענ, אז דאָס זייַנענ אלצ געווענ פרעמדע מענטשנ, געבראכטע פונ אנדערע ערטער.

דער שטרייק האָט זיכ פארשארפט. ער האָט זיכ שוינ געצויגנ צוואנציק טעג. נאָכ איינ מאָל האָט די פפס זיכ באמיט ארונטערצורייַסנ דעמ שטרייק. זייער ארויסטרעטונג איז באגעגנט געוואָרנ מיט אזא פארביטערונג און פייַנטשאפט, אז זיי האָבנ געמוזט פארלאָזנ די טריבונע, ניט פארענדיקנדיק זייערע רעדעס. די קאמפשטימונג האָט זיכ געהויבנ בא די שטרייקנדיקע. איבער פופציק ארבעטער זייַנענ ארעסטירט געוואָרנ. איג אלע פראָפעסיאָנעלע פאריינענ זייַנענ פארגעקומענ זאמלונגענ פאר די שטרייקנדיקע. דאָס דאָרף האָט געהאָלפנ. ס'איז געקומענ א פויערים-דעלעגאציע פונ נאָכ א ראיאָנ, געבראכט הילפ און פארגעלייגט צו נעמענ מיט זיכ אפ דער צייַט פונ שטרייק דרייַסיק קינדער פונ די שטרייקנדיקע ארבעטער.

ס'איז פֿאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע פֿון די שטרײַקנדיקע. צו דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך פֿאַראייניקט די שטאָטישע אַרבעטלאָזע און פֿיל אַרבעטער פֿון אַנדערע פֿאַבריקן. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין צענטער פֿון שטאָט, צו דער סטאַראָסטווע. זיי האָבן געוואָרפֿן רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען, געמאַכט פֿײַנטלעכע אויסרופֿן קעגן דער רעגירונג, קעגן פֿאַבריקאַנט. די דעמאָנסטראַנטן זײַנען ברוטאַל צעטריבן געוואָרן. דערבײַ האָט די פּאָליציי געמאַכט פֿיל אַרעסטן.

אין אַלע פֿאַרייגען זײַנען פֿאָרגעקומען פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונגען. די קאָמוניסטן האָבן אַגיטירט פֿאַר פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם סאָלידאַריטעט־שטרײַק אין שטאָט. די אויפֿרעגונג פֿון די שטאָטישע אַרבעטער איז געוואַקסן.

אויפֿן 22־טן טאָג פֿון שטרײַק איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ באַראַטונג פֿון אַלע שטאָטישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. די לינקע דעלעגאַטן האָבן אַרײַנגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, אַז אויב דער שטרײַק וועט ניט געוווּנען ווערן ביז איבערמאָרגן, זאָל פּראָקלאַמירט ווערן אין שטאָט אַן אַלגעמיינער סאָלידאַריטעט־שטרײַק. דער דאָזיקער פֿאָרשלאָג איז מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען געוואָרן.

צו מאָרגן האָבן פֿאַרשטרײַקט אַלס פּראָטעסט די פּאַפּיר־אַרבעטער. די אַרבעטער פֿון עלעקטרע האָבן געדראָעט מיט אַ שטרײַק. די עלעקטרע־געבײַדע איז באַזעצט געוואָרן פֿון פּאָליציי. אין שטאָט איז די שטימונג געווען אַ נערוועזע און אומזיכערע. די באַן־סטאַציע איז געווען שטאַרק באַוואַכט פֿון דער פּאָליציי. אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן פּאָליציי־פּאַטרולן, באַוואָפֿנטע מיט ביקסן.

דער פֿאַבריקאַנט האָט זיך געווענדט צום שטרײַק־קאָמיטעט וועגן אונטערהאַנדלונגען. ער האָט געהאַט גרויסע באַשטעלונגען פֿון דער רעגירונג. ער האָט אַפֿילו ניט געטראַכט וועגן פֿאַרמאַכן די הוטע, ער האָט נאָר געוואָלט מיט דער הילף פֿון ראַציאָנאַליזאַציע אויספֿילן די אַרבעט פֿון 500 אַרבעטער מיט 400.

יעדער טאָג פֿון שטרײַק איז געווען פֿאַר אים אַ גרויסער פֿאַרלוסט. דאָס ווײַטערדיקע פֿאַרזיצן פֿון שטרײַק האָט געדראָעט מיט פֿאַרלירן די דאָזיקע פּראָפֿיט־באַשטעלונג, עס איז געווען אַ געפֿאַר, אַז זי זאָל אַריבער אין אַנדערע הענט. ער האָט לאַנג אונטערהאַנדלט און לעסאָף

נאָכגעגעבן. ער האָט צוריקגעצויגן אַלע זײַנע פאָדערונגען, איז געצווונגען געווען צו הערבן די לוינען ביז 15 פּראָצענט. ער האָט צוגעזאָגט אויסצופּויעלן די באַפרײַונג פון די אַרעסטירטע שטרײַקנדיקע אַרבעטער.

דער שטרײַק האָט זיך, אַלזאָ, פאַרענדיקט מיט אַ גרויסן ניצאָכן פון די אַרבעטער. שטאָלצע זײַנען זיי צוריק געגאַנגען צו דער אַרבעט. דער דאָזיקער געוווּנענער שטרײַק האָט פאַרשטאַרקט דעם אײַנפלוס און אויטאָריטעט פון דער קאָמפּאַרטיי צווישן אַלע אַרבעטער אין שטאָט. דאָס קאָמוניסטישע קעמערל האָט זיך פאַרדרײַפאַכט.

דער קאַמף קעגן שטײַערן

דער זומער איז געווען אַ הייסער, אַ טרוקענער. ס'איז שוין געווען אינמיטן יולי־כוידעש און קיין רעגן איז נאָך אַלץ ניט געווען. דער באַפעלקערונג האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק פאַר טריקעניש און פאַר הונגער. די גאַלאָכים זײַנען געגאַנגען מיט הייליקע בילדער איבער די פעלדער. די קלויסטער־גלאָקן האָבן טרויעריק געקלונגען. קיין רעגן איז אַלץ ניט געווען. די ראַבאָנים האָבן אויך אײַנגעאָרדנט אַ טאָנעס־טאָג. נאָר גאָט האָט ניט געהאָלפן. די זון האָט אָנראַכמאָנעס־דיק פאַרברענט די פעלדער. אין די סעדער זײַנען די פרוכטביימער געשטאַנען פאַרהאַרטע מיט אויסגעטריקנטע בלעטער. אין די דערפער האָט זיך אָנגעהויבן די דעזינטעריע, פריער בײַ קינדער, דערנאָך אויך בײַ די עלטערע.

דעם מענטשן האָט אַרומגענומען אַ פאַרצווייפלונג. די פויערים האָבן זיך אָנגעהויבן, ווי געוויינלעך, באַגינען, געזוכט אין הימל אַ שפּור פון אַ וואָלקן, נאָר דער הימל איז געווען בלוילעך־קלאָר, די לופט איז געווען אַ גליענדיקע, קיין ווינטל האָט זיך ניט באַוועגט. דער פאַרזיי איז פאַרניכטעט געוואָרן. אין שטאָט זײַנען פאָרגעקומען קלענערע און גרעסערע שטרײַקן מיט פאַרשיידענע רעזולטאַטן. די פרײַזן אַף לעבנסמיטלען זײַנען געשטיגן מיט יעדן טאָג. דרײַ וואָכן איז פאָרגעקומען אַ שטרײַק אין דער פאַניער־פאַבריק. דער פּאַס איז געלונגען מיט דער הילף פון זייער צענטראַלן פאַריין פון די האָלצ־

אַרבעטער איבערצײַגעמען די אָנפֿירונג מיטן שטרײַק און ליקווידירן אים. די אַרבעטער האָבן פֿאַרשפּילט.

אין שטאָט זײַנען אָנגעגאַנגען קעסיידערדיקע אַרעסטן. ס'איז אַרעסטירט געוואָרן דאָס קאָמוניסטישע קעמערל פֿון די לעדער־אַרבעטער. ס'איז פֿאַרשיט געוואָרן דער מעלדונג־פּונקט אין רעסטאָראַן. עס איז אַרעסטירט געוואָרן אַן אינסטרוקטער פֿון צענטער.

איוואַן איז נאָכן ערשטן מײַ אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַן אַנדער ראַיאָן אַלס סעקרעטאַר פֿון פּאַרטײַישן ראַיאָן־קאָמיטעט. די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ גרויסע, נאָר אַ שטאַרק אָפּגעלאָזענע. אַ לאַנגע צײַט איז אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געווען אַ שוואַכע טעטיקייט. איוואַן האָט זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. ס'איז אים געלונגען צו בילדן אַרום זיך אַ פּויערישן אַקטיוו. דאָס פּאַרטײַלעבן האָט אָנגעהויבן צו פֿונקציאָנירן מער־ווייניקער נאָרמאַל.

אין די דערפֿער זײַנען אַרומגעפֿאָרן די שטײַער־עקזעקוטאָרס, אײַנגעמאָנט שטייערן, צוגענומען בײַ די פּויערים די לעצטע קו, דעם פֿעלד־אינווענטאַר, גענומען דאָס, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט נעמען. אין אַלע דערפֿער האָט מען נאָר גערעדט וועגן שטײַער־עקזעקוציעס, וועגן דער האַרצלאָזיקייט פֿון דער רעגירונג. די קאָמפּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף ניט צו צאָלן קיין גראָשן שטייערן דער „רעגירונג פֿון אַרבעטלאָזיקייט, הונגער און מילכאָמע“. אין פֿיל דערפֿער איז לויט דער איניציאַטיוו פֿון דער קאָמפּאַרטיי געוויילט געוואָרן פּויערים־קאָמיטעטן אָנצופֿירן מיטן קאַמף קעגן די שטייערן.

אינמיטן אויגוסט איז אַראָפּגעקומען אַ שטייערן־עקזעקוטאָר מיט דרײַ פּאָליציאַנטן אין דאָרף אָ. די אַלמאָנע פּראַסקאָוויאַ בראַשעוויטש איז געווען פֿאַרשולדיקט דער רעגירונג 70 זלאָטעס שטייערן. זי האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. דער עקזעקוטאָר איז אַרײַן אין שטאַל און גענומען אַרויספֿירן די איינציקע קו אירע. די אַלמאָנע מיט אירע צוויי טעכטער האָבן זיך געבעטן בײַ אים, אַז ער זאָל ניט צונעמען בײַ זיי דאָס לעצטע שטיקל ברויט. דער עקזעקוטאָר האָט מיט רעציכע געשלעפּט די אויסגעדאַרטע קו. די פֿאַרצווייפֿלטע פֿרויען האָבן געמאַכט אַ גוואַלד. עס זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפֿן די פֿרויען פֿון דאָרף, פֿון די פֿעלדער זײַנען געקומען צו לויפֿן די פּויערים.

דער עקזעקוטער, דערזעענדיק, אז דער האַמויג נעמט אָן א דראָענדיקע שטעלונג, האָט זיך געאײַלט צוצובינדן די קו צו זײַן בריטשקע, נאָר די הונגעריקע קו האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און ניט געוואָלט גײן. פון האַמויג האָבן זיך געהערט פײַנטלעכע אויסרופן:

— מערדער, טאַליאָנים! דאָס לעצטע האָב און גוטס נעמען זיי צו! זיי האָבן ניט קײן ראַכמאָנעס!

— אַזוי באַגײען זיך מערדער אין וואַלד און פערד־גאַנאָווים!

— גיט אָפּ דער אַלמאָנע די קו!

די פּאָליציאַנטן אָפּ די פערד האָבן אַרומגערינגלט די בריטשקע, אַראָפּגענומען די ביקסן פון די פּלײצעס. די אַלמאָנע, א פאַרצווײפלטע, האָט זיך געוואָרפן צו דער בריטשקע, געוואָלט אָפּבינדן די קו. א ביקסן־קאָלבע האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזט אָפּ איר קאָפּ. מיט א שרעקלעכן געשרײ איז די פרוי א פאַרבלוטיקטע געפאַלן אָפּ דער ערד. דאָס געשרײ פון דער פרוי, איר בלוט האָט אַרײַנגעבראַכט אין ווילדן צאָרן די פּויערים. פון אוילעם האָט זיך געהערט א רוף: „א טויט דער פּאָליציי!“ פון ערגעץ איז געפלויגן א שווערער שטײן און זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּ דער פּלײצע פון פּאָליציאַנט, וואָס האָט געשלאָגן די פרוי. דער פּאָליציאַנט האָט פון ווײטעק אַראָפּגעלאָזט די ביקס אָפּ דער ערד. די איבעריקע צווײ האָבן געוואָלט שיסן, נאָר זיי זײַנען אין איין אויגנבליק אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן פון די פערד, אנטוואָפנט געוואָרן און מוירעדיק צעשלאָגן געוואָרן.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אָנגעהויבן בעטן בא די פּויערים, אז מע זאָל זיי שענקען דאָס לעבן. וואָס זײַנען זיי שולדיק? ס'איז אזא פאַרשאָלטענע דינסט. מע הײסט זיי פאָרן מיטן עקזעקוטער, פאָרן זיי. זיי ווילן אלײן ניט, נאָר וואָס קאָנען זיי העלפן. זאָלן די פּויערים ראַכמאָנעס האָבן אָפּ זיי, זיי האָבן ווײַבער און קינדער. די קינדער וועלן בלײַבן יעסוימים. די פּויערים האָבן זיך באַרויִקט. זײער אופרעגונג איז א ביסל אונטערגעשטילט געוואָרן. ס'איז געקומען צו לויפן דער דאָרף־סטאַראָסטע און האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר די פּאָליציאַנטן.

— לאָזט זיי אָפּ, וואָס ווילט איר, אז מע זאָל א מעל מאַכן פון גאַנצן דאָרף, אז מע זאָל אונדז אַלע שמידן אין קײטן. ברענגט ניט אָפּ אונדז קײן אומגליק.

די צעבלוטיקטע פּאָליציאַנטן און דער עקזעקוטער האָבן מיט האַנק־

באַרקײַט געקוקט אַפנ דאָרפ-סטאַראָסטע: ער איז געװענ זײער אײַנציקער רעטער.

די יוגנט האָט ניט געװאָלט נאָכגעבנ. עס האָבנ זיך געהערט אױסרופנ:

— לאָזט זײ ניט אָפ, די דאָזיקע טאַליאָנים! זײ װעלנ אונדז שױנ אײנמאָל אָפדאַנקענ! זײ אַלײנ װעלנ ברענגענ אינ דאָרפ אַנדערע פאָליציאַנטנ! אַלע זײַנענ זײ הינט און מערדער! װער האָט געשלאָגנ פראַסקאָװיענ, אַז ניט דער דאָזיקער הונט. װער האָט געװאָלט שיסנ אינ אונדז? צו זײ איז ניטאָ קײנ ראַכמאָנעס.

די פאָליציאַנטנ זײַנענ געפאַלנ אַפ די קני. זײ האָבנ זיך געצײלעמט און געשװױרנ, אַז זײ װעלנ מער ניט זײַנ קײנ פאָליציאַנטנ, אַז זײ האָבנ דאָס שױנ געגונג, זײ װעלנ מער ניט דינענ. זאָל מענ נאָר זײ שענקענ דאָס לעבנ.

די עלטערע פױערים האָבנ זיך באַמיט צו באַרויִקנ די יוגנט, אײַנגעהאַלטנ זײ. דאָס האָבנ אױסגענוצט די פאָליציאַנטנ, זײ זײַנענ אַרופגעשפרונגענ אַפ די פערד און מיטנ עקזעקוטער שנעל אַנטלאָפנ פונ דאָרפ.

באַנאַכט איז דאָס דאָרפ אַרומגערינגלט געװאָרנ פונ אַ שטאַרקער פאָליצײ-אָפטײלונג. אינמיטנ דאָרפ איז אַװעקגעשטעלט געװאָרנ אַ קױלנװאַרפער. עס זײַנענ פאָרגעקומענ מאַסנרעװיזיעס און אַרעסטנ. די דרײַ פאָליציאַנטנ, װאָס האָבנ אינדערפרי זיך געשװױרנ, אַז זײ װעלנ מער ניט דינענ דער פאָליצײ, זײַנענ געװאָרנ די אָנפירער פונ די אַרעסטנ. זײ האָבנ אָנגעװיזנ אַפ די, װעלכע האָבנ זיך אַמערסטנ געבונטעװעט. איבער פופציק פױערים, צוזאַמענ מיט דער אַלמאָנע און צװײ טעכטער, זײַנענ אינ דער דאָזיקער נאַכט אַרעסטירט געװאָרנ און אַװעקגעפירט געװאָרנ אַפנ נאָענטנ פאָליצײ-פאָסטנ. דאָרטנ זײַנענ זײ שרעקלעך געפײַניקט געװאָרנ. די געשרײענ פונ די געשלאָגענע האָבנ זיך געהערט אינ די אַרומיקע דערפער. עטלעכע נעכט האָבנ די פױערים ניט געקאָנט אײַנשלאָפנ. די מױרעדיקע געשרײענ האָבנ געמאַכט אױפציטערנ דאָס בלוט אינ די מענטשלעכע אָדערנ. דאָס דאָרפ האָט געטראַכט פונ נעקאָמע. מאַכנעס פױערים האָבנ זיך געפרװט אינ די נעכט זאַמלענ אַרומ פאָליצײ-פאָסטנ. די שװאַרצע בלישטשענדיקע העלדזער פונ די קױלנװאַרפערס האָבנ זײ צוריקגעשטױסנ. שעלטנדיק,

אינ שרעקלעכער אומבאהאָלפנקייט, האָבנ זיכ די פויערימ מיט דראָענדיקע פויסטנ צוריקגעצויגנ.

איינער פונ די געשלאָגענע האָט ניט אויסגעהאלטנ אונ ארויסגעגעבנ דאָס האַרפישע פארטיי-קעמערל. זיי זיינענ אלע ארעסטירט געוואָרנ אונ איבערגעפירט געוואָרנ אינ דער דעפענזיווע. דורכגייענדיק דעמ גענעמ פונ דער אינקוויזיציע, האָט אייגער ארויסגעגעבנ איוואַנענ. אָנווייזנדיק, אז ער איז סעקרעטאר פונ פארטייישנ רייקאָמ. ווענ פאָליציי איז געקומענ אימ ארעסטירנ, איז ער צופעליק ניט געווענ אינ דאָרפ. כאווירימ האָבנ אימ געגעבנ צו וויסנ. איוואַנ איז ווידער אנטלאָפנ אינ שטאָט.

דער ארעסט פונ סעמיאָנ אונ אירענ

אינמיטנ אויגוסט איז אירע געקומענ צו באָרנ. סעמיאָנ האָט זיכ זייער דערפרייט מיט איר אָנקומ. זיי האָבנ זיכ ווידער געטראָפנ בא לעגענ אינ שטוב. אירע האָט אימ איבערגעגעבנ דעמ באשלוס פונ צענטראל-קאָמיטעט. דער צ״ק האלט, אז ס'איז א געפאר צו לאָזנ סעמיאָנענ ווייטער אינ דעמ דאָזיקנ קרייז. ער ארבעט שוינ דאָ צו לאנג. די לעצטע ארעסטנ באווייזנ זייער דעמ צענטער, מע האָט מורע, אז ער זאָל ניט ארעסטירט ווערנ, ער מוז שוינ זיינ צו גוט באקאנט דער דעפענזיווע. אירע איז געקומענ פארנעמענ זיינ אָרט אונ ער דארפ טייקעפ אָפּפאָרנ אינ צענטער.

סעמיאָנ איז בלאס געוואָרנ. זי האָט אימ פארוווּנדערט אָנגעקוקט.

— דו ביסט ניט צופרידנ, סעמיאָנ?

— איכ האָב געמיינט, אז מיר וועלנ צוזאמענ ארבעטנ. די ארבעט דאָ איז איצט אזוי אינטערעסאנט.

— אָבער וואָס וועט זיינ, אז מע וועט דיכ ארעסטירנ?

— ארעסטירט קאָנ מענ ווערנ אומעטומ.

— אומזיסט, דאָס איז פאטאליזמ. אויב דער צ״ק וואָלט זיכ געהאלטנ בא אזא אָרגאניזאציע-פּאָליטיק, וואָלטנ מיר שוינ אלע לאנג געווענ אינ די טפיסעס. מע דארפ בייטנ מענטשנ, איידער זיי ווערנ ארעסטירט.

סעמיאָנ האָט געוווּסט, אַז זי איז גערעכט, אַז דער צענטער האָט ריכטיק געהאַנדלט, נאָר זינט דער באַגעגעניש מיט איר האָט ער זייער אָפט געטראַכט וועגנ איר, געהאָפט ווידער צו טרעפנ זיכ און צוזאַמענ אַרבעטנ. ער האָט זיכ אַליינ ניט אָפּגעגעבנ קיינ רעכענונג וואָס ער פילט צו איר. ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיינ פערזענלעכ לעבנ, כאָטש ער האָט ניט איינ מאָל געטראַכט וועגנ דעמ, געזוכט אינ זײַנ פאָרשטעלונג די געשטאַלט פונ יענער פרוי, וואָס קאָנ אימ געפעלנ.

ווענ ער האָט באַגעגנט אירענ, האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז, — די געזוכטע געשטאַלט. אַז ניט וואָלט אימ שווער געווענ צו דערקלערנ, פאַרוואָס איז זי אימ פונ דער ערשטער מינוט געוואָרנ אַזוי אינטימ נאָענט, פאַרוואָס האָט ער די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגנ איר. איצט האָט ער זי ווידער באַגעגנט, קעדיי צו דערהערנ פונ איר מויל, אַז ער פאַרלירט זי ווידער, און מעגלעכ אָפּ אייביק.

אירע האָט ווי געלייענט זײַנע געדאַנקענ. זי האָט צערטלעכ אַרופּגעלייגט איר האַנט אָפּ זײַנ אַקסל.

— זײַ מונטערער, סעמיאָנ, מיר וואָלט זיכ זייער געוואָלט צוזאַמענ מיט דיר אַרבעטנ, דו וואָלסט מיר זייער אַ סאַכ געהאָלפנ, נאָר דו ווייסט אַליינ, אַז דאָס וואָלט געווענ אַ פאַרברעכנ קעגנ דיר, קעגנ דער פּאַרטיי. אַ צווייטנ מאָל וועלנ מיר זיכ טרעפנ און דעמאָלט וועט עפשער מעגלעכ זײַנ צוזאַמענ צו אַרבעטנ. די פּאַרטיי וועט ניט דערלויבנ אינ די איצטיקע באַדינגונגענ אַזעלכע צוויי ווי מיר צוזאַמענ צו זײַנ אינ איינ שטאָט.

ער האָט זיכ געצווונגענ צו שמייכלענ.

— דו ביסט גערעכט.

זי האָט אָפּ אימ געקוקט מיט פרײַנטשאַפט.

— אָבער דו פאָרסט נאָכ ניט מאָרגנ. עטלעכע טעג וועסטו בלײַבנ מיט מיר. אַרײַנפירנ מיכ אינ דער אַרבעט, איבערגעבנ מיר אַלצ, וואָס ס'איז נייטיק. אויסער דײַנע באַריכטנ, וועלכע איכ האָב געלייענט, ווייס איכ דאָכ גאָרניט, וואָס דאָ קומט פאָר.

ער האָט אײַנגעשטימט. עטלעכע טעג צוזאַמענ. גוט איז דאָס אויכ.

— אָפּ וואָס פאַר אַנ אַרבעט וועט מענ מיכ שיקנ?

זי האָט זיכ צעלאַכט.

— ווי נײַגעריק דו ביסט. איכ האָב ניט קיינ רעכט צו דערציילנ... נאָר שטילערהייט... קיינער זאָל ניט הערנ... איכ האָב איבערגעגעבנ אינ צענטער דײַנ ביטע אונ פארלאנג צו לערנענ זיכ. דו ווערסט געשיקט אינ א פארטיי-שול. ביסטו צופרידנ?

סעמיאָנ האָט מיט דאנקבארקײַט געדריקט איר האנט.

ס'איז געוואָרנ שפעט. לענא האָט פאָרגעלייגט, אז אירע זאָל בלײַבנ וווינענ בא איר, נאָר ביידע זײַנענ געווענ קעגנ דעמ. מיט לענעס דירע טאָר מענ ניט ריזיקירנ. אויב אירע וועט בלײַבנ דאָ וווינענ, וועט די דירע זיכער אינקורצנ דורכפאלנ. ניינ, לענעס דירע מוז בלײַבנ פארנ צענטער. פאר אירענ מוז מענ געפינענ אנ אנדער וווינונג.

סעמיאָנ האָט זיכ פארטראכט. ס'איז איצט אזוי שווער צו באקומענ א זיכערע דירע. מע וועט דארפנ איבערריידנ מיט סעריאָזשענ. ער האָט אייניקע פארבינדונגענ מיטנ בירגערטומ. אפ הײַנט וועט זי נאָכ בלײַבנ בא לענענ.

צו מאָרגנס האָט סעמיאָנ דורכ סעריאָזשענ באקומענ א זיכערע וווינונג פאר איר. אירע האָט זיכ גלײַכ אהינ אריבערגעקליבנ. סעמיאָנ האָט זי אָנגעהויבנ ארײַנפירנ אינ דער ארבעט. ער האָט זי אינפאָרמירט וועגנ אלצ, וואָס ס'איז פאָרגעקומענ די לעצטע כאדאָשימ. אויסגערעכנט איר דעמ אקטיוו, אפ וועמענ מע קאָנ זיכ פארלאָזנ, אָנגערופנ בא די נעמענ די מער וויכטיקע טוער. ער האָט איר איבערגעגעבנ א גענוי בילד דערפונ, וואָס עס טוט זיכ אינ שטאָט אונ דאָרפ, די לאגע פונ די באזונדערע ראיאָנענ.

ער האָט זיכ באזונדערס אָפגעשטעלט אפ זײַנ געשפרעכ מיט וולאדימירנ אונ דעמ כשאר, וואָס איז בא אימ פארבליבנ קעגנ אימ. ער האָט לעצטנס פארשטארקט דעמ פארטיי-אקטיוו אינ דער טבש. דאָס ערשטע מאָל געהאט א קאָנפליקט מיט סעריאָזשענ, וועלכער האלט, אז מע קאָנ האָבנ פולשטענדיקנ צוטרוי צו וולאדימירנ. ניינ, זײַנ אינסטינקט נארט אימ קיינמאָל ניט. ער פילט, אז וולאדימיר איז א פארמאסקירטער סוינע. ער האָט אָנגענומענ מיטלענ. לויט זײַנ איניציאטיוו איז צונויפגערופנ געוואָרנ א פארוואלטונג-זיצונג פונ דער געזעלשאפט, אפ וועלכער עס איז געוויילט געוואָרנ א וויצע-פאָרזיצער, א מענטש א זיכערער, א גוטער פארטיי-כאווער. מיט דער צײַט וועט מענ דארפנ וולאדימירנ אינגאנצנ באזײַטיקנ.

אירע איז מאסקעט געווענ מיט סעמיאָנענ, געהאלטנ, אז ער האָט געהאנדלט ריכטיק, אונ פארזיכערט צו נעמענ אינ אכט זײַנע באמערקונגענ. סעמיאָנ האָט אויכ איבערגעגעבנ וועגנ דער דיסקוסיע ארומ סעריאָזשעס אומזיניקנ פאָרשלאָג אָנצוווענדנ טעראָר-מיטלענ, וועגנ דימיטריס ארויסטרעטונג אונ נאטאשעס געלונגענע אונטערהאנדלונגענ. אירע האָט זיכ אופמערקזאמ צוגעהערט צו סעמיאָנענ.

— צי ביסטו זיכער אינ סעריאָזשענ?

סעמיאָנ האָט פארווונדערט זי אָנגעקוקט.

— וואָס פאר א פראגע?

— דאָס איז ניט קײנ ענטפער — האָט זי אקשאָנעסדיק ווידערהוילט די פראגע — צי ביסטו זיכער אינ אימ?

סעמיאָנ האָט א קוועטש געטאָנ מיט די פלייצעס.

— סעריאָזשע איז שוינ פינפ יאָר אינ דער פארטיי. אײנער פונ די עלטסטע ווײַסרוסישע כאוועירימ אינ קרײַז, וועלכע זײַנענ אפ דער פרײַ. די גאנצע צײַט ארבעט ער איבערגעגעבנ. ער האָט א גרויסנ אויטאָריטעט צווישנ די כאוועירימ. וואָס פאר א פראגע, צי איכ האָב צוטרוי צו אימ.

אירע האָט אופגערעגט געשפאנט איבערנ צימער. זי האָט זיכ אָפּגעשטעלט הארט לעבנ סעמיאָנענ.

— דײַנ סעריאָזשע געפעלט מיר ניט. זײַנ פאָרשלאָג וועגנ אָנווענדנ טעראָר. דו זאָגסט, ער איז שוינ פינפ יאָר אינ דער פארטיי. אנ עלטערער פארטיי-כאווער קאָנ ניט מאכנ אזא פאָרשלאָג. דאָס איז א פּראָוואָקאציע-פאָרשלאָג. דאָס געפעלט מיר ניט, אויכ זײַנ פארטיידיקנ וולאדימירנ איז ניט אומזיסט.

סעמיאָנ האָט אומצופרידנ א מאכ געטאָנ מיט דער האנט:

— יעדער אײנער פונ אונדז קאָנ זיכ טועע זײַנ, מאכנ מיר דענ ניט קײנ פעלערנ? ער איז ארונטערגעפאלנ אונטער די טעראָר-שטימונגענ פונ די פויערימ. דאָס איז טאקע געווענ א גרויסער פעלער. אָבער צוליב דעמ אימ כוישעד זײַנ, דאָס איז אומזינ.

— אונ מיר דוכט, אז מיט דײַנ סעריאָזשענ איז ניט אינ אָרדענונג. דו האָסט צופיל צוטרוי צו אימ. איכ באדויער, וואָס איכ האָב זיכ ארײַנגעקליבנ אינ דער דאָזיקער דירע. סעריאָזשע ווייס דײַנ אדרעס. דאָס איז ניט גוט.

סעמיאָנ האָט זיכ באַמיט זי צו באַרויקנ, אופהייזנ איר, אַז זי באַשולדיקט אומזיסט אַ באַווער. אירע האָט זיכ ניט געוואָלט מער שפּאַרנ מיט אים, זעענדיק, אַז סעמיאָנ לײַדט דערפונ. באַ זיכ האָט זי באַשלאָסנ צו זײַנ פאָרזיכטיק.

באַקענענדיק זיכ מיט דער אַרבעט אינ שטאָט, האָט אירע אויסגעדריקט איר ווילנ צו באַזוכנ אייניקע פונ די ראַיאָנענ. סעמיאָנ איז געווענ קעגנ דעם, האָט פּרובירט ווירקנ אָפּ איר, אַז זי זאָל זיכ פונ דעם אָפּזאָגנ. אינ דאָרפ איז איצט זייער געפערלעכ, מע קוקט מיט כשאַד אָפּ יעדנ פרישנ מענטשנ, זי וועט זיכ וואַרפנ גלײַכ אינ די אויגנ אונ וועט זיכער אַרעסטירט ווערנ. דער צענטער וועט זײַנ קעגנ אַזאַ ריזיקע.

אירע האָט זיכ אָבער אַקשאָנעסדיק געהאַלטנ באַ אירס.

— זײַ ניט אַזוי אײַנגעשפּאַרט, — האָט זי זיכ געבעטנ באַ אים, — איכ נעמ איבער די אַרבעט אינ אַ פרישנ קרײַז, איכ בינ נאָכ דאָ קיינמאָל ניט געווענ, מיר וועט פּאַשעט זײַנ שווער אָנצופירנ מיט דער אַרבעט, ניט זײַענדיק פריִער אינ דאָרפ. ס'וועט אויסקומענ די גאַנצע צײַט זיכ צו פאַרלאָזנ אָפּ אַנדערע. דו ווייסט אַלײנ ווי שווער עס איז. כאָטש אָפּ עטלעכע טעג, איכ וועל אָנעמענ אַלע פאָרזיכט־מיטלענ. איכ וויל זענ מיט מײַנע אייגענע אויגנ דאָס דאָרפ, לעבעדיקע מענטשנ.

סעמיאָנ האָט ניט ווילנדיק נאָכגעגעבנ. ער האָט אויסגעקליבנ פאַר איר דעם בעסטנ ראַיאָנ — גאַטאַשעס. אירע איז אָפּגעפאָרנ, אָפּגערייד־דיק מיט סעמיאָנענ, אַז ער בלײַבט נאָכ ביז זי קומט צוריק. זי האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג אינ דאָרפ אונ איז געווענ באַגײַסטערט פונ גאַטאַשענ, פונ די כאָווײַרים. זי האָט געזענ פאַר זיכ דאָס לעבעדיקע דאָרפ, די גרויסנ פונ די פּויערים, זייער שטימונג, די ליכטיקע און שאָטנדיקע זײַטנ. זי האָט גערעדט מיט פיל אומפּאַרטייִשע פּויערים, אויסגעהערט זייערע טײַנעס, זייער אומצופרידנקײַט אונ אָנגעזאַמלטנ צאָרנ. זי האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז זי שטייט אָפּ אַנ אונטערערדישנ ווולקאַנ אונ הערט זיכ צו צו די שטורמישע שטויסנ, וועלכע קומענ פאָר אינ די טיפענישנ. אָט־אָט וועט דער ווולקאַנ אויסברעכנ מיט אַ גוואַלדיקנ קויעכ, עס וועט זיכ אויסשפּרייטנ אַ פײַערדיקע לאַווינע אונ פאַרניכטנ, צעשטערנ אַלע שטערונגענ אָפּ זײַנ וועג.

די פויערים האָבנ געקוקט אפ איר מיט צוטרוי, געמאָנט א טאָג.

— ניטאָ מער קיינ קויכעס צו ווארטנ, — האָבנ זיי געטײַנעט, — גיט איבער דאָרטנ, אַז מיר זײַנענ גרייט, מיר ווארטנ נאָר אפ א באַפעל.

אירע האָט זיכ באַמיט צו באַזײַטיקנ זייער אומגעדולד. זי האָט מוירע געהאַט פאַר א פריצײַטיקנ, ניט-נייטיקנ אויסברוכ. זי האָט פאַרשטאַנענ, אַז די פוילישע מאכט פּראָוואָצירט עקסטרע די פויערים אפ אומבאַרעכנטע שריט, כּדי זיי בלוטיק אונטערצודריקנ און אײַנשטילנ. זי האָט דאָס ארויסגעזאָגט פאַר די פויערים, געראַטנ זיי צו זײַנ פאָרזיכטיק, זיכ ניט לאָזנ פּריצײַטיק פּראָוואָצירנ, ווײַל דאָס וועט נאָר זײַנ אפ דער האַנט דעם סוינע, וועלכער וויל צעגלידערנ די באַוועגונג און אַזוי ארום זי לײַכטער בײַקומענ.

— ווי לאַנג וועט קאָנ מענ ווארטנ? — האָבנ זיי אומגעדולדיק געפרעגט.

— אונדזער קויעכ, — האָט זי געענטפערט — ליגט אינ דער אייניקײַט פונ טאַט פונ שטאָט און דאָרפ, פונ פּראָלעטאַריאַט און פויערטום. נאָר א געמיינזאַמער ארויסטריט קאָנ פאַרזיכערנ און ברענגענ ניצאָכנ. אונדזער אופגאַבע איז אָרגאַניזירנ און צוגרייטנ דעם דאָזיקנ רעוואָלוציאָנערנ ארויסטריט, שאַפנ שטאַרקע קאַדרענ. די פּאַרטיי הייסט ניט זיצנ מיט פאַרלייגטע הענט און ווארטנ. פּאַסיווקײַט איז די גרעסטע געפאַר פאַר דער באַוועגונג. די קאָמפּאַרטיי מאָביליזירט און פירט אָנ מיטנ טאָגטעגלעכנ קאַמפ פונ די מאַסנ. אינ טאָגטעגלעכנ מאַסנ-קאַמפ, אפ דער באַזע פונ אייגנהײַטלעכנ פראָנט ברייטערנ מיר אויס די באַוועגונג און ציענ צו אַלץ מער און מער פרישע קויכעס, שאַפנדיק די נייטיקע באַדינגונגענ פאַרנ ענדגילטיקנ שטורעם. איינצלנע אָפּגעזונדערטע ארויסטרעטונגענ, אָנ א ברייטער אונטערשטיצונג פונ די מאַסנ אינ גאַנצנ לאַנד, איז לעכאַטכילע פאַרורטיילט אפ א דורכפאַל, ס'וועט קאָסטנ בלויז אומזיסט בלוט. מיר מאָביליזירנ איצט די מאַסנ צום טאָגטעגלעכנ קאַמפ אונטער פאָלגנדע לאָזונגענ: קאַמפ קעגנ שטײַערנ! קעגנ ליציטאַציעס! קעגנ דער גוואַלד-קאָמעסאַציע![1] קעגנ ליקווידירנ די סערוויטוטנ! צום קאַמפ קעגנ די מילכאָמע-צוגריי-

1 איבערפאַרטיילונג פונ די ערד-כאַלאָקים אפנ כעזשבנ פונ אָרעם-פויערים.

טונגענ! פאר פארטיידיקנ דעמ ראטנפארבאנד! פאר באפרייענ די פאָליט=ארעסטירטע! פאר דאָס רעכט פונ נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג ביז צומ אָפּטיילנ זיכ!

זי האָט לאנג גערעדט מיט נאטאשענ, זי האָט באוואונדערט דעמ געזונטנ סייכל און פראקטישנ כוש פונ דעמ דאָזיקנ פויערישנ מיידל. זי האָט זי אינסטרוקטירט, איבערגעגעבנ אלצ וואָס ס'איז גייטיק. נאטאשע איז געווענ זשעדנע, ניט מיד געוואָרנ הערנ, געשלונגענ יעדעס וואָרט.

זיי האָבנ זיכ געזעגנט הארציק, ווי צוויי שוועסטער. אירע איז צוריקגעקומענ א פרישע, א באנײַטע, פול מיט דורשט און לוסט צו דער ארבעט, סעמיאָנ האָט זיכ געפרייט, זעענדיק, ווי גוט זי פילט זיכ. ער האָט זיכ געגרייט אָפּצופאָרנ. ער האָט איר איבערגעגעבנ וועגנ די געשעענישנ אינ איוואנס ראיאָנ און איוואנס אָנקומענ אינ שטאָט. סעמיאָנ האָט פאָרגעלייגט באשטימענ איוואנענ אלס דאָרפ־אינסטרוקטער באמ קרייז=קאָמיטעט. ער איז אנ אלטער פּאוער, א גוטער פראקטישער טוער, ער קאָנ אויסגעצייכנט דאָס דאָרפ, אירע האָט אימ געוואָלט זענ. זי האָט מיט אומצופרידנקייט מאסקעט געווענ אפ טרעפנ זיכ מיט סעריאָזשענ אפ דער זיצונג פונ קרייזקאָמיטעט. נאָכ דער דאָזיקער זיצונג דארפ סעמיאָנ טייקעפ אָפּפאָרנ, אפנ זעלבנ טאָג האָט זי אויכ באשטימט צו טרעפנ זיכ מיט איוואנענ.

איוואנ איז געגאנגענ אפנ באשטימטנ טרעפפונקט. ער האָט אָנגענומענ אלע פאָרזיכט=מיטלענ. ווענ ער איז ארופ אפ די טרעפ, האָט ער זיכ פלוצלינג באגעגנט מיט איינעמ, וועלכער האָט זיכ געלאָזט גייג שנעל אראָפּ. ער האָט זיכ אײַנגעקוקט אינ פרעמדנ און אופגעציטערט: „א שפּיאָנ!“ יאָ, דאָס איז דער זעלבער, וועלכנ ער האָט דעמ ערשטנ מײַ געזענ אינ קלויסטער איבערווינקענ זיכ מיט א צווייטנ שפּיאָנ. ער איז געווענ זיכער, אז ס'איז פאָרגעקומענ א דורכפאל, אז די דירע איז פארשאָטנ. אינסטינקטיוו האָט ער זיכ אויסגעדרייט, געוואָלט אוועק צוריק, נאָר דער פרעמדער איז געשטאנענ אונטנ און זיכ אײַנגעקוקט אינ אימ. מיט א שווער און אומרויִק הארצ האָט ער זיכ געלאָזט גייג פאָרויס.

ווענ ער איז ארײַנגעלאָפנ אינ צימער, איז ער געבליבנ א ווײַלע צעמישט, אָנגעקוקט אירענ. נייג, דאָ איז אלצ אינ אָרדענונג, קיינ פּאָ־

ליציי. ער האָט ווי א לונאַטיקער געווישט זיכ די אויגנ, אָבער דאָכ — ער האָט דאָכ אליינ געזענ א שפיאָנ.

— כאַווערטע, מיר זיינענ אַדורכגעפאלנ, דאָס הויז איז באוואַכט פונ שפיאָנענ.

זי האָט דערשטוינט אונ א ביסל דערשראָקנ אימ אָנגעקוקט.

— ס'קאָנ ניט זיינ! אזוי שנעל! דאָס איז א נייע דירע, קיינמאָל ניט געניצט געוואָרנ, עס קאָנ ניט זיינ!

— איכ האָב אָבער אליינ געזענ.

— וואָס האָט איר געזענ?

— אפ די טרעפ האָב איכ זיכ באגעגנט מיט א שפיאָנ א הויכנ, מיט ברוינע האָר, אינ א בלויענ אָנצוג.

אירע האָט פריִער אָפגעאָטעמט.

— איר האָט זיכ טויע געווענ, דאָס איז אונדזער א פאַרטיי=כאַווער.

איוואַנ האָט געשאָקלט מיטנ קאָפ.

— ס'קאָנ ניט זיינ! אויב אזוי, איז ער א פאלשער... כאַווער.

אירע האָט אופמערקזאמ באטראַכט איוואַנענ. איר כשאד קעגנ סעריאָזשענ האָט ווידער אופגעלעבט. פונוואַנענ האָט זיכ בא איוואַנענ גענומענ דער געדאַנק, אז סעריאָזשע איז א שפיאָנ?

אירע האָט געגלייבט איוואַנענ, האָט זי דאָכ אליינ אויכ ניט קיינ צוטרוי צו סעריאָזשענ. אָבער זי האָט ניט געהאַט קיינ קאָנקרעטע באַווייזנ, בלויז אפ אינסטינקטיווע כשאָדימ קאָנ מענ דאָכ ניט בויענ אזא שרעקלעכע, שווערע באשולדיקונג אפ א כאַווער.

— עפשער האָט איר א טאָעס? ער האָט זיכ געקאָנט איבערווינקענ מיט אנ אנדער כאַווער, געבנ אימ א צייכנ וועגנ דער דעמאָנסטראַציע. דאָס איז נאָכ ניט קיינ באַווייז. מע דאַרפ זיינ זייער פאָרזיכטיק אינ וואַרפנ כשאָדימ אפ עמעצנ.

איוואַנ האָט געשוויגנ. ער איז געווענ ניט איבערצייגט. אירע איז גערעכט. ער האָט געקאָנט א טאָעס האָבנ. ער האָט באַשלאָסנ צו זיינ פאָרזיכטיק, צו האָבנ אנ אויג אפ סעריאָזשענ.

זיי האָבנ זאכלעכ געשמועסט וועגנ דער אַרבעט, וואָס שטייט פאַר איוואַנענ. באמ געזעגענענ זיכ האָט ער זי געוואָרנט.

— זייט פאָרזיכטיק, כאַווערטע, פאלט ניט דורכ.

מיט א שווער געמיט איז אירע געגאַנגענ אפ דער לעצטער זעונג

מיט סעמיאָנענ. זי האָט אים געטראָפנ ארומגייענדיק אופגערעגט איבערנ צימער. זי האָט ניט פארשטאנענ זײַנ אומרויִקײַט.

— וואָס איז מיט דיר, סעמיאָנ? — צי ווירקט אַפ אים אזוי אונזער צעשיידנ זיכ, האָט זי א טראכט געטאָנ.

— מיכ באומרויִקט, — האָט ער אופגערעגט געענטפערט — דײַנ זיכערקײַט, ווי אויכ די זיכערקײַט פונ די אנדערע כאווײרימ. די דעפענזיווע רינגלט אונדז אַלצ מער ארומ.

ער האָט איר איבערגעגעבנ, אז ער האָט זיכ נאָרוואָס געזענ מיט שטיינמאנענ, דעמ סעקרעטאר פונ האָלצ-ארבעטער-פאריינ, וועלכער איז ארעסטירט געוואָרנ מיט צוויי טעג צוריק. אונ איז נאָרוואָס באפרײַט געוואָרנ. שטיינמאנענ האָט די דעפענזיווע אָפנ דערקלערט, אז זי ווייסט אַלצ. זי ווייסט, אז אירע איז אינ שטאָט, אז סעמיאָנ קלײַבט זיכ אוועקפאָרנ. מע האָט שטיינמאנענ פאָרגעלייגט ווערנ פראָוואָקאטער. ער האָט זיכ אָפגעזאָגט. מע האָט אים געפּײַניקט. ווי ער גיט איבער, האָט מענ אים געפּײַניקט א גאנצע נאכט. אַפ דער צווייטער נאכט, נאָכנ שלאָגנ האָט מענ אים ווידער פאָרגעלייגט, אז ער זאָל ווערנ א פראָוואָקאטער. ער האָט זיכ ווידער אָפגעזאָגט. דעמאָלט האָט ווישנעווסקי ארויסגענומענ א פאפיר אונ אים געגעבנ איבערצולייענענ. ווי שטיינמאנ גיט איבער האָבנ זיכ אים פונ גרויל די האָר פונ קאָפּ אופגעשטעלט קאפויער. די דעפענזיווע האָט זייער קונציק נאָכגעמאכט זײַנ האנטשריפט — מאמעש ניט צו דערקענענ, אז ניט ער האָט עס געשריבנ.

אינ דעמ דאָזיקנ פאפיר איז געווענ אָנגעשריבנ, אז ער, שטיינמאנ, פארפליכטעט זיכ צו דינענ אינ דער פאָליציי פאר א געהאלט פונ 120 זלאָטעס א כוידעש.

ווישנעווסקי האָט אים דערקלערט, אז אויב ער וועט ניט מאסקעמ זײַנ צו ווערנ א פראָוואָקאטער, וועט ער מאָרגנ פארעפנטלעכנ דעמ דאָזיקנ דאָקומענט, קאָמפּראָמעטירנ אים אינ די אויגנ פונ אַלע ארבעטער. שטיינמאנ האָט זיכ דערשראָקנ אונ באגאנגענ א שרעקלעכנ פעלער. אָנשטאָט צו פּראָטעסטירנ, ניט מאסקעמ זײַנ אונ צו וויסנ געבנ וועגנ דער דאָזיקער געמיינער פּראָוואָקאציע, האָט ער, מוירע האָבנדיק, אז די פארטיי וועט גלייבנ, אז ער איז א פּראָוואָקאטער, טראכטנדיק, אז ער איז שוינ סײַ-ווי קאָמפּראָמעטירט, אָפיציעל געגעבנ זײַנ

האסקאָמע צו דינענ דער פּאָליציי, קעדיי — ווי ער זאָגט, — אונדז צו וואָרענענ. די דעפּענזיווע האָט אים טייקעפּ אָפּגעלאָזט.

ער איז גלייַכ געקומענ צו סעמיאָנענ אונ אַלצ דערציילט. די ערשטע מינוט האָט שטיינמאַנ געמיינט, אַז ער האָט געהאַנדלט ריכטיק. ער האָט דאָכ אַלצ ערלעכ איבערגעגעבנ דער פּאַרטיי. ער האָט קיינעם ניט פאַרשאַטנ. ער האָט נאָר אָפּגענאַרט די דעפּענזיווע. נאָר ווענ סעמיאָנ האָט אים אָנגעוויזנ, אַז ער האָט געהאַנדלט פאַלש, אַז אָביעקטיוו איז זייַנ טאַט א פּראָוואָקאַטאָרישער, אַז דערמיט האָט ער געגעבנ דער דעפּענזיווע א שרעקלעכ געווער, מיט וועלכנ זי וועלנ זיכ מיסטאָמע איצט זייער אָפט באַנוצנ, אַז זיי וועלנ אָנהייבנ אפ אזא אויפנ שאַנטאַזשירנ אויכ אַנדערע באַוויירים, האָט שטיינמאַנ אָנגעהויבנ צו פאַרשטיינ דעם גוואַלדיקנ פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגענ. ער האָט זיכ צעוויינט.

אירע האָט אומרויִק זיכ צוגעהערט צו דער דאָזיקער געשיכטע. די געשיכטע מיט שטיינמאַנענ ווייַזט, אַז די דעפּענזיווע ווערט אַלצ כיטרער. דער דאָזיקער פאַל קאָנ האָבנ זייער שלעכטע רעזולטאַטנ. זי גלייבט ניט, אַז שטיינמאַנ זאָל ניט האָבנ קיינעם ארויסגעגעבנ. די דעפּענזיווע איז ניט אַזוי נאַריש, זי גלייבט ניט אויפנ וואָרט. זי לאָזט ניט אַזוי לייַכט אָפּ. שטיינמאַנ דאַרפ טייקעפּ אויסגעשלאָסנ ווערנ פונ דער פּאַרטיי. א באַוויירימ־געריכט וועט דאַרפנ אויסגעפינענ, צי איז ער א פּראָוואָקאַטער, אָדער ניט.

סעמיאָנ איז מיט איר מאַסקעם געווענ. פונוואַנענ ווייס די דעפּענזיווע, אַז אירע איז אינ שטאָט? שטיינמאַנ האָט זיכער ניט געוווסט דערפונ. ווער איז דער פּראָוואָקאַטער?

אירע האָט אים איבערגעגעבנ וועגנ דער מערקווירדיקער באַגעגעניש צווישנ איוואַנענ אונ סעריאָזשענ אונ איוואַנס כשאַד. ווייַזט זיכ ארויס, אַז ניט נאָר זי אַלײנ האָט ניט קיינ צוטרוי צו סעריאָזשענ. זי האָט ניט באַוויזנ צו ענדיקנ איר געדאַנק. מע האָט פּלוצלינג אָנגעקלאַפּט אינ טיר.

אינ טיר האָבנ זיכ באַוויזנ עטלעכע פּאָליציי־אַגענטנ מיט ווישנעוועסקענ אינ דער שפּיצ. סעמיאָנ איז בלייכ געוואָרנ. ער האָט זיכ אָנגעגעבויגנ צו אירענ אונ שטיל ארויסגעשעפּטשעט.

— דאָס איז סעריאָזשעס אַרבעט, ער איז א פּראָוואָקאַטער.

אירע איז בלאַס געוואָרנ אונ געשווינג. די רעוויזיע איז געווענ א קורצע. זי האָט ניט געגעבנ קיינע רעזולטאַטנ. מע האָט זי געפירט באַזונדער, ניט געגעבנ זיי, פאַרשטייט זיכ, קיינ מעגלעכקייט צונויפריידנ זיכ.

סעמיאָנ האָט זיכ באַוועגט שווער, אים האָט ניט אַזוי באַנק געטאָנ דער אַרעסט גראָד אינעם טאָג פונ זײַנ אָפּפאָרנ, נאָר דער פאַקט, אַז סעריאָזשע איז א פּראָוואָקאַטער, אַז אירע, ניט קענענדיק אים, האָט גלײַכ דערשפּירט, ווער ער איז, פאַרוואָס האָט ער זיכ אַזוי טויע געווענ איינ אים? איצט איז ער זיכער געווענ, אַז סעריאָזשע איז א פּראָוואָקאַטער. אויסער אים האָט קיינער ניט געוווסט וועגנ דעם איצטיקנ צוזאַמענטרעפ מיט אירענ. דער דאָזיקער אויסוווּרפ האָט געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט, כדי צו אַרעסטירנ ביידנ צוזאַמענ. צו וויכנ געבנ דער אָרגאַניזאַציע, דעמאַסקירנ אים, פאַרוואָס איז ער געווענ אַזוי אומפאָרזיכטיק? אירע האָט געהאַט אַזויפיל ענטוזיאַזמ, זי האָט זיכ אַזוי געריסנ צו דער אַרבעט, איצט וועלנ זיי ביידע זײַנ אינ דער טפיסע, אינ דער טפיסע אויכ באַזונדער...

שווער האָט זיכ פאַרשלאָסנ הינטער אים די טיר פונ דער דעפּענזיווע.

דער אָנפאַל אפנ פּאָליציי־פּאָסטנ

דעמ גראַפ ליאַכאָווסקעס גרויסער וואַלד איז מיט אײַלעניש אונ אימפּעט אויסגעהאַקט געוואָרנ. האַלבנאַקעטע מענטשנ, פאַרשוויצטע, מיט אָנגעצויגענע מוסקולנ, האָבנ מיט שאַרפע העק געהאַקט אינ די זאַפטיקע שטאַמענ פונ די ביימער. לאַנגע זעגנ האָבנ געגלאַנצט אפ דער זונ. אַלטע דעמבנ אונ סאָסנעס זײַנענ מיט שווערע קרעכצנ אונטערגעהאַקטע געפאַלנ אפ דער ערד. פויערישע קליאַטשעס האָבנ געשלעפּט די אָפּגעהאַקטע ביימער צומ טײַכ. דער וואַלד האָט געשטורעמט, געבייזערט זיכ אונ איז אַלצ שיטערער געוואָרנ. דעמ גראַפס אויפזעער האָבנ אָנ ראַכמאָנעס אונטערגעיאָגט די פאַרשוויצטע, אויסגעהונגערטע מענטשנ. זיי האָבנ געלאָזנ אינ וואַלד זייערע נאַהאַניקעס, געדראָעט אַרויסצוואַרפנ פונ דער אַרבעט.

מענטשנ זײַנענ פונ שווערער אַרבעט אונ שרעקלעכער היצ גע־

פאלנ אינ כאלאַשעס. מידע, צעבראָכענע האָבנ זיי זיכ אינ די אָוונטנ געשלעפּט אהיים, אינ די דערפער. טייל האָבנ זיכ געוואָרפנ צווישנ די אָפּגעהאַקטע ביימער, אונטערגעלייגט זיכ צו קאָפּנס עטלעכע צווייגנ און אינ אָנטאָנ אזוי איינגעשלאָפנ. דעם גראַפס אופזעער זיינענ געוואָרנ אלצ מער כוצפּעדיק. אָפטמאָל האָט זיכ אינ דער נאכט געהערט אינ וואלד פארצווייפלטע געשרייענ פונ פרויענ. די אופזעער האָבנ פארהאלטנ, קלוימערשט אפ ספּעציעלער ארבעט, די יינגערע, שענערע פרויערטעם און זיי געשענדעט. ווער עס האָט זיכ קעגנגעשטעלט, איז געשלאָגנ געוואָרנ און ארויסגעוואָרפנ געוואָרנ פונ דער ארבעט.

די פארביטערונג באַ די וואלד=ארבעטער איז אלצ מער און מער געוואקסנ. די פארדינסטנ זיינענ געווענ קלאָגעדיקע, גראָשנדיקע. פאר א 12=14=שאָעהנדיקנ ארבעטסטאָג — ביז אינע זלאָטע א טאָג. צו דער ארבעט זיינענ אָנגעקומענ 50 ארבעטלאָזע ארבעטער פונ שטאָט. זיי האָבנ אופגעשטעלט ביידלעכ אינ וואלד און דאָרטנ געלעבט. די ערשטע צייט האָט צווישנ די פויערים און שטאָטישע ארבעטער געהערשט א פרעמדקייט. איינער האָט דעם צווייטנ אויסגעמיטנ. נאָר די געמיינזאמע נויט, שלעכטע באהאנדלונג, הונגער=לוינענ האָבנ שנעל דערנענטערט די דאָזיקע גרופּנ.

פונ דער ערשטער מינוט אָנ האָט נאטאשע געשענקט א באזונדער אופמערקזאמקייט די וואלד=ארבעטער. זי האָט אהינ געשיקט אייניקע פייִקע כאוויירים. אינ די דערפער איז פארשטארקט געוואָרנ די אגיטאציע. ס'איז איר געלונגענ צו בילדנ ארום די איינצלנע קאָמוניסטנ א אומפארטייִשנ אקטיוו. אינ די נעכט זיינענ אָפּגעהאלטנ געוואָרנ געהיימע פארזאמלונגענ. צווישנ די ארבעטער איז פארשפרייט געוואָרנ ליטעראטור. ס'איז אגיטירט געוואָרנ פאר פּראָקלאמירנ א שטרייק.

די שטאָטישע ארבעטלאָזע האָבנ זיכ די ערשטע אָפּגערופנ אפנ רופ פונ דער קאָמפּארטיי. זיי האָבנ גלייכ געשאפנ א גרופּע אגיטאטערס, וועלכע האָבנ צוזאמענ מיט די קאָמוניסטנ יעדע נאכט אגיטירט פאר א שטרייק. עס זיינענ אויסגעארבעט געוואָרנ פאָדערונגענ. ארום די פאָדערונגענ איז אָנגעגאנגענ א לאנגע אופקלערונג=ארבעט. די פויערים, באזונדערס די, וועלכע זיינענ דאָס ערשטע מאָל געווענ אפ וואלד=ארבעט, האָבנ זיכ שווער אָריענטירט אינ די עקאָנאָמישע פאָדערונגענ פונ די ארבעטער. מע האָט געדארפט נעמענ אינ אכט די ספּעציאַלי=

טעט פונ יעדנ אייגעם, די וויכטיקײַט פונ דער ארבעט באַם ארויסרוקנ די אנטשפּרעכנדיקע פאָדערונגענ. זיי זײַנענ היים דיסקוטירט געוואָרנ אינ באַזונדערע גרופּנ. ווענ די שטימונג פונ דער מערהײַט איז געוואָרנ פאַר א שטרײַק, האָט די איניציאַטיוו-גרופּע, אונטער גאַטאַשעס פּערזענלעכער אָנפירונג צונויפגערופנ א פאַרזאַמלונג פונ אַלע ארבעטער.

שפּעט באַנאַכט, שאַבעס איינאָוונט, ווענ די אופזעער האָבנ פאַרלאָזנ דעם וואַלד, האָבנ זיך די ארבעטער פאַרזאַמלט לעבנ די בײַדלעך פונ די ארבעטלאָזע. אייניקע שײַטערהויפנס האָבנ באַלויכטנ דאָס אָרט. א פאָר הונדערט ארבעטער, שטייענדיק אָדער זיצנדיק אפנ גראָז, האָבנ מיט אומגעדולד געוואַרט אפ דער עפענונג פונ דער פאַרזאַמלונג. זיי האָבנ אופגערעגט גערעדט צווישנ זיך. גאַטאַשע האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע אָנגעזעענע פויערים פונ די דערפער.

אינ נאָמענ פונ דער איניציאַטיוו-גרופּע האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג דער אומפּאַרטייִשער ארבעטלאָזער יאַנושעווסקי. ער האָט מיט קורצע ווערטער געשילדערט זייער לאַגע, די אומענטשלעכע באַדינגונגענ און גערופנ צו א שטרײַק. אופגערעגטע, פאַרביטערטע, זײַנענ איינער נאָכנ אנדערנ ארויסגעטראָטנ די ארבעטער. זיי האָבנ זיך סאָלידאַריזירט מיט יאַנושעווסקינ, ס'זײַנענ ארויסגעטראָטנ אייניקע פויערים. אינ נאָמענ פונ דאָרף האָבנ זיי פאַרזיכערט הילף אפ ניט דערלאָזנ צו שטרײַקברעכערײַ.

איינשטימיק זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ די פונ פריִער אויסגעאַרבעטע פאָדערונגענ. עס איז גלײַך אויסגעוויילט געוואָרנ א שטרײַק-קאָמיטעט, וועלכער איז באַפולמעכטיקט געוואָרנ צו פירנ די אונטערהאַנדלונגענ און אָנצופירנ מיטנ שטרײַק.

די פויערים האָבנ געפאָדערט, אז גאַטאַשע זאָל רייִדנ. גאַטאַשע האָט זיך א ביסל געשראָקנ. דאָס ערשטע מאָל קומט איר אויס צו רייִדנ פאַר אזא גרויסנ עולם, זי האָט אָנגעהויבנ ניט זיכער, געשטאַמלט א ביסל. ס'איז געווענ זייער שטיל. די פאַרזאַמלטע האָבנ געקוקט זייער ערנסט. טייל האָבנ גוטמוטיק, כאַוועריש געשמייכלט. דאָס האָט איר צוגעגעבנ מוט. זי איז דרייסטער געוואָרנ.

זי האָט אָנגעהויבנ וועגנ די באַדינגונגענ בא דער ארבעט, געשילדערט די נויט אינ שטאָט און אינ דאָרף. אינ אייניקע געלונגענע שטריכנ האָט זי געגעבנ א בילד פונ גראַף ליאַכאָווסקיס באַציִונג צו די

פויערימ און באַטראַקעס, זי האָט זיכ אַלצ מער דערוואַרעמט. פאַר דער פאַרטיי האָט די היינטיקע פאַרזאַמלונג א גוואַלדיקע באַדייטונג. עס געפינענ זיכ דאָ אַרבעטער פונ שטאָט און פויערימ. ביידע האָבנ היינט דעצידירט אָנצוהייבנ א קאַמפ קעגנ זייער געמיינזאַמענ סוינע — דעמ פּאָרעצ און אונטערנעמער. דאָס איז די פאַרברידערונג פונ שטאָט און דאָרפ, צו וואָס עס שטרעבט און שטרענגט אָנ אַלע אירע קרעפטנ די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

עטלעכע אַרבעטער האָבנ אינ דער שטיל אונטערגעלייגט אינ שייטער לעבנ גאַטאַשעס צווייגנ. דאָס פייער האָט זיכ פרייליכ פאַנאַנדערגעפלאַקערט, באַלויכטנ גאַטאַשענ. זי איז געשטאַנענ, ווי אינ פלאַמענ. איר פיגור — א הויכע, א ברייטפּלייציקע. אירע שוואַרצע, ניט געהאָרכזאַמע האָר, האָבנ זיכ געכוואַליעט אַרומ איר קיילעכיק געזיכט. אירע ברוינע אויגנ זיינענ געווענ ברייט צעעפנט און ליידנשאַפטלעכ געברענט. אירע ענערגישע האַנט-באַוועגונגענ האָבנ זיכ צונויפגעמישט מיט די פייער-פונקענ. זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געפלאַמערט צוזאַמענ מיטנ פייער. זי האָט עלעקטריזירט די צוהערער. די פאַרזאַמלטע האָבנ געקוקט אָפ איר מיט ליבע און אַנטציקונג. זיי זיינענ אָנגעשטעקט געוואָרנ מיט איר ענטוזיאַזמ און קאַמפּגרייטקייט.

זי האָט גערעדט לאַנג, אַליינ ניט באַמערקט ווי זי רייסט מיט אירע צוהערער. די שילדערונג פונ די סאָציאַליסטישע ניצחונעס אינ ראַטנפאַרבאַנד, פונעמ לעבנ אינ סאָוועטנרוסלאַנד איז באַגעגנט געוואָרנ מיט א שטורעמ אַפּלאָדיסמענטנ. פיל צוהערער זיינענ אופגעשפרונגענ פונ זייערע ערטער. עס האָבנ זיכ דערהערט שטורמישע צורופנ.

— צייט דאָ איינצופירנ סאָוועטנ! פאַרוואָס דולדנ מיר אַזוי לאַנג?

— אָננעמענ א רעזאָליוציע וועגנ פאַרטיידיקנ דעמ ראַטנפאַרבאַנד.

די פאַרזאַמלטע האָבנ לויט גאַטאַשעס פאָרשלאָג איינגעשלאָסנ אינ דער רעזאָליוציע דעמ באַשלוס צו פאַרטיידיקנ דעמ ראַטנפאַרבאַנד, קעמפנ פאַר באַפרייענ די פּאָליטישע אַרעסטירטע און שאַפנ א זעלבסט-שוצ.

די פאַרזאַמלונג האָט זיכ שוינ לאַנג געענדיקט. לעבנ פייער איז געזעסנ גאַטאַשע און עטלעכע צענדליק פויערימ און אַרבעטלאָזע. זיי האָבנ איר ניט געלאָזט אַוועקגיינ, באַשאָטנ זי מיט פראַגנ. די מער=

הײַנט פראגנ זײַנענ געווענ וועגנ ראטנפארבאנד, וועגנ די קאָלווירטנ, וועגנ דער ליקווידאציע פונ דער ארבעטלאָזיקײַט, וועגנ דער רויטער ארמײ. מע האָט זיכ נאָכגעפרעגט אפ וואָראָשילאָוונ, אפ בודיאָנענ, באַזונדערס האָבנ זײ זיכ אינטערעסירט מיט סטאַלינענ.

איינער אַנ ארבעטער האָט שטיל וועגנ אימ געזאָגט:

— דאָס איז אַנ עמעסער פירער. ער וועט ניט אָפּנארנ, פארפירנ. ער פירט די רוסישע ארבעטער פונ איינ ניצאָכנ צומ צווייטנ. זײ זײַנענ גליקלעכ, זײ האָבנ געהאט לענינענ, זײ האָבנ סטאַלינענ.

אַ צווייטער ארבעטער האָט אימ דערווידערט:

— לענינ אונ סטאַלינ זײַנענ פירער פונעמ אינטערנאציאָנאלנ פראָלעטאריאט. זײ זײַנענ ניט בלויז פירער פונ רוסישנ ארבעטער. זײ זײַנענ אויכ אונדזערע פירער.

נאַטאַשע האָט פארגעסנ אָנ איר מידקײַט. זי האָט זיכ באמיט צו ענטפערנ אפ אלע פראגנ, אלײנ געשטעלט פראגנ. עס האָט שוינ אָנגעהויבנ צו טאָגנ, ווענ די פארזאמלטע זײַנענ זיכ ניט ווילנדיק צעגאנגענ.

דער שטרײַק איז אויסגעבראָכנ אפנ צווייטנ טאָג. דער עלטסטער אופזעער האָט מיט קאַמ צעריסנ די פאָדערונגענ, זיכ אָפּגעזאָגט אפּילע צו אונטערהאנדלענ, געדראָעט צו ארעסטירנ די דעלעגאטנ פאר דער דאָזיקער כוצפע. די באוועגונג אינ וואלד איז אָפּגעשטאָרבנ. עס זײַנענ פארשווונדנ די פויערישע קליאטשעס. די העק אונ זעגנ זײַנענ געלעגנ אינ די כאטעס. דער גראפ האָט ארויסגעטריבנ די ארבעטלאָזע פונ די בײַדלעכ. די פויערימ האָבנ זײ אפ דער צײַט פונ שטרײַק גענומענ צו זיכ אינ די דערפער. פיקעטנ האָבנ געהיט די וועגנ, וואָס פירנ צומ וואלד. עס זײַנענ ניט געווענ קיינ שטרײַקברעכער. אגיטירט דורכ דער פארטיי, האָבנ די פויערימ פונ די אנדערע ראיאָנענ ארויסגעטריבנ ליאכאָווסקעס אגענטנ, וועלכע זײַנענ געקומענ אהינ ווערבירנ שטרײַקברעכער. דער שטרײַק האָט זיכ שוינ געצויגנ דרײַ וואָכנ. יעדנ טאָג זײַנענ פאָרגעקומענ מאסנ=ארעסטנ. יאנושעווסקי אונ נאָכ איינקע מיטגלידער פונ שטרײַק=קאָמיטעט זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ.

נאַטאַשע האָט זיכ די גאנצע צײַט געפונענ צווישנ די שטרײַקנדיקע. אײַנגעאָרדנט פארזאמלונגענ, שמועסנ. די פאָליציי האָט זי ענערגיש געזוכט. זי האָט זיכ אויסבאהאלטנ אינ די דערפער. ליאכאָוו=

סקי זעענדיק די אקשאָנעסדיקע איַינגעשפּאַרטקייט פונ די שטריַיקנדיקע, זייענדיק פאַרבונדנ מיט א קאָנטראַקט — צושטעלנ דעמ פאַרקויפטנ געהילצ ביז אָנהייב ווינטער, איז ענדלעכ איַינגעגאַנגענ אפ אונטערהאַנדלונגענ. ער איז געצווונגענ געווענ איַינצוגיינ אפ דער מערהייט פאָדערונגענ. דער שטריַיק איז געווונענ געוואָרנ.

★

גאַטאַשע איז אַרעסטירט געוואָרנ באַנאַכט אפ איר קאָנספּיראַטיווער וווינונג. מע האָט זי אָפּגעפירט אפנ נאָענטנ פאָליציי=פּאָסטנ. די דעפּענזיווע האָט זיכ איזדיעקעוועט איבער איר. מע האָט זי שוידערלעכ געפּייניקט. שפּעטער נעכט האָט זי געזאַמלט אירע קרעפטנ, געשוויגנ. זי האָט געשוויגנ, ווענ מע האָט זי געשלאָגנ מיט א רימענ איבער די נאַקעטע פּיאַטעס, ווענ מע האָט איר געגאָסנ וואַסער מיט אורינ אינ דער נאָז, ווענ מע האָט איר געריסנ אונ אופגעהאַנגענ אפ די האָר פונ איר קאָפּ. נאָר איינמאָל, ווענ די פאָליציי=אַגענטנ, פּייַניקנדיק זי, האָבנ זיכ מיט איר געדרייצט אונ אייַנער האָט צו איר אויסגעשריענ:

— וואַרט, איַנקורצנ וועלנ מיר זיכ נעמענ צומ ראַטנפאַרבאַנד, מיר וועלנ פאַרניכטנ די באָלשעוויסטישע נעסט! —

האָט זי ניט אויסגעהאַלטנ אונ אָפּגעענטפערט:

— איר וועט צעברעכנ די קעפּ אָנ דער שטאָלענער וואַנט פונ דער רויטער אַרמיי. זיי וועלנ איַיכ פאַרניכטנ, ווי מע פאַרניכטעט שמוציקע מייַז.

אפ דער פערטער נאַכט, שוינ פונ פריער א צעווייטעקטע, איַנגאַנצנ א צעבראָכענע, האָט מענ איר געבונדנ הענט אונ פיס, אַריַינגעשטעקט צווישנ די הענט אונ פיס א גראָבנ שטיק האָלצ, צונויפגעקאָרטשעט אַזוי אַרומ איר קערפּער, אופגעהאַנגענ זי אפ א קלאָצ אונ אָנגעהויבנ שלאָגנ מיט די באַיאָנעטנ איבער דער פּלייצע. א מוירעדיקנ ווייטעק האָט זי פּלוצלינג דערשפּירט. א ביינ אינ דער זייט האָט מענ איר צעבראָכנ. זי האָט מער ניט אויסגעהאַלטנ, זי האָט זיכ מוירעדיק צעשריִענ, ווילד, אָפּגעהאַקט. די קלעפּ האָבנ ניט אופגעהערט. דאָס געשריי איז געוואָרנ אַלצ מוירעדיקער, אוימעדיקער.

דאָס נאָענטע דאָרף האָט זיכ אופגעכאַפּט פונ דעמ דאָזיקנ איי=

מעדיקנ געשריי פונ א פרוי. „מע שלאָגט נאטאשענ”. פענצטער האָבנ
זיכ אופגעריסנ, פונ די פארמאכטע פענצטער פונ פאָליציי=פאָסטנ האָט
זיכ געטראָגנ דער ווייטעקדיקער געשריי פונ א געפײַניקטנ מענטשנ.
בא פרויענ האָבנ זיכ געשטעלט טרערנ אינ די אויגנ. די אלטע פויע-
רימ זײַנענ געפאלנ אפ די קני, געציילעמט זיכ.

געראסימ אינ בלויזער העמד אונ הויזנ האָט א ווילדער זיכ גע=
טראָגנ איבערנ דאָרפ. ער האָט געפיבערט, היסטעריש געשריִענ:

— פויערימ, וואָס שווײַגט איר! צי וועט איר לאָזנ זי דערהאר=
גענענ? צי איז אײַכ ניט א שאָד די כאווערטע נאטאשע? פארניכטנ
דעמ דאָזיקנ שרעקלעכנ גענעמ! לאָמיר זי באפרײַענ, א סאָפ מאכנ
מיט די דאָזיקע טאליאָנימ!

זײַנ היסטערישער רופ האָט עלעקטריזירט, מיטגעריסנ די פויע=
רימ.

— באפרײַענ נאטאשענ! א טויט דער פאָליציי!

אינ דער נאכט=פינצטערניש האָט זיכ אינ דאָרפ געטראָגנ א לײַדנ=
שאפטלעכער רופ. פויערימ האָבנ זיכ אײַליק באוואָפנט. סעראפימ האָט
שנעל פאנאנדערגעשיקט רײַטער, אליארמירט די פויערימ פונ די ארו=
מיקע דערפער. פונ אלע זײַטנ האָבנ אָנגעהויבנ אָנצוקומענ מענטשנ.

ווענ געראסימ אינ דער באגלייטונג פונ עטלעכע הונדערט פויע=
רימ האָט זיכ דערנענטערט צומ פאָליציי=פאָסטנ, וואָס איז געשטא=
נענ אינ עק, אָפגעזונדערט פונ דאָרפ, איז דאָרטנ געווענ שטיל. נא=
טאשע איז געלעגנ אינ אָנמאכט.

דער אָנפאל פונ די פויערימ איז געווענ אנ אומגעריכטער, א פלוצ=
לינגדיקער. אפנ פאָליציי=פאָסטנ האָט מענ זיכ געכאפט ערשט, ווענ
געראסימ מיט עטלעכע צענדליק פויערימ זײַנענ געשטאנענ הארט
פארנ טויער. דרײַ פאָליציאנטנ זײַנענ ארויסגעלאָפנ אנטקעגנ. זיי זײַ=
נענ אינ איינ אויגנבליק צעטראָטנ געוואָרנ פונ דער מאסע, קורצע אָפ־
געהאקטע געשרייענ. די פויערימ האָבנ זיכ געריסנ צומ טויער. נאָר די
פאָליציי האָט שוינ באוויזנ צו פארמאכנ דעמ טויער אונ ענטפערנ מיט
א שיסערײַ. די פויערימ האָבנ ארומגערינגלט דאָס הויז, צוריקגעשאָסנ
פונ עטלעכע ביקסנ. פונ די ארומיקע דערפער זײַנענ געקומענ צו לויפנ
פויערימ, באוואָפנטע מיט דרענגער אונ העק.

— גיט ארויס נאטאשענ!

פונ יענער זייט טויער האט מענ געשווינג, געשאסנ בלויז אינ דער נאכט־פינצטערניש. די פויערימ האבנ פארניכטעט אלע פאליציישע געביידעס ארומ דעמ הויז, ווו עס האט זיכ פארבאריקאדירט די פאליציי. די מענטשנ־קייט ארומ דער פאליציי איז אלצ ענגער געווארנ.

פונ דאכ פונ פאליציי־פאסטנ האט אנגעהויבנ אראפצושיסנ א קוילנווארפער. געראסימ האט פארשטאנענ, אז אנ אפענע אטאקע וועט קאסטנ צופיל קארבאנעס. ער האט צוגערופנ עטלעכע פויערימ אונ שטילערהייט זיי אפגעגעבנ באפעלנ. אייניקע פויערימ האבנ זיכ געווארפנ צו דער נאענטער סטאדאלע אונ אנגעהויבנ פאנאנדערנעמענ פונ דארט: דאס היי, צעווארפנ עס ארומ הויז. אינ אייניקע מינוט ארומ זיינענ שוינ גרויסע קופעס היי געלעגנ אנגעווארפנ ארומ פאליציי־פאסטנ. אינ דער דראענדיקער נאכט־פינצטערניש האט א בליצ געטאנ א קליינ פייערל אונ א פאל געטאנ אפ דער קופע היי.

דאס פייער האט זיכ שנעל צעוואקסנ, ארומגעכאפט די גאנצע געביידע. די שיסעריי האט אופגעהערט. דאס פייער האט באלויכטנ די גאנצע געגנט, די הונדערטער צעווארפענע פויערימ, באוואפנטע מיט דרענגער אונ העק. א ניצאכנדיקער געשריי האט זיכ ארויסגעריסנ באמ האמוינ.

— אטאקירנ דאס הויז!

די פויערימ האבנ זיכ געווארפנ אפנ פאליציי־פאסטנ.

פלוצלינג האט זיכ מיט אימפעט געעפנט דער טויער, אפגעשטויסנ די אטאקירנדיקע. א קורצע שנעלע שיסעריי, אונ דריי רייטער האבנ זיכ אריינגעריסנ אינ האמוינ. פונ אומגעריכטקייט זיינענ די פויערימ א ביסל צוריקגעטראטנ. דאס האבנ אויסגעניצט די רייטער־פאליציאנטנ. גלייכ נאכ זיי האט זיכ באוויזנ א געשפאנטע אינ צוויי פערד ברישקע. אפ איר איז געלעגנ א געבונדענע נאטאשע. דער קאמענדאנט איז געשטאנענ באמ קוילנווארפער, געשאסנ אינ האמוינ.

דאס אלצ איז פארגעקומענ אזוי אומגעריכט, אז איידער די פויערימ האבנ באוויזנ צו קומענ צו זיכ, זיינענ די רייטער אונ די ברישקע געווענ אויסער געפאר. זיי האבנ זיכ געטראגנ אינ ווילדנ גאלאפ צו דער שטאט. אפ דער ערד לעבנ די דריי געהארגעטע פאליציאנטנ זיינענ געלעגנ עטלעכע דערהארגעטע אונ פארווונדעטע פויערימ.

געראסימ האט פונ קאס אונ ווייטעק געריסנ זיכ די האר. זיי הא=

בנ אוועקגעפירט נאטאשענ, ניט געלונגענ זי צו באפרייענ. דער פאָליציי-פאָסטנ האָט געברענט פונ אלע זייטנ. אינ פייער איז אומגעקומענ גארקע אונ נאָכ צוויי פאָליציאנטנ. די איבעריקע פאָליציאנטנ האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ אונ זיינענ אפנ אָרט געטויט געוואָרנ.

עס האָט שוינ געטאָגט, ווענ די פויערימ, ערנסטע אונ פינצטערע, האָבנ שטיל פארלאָזנ די טליענדיקע האָלעוועשקעס פונ פאָליציי-פאָסטנ. ארומ האָבנ זיכ געוואלגערט טויטע. די פויערימ זיינענ זיכ שנעל צעגאנגענ אינ זייערע הייזער, מיטנעמענדיק מיט זיכ די פארווונדעטע.

דער שטאנד-געריכט

דער באוואָפנטער איבערפאל אפנ פאָליציי-פאָסטנ האָט אויפגערודערט די מאכט. מע האָט באשלאָסנ אָנצונעמענ די סאמע גרויזאמסטע מיטלענ, אָנלערנענ די פויערימ, זיי זאָלנ ניט וואגנ נאָכאמאָל אָנצופאלנ אפ א רעגירונג-געביידע. אפ דער צווייטער נאכט איז אראָפגעקומענ אינ די דערפער א שטראָפ-עקספעדיציע.

די פאָליציאנטנ האָבנ זיכ געוואָרפנ ווילד אונ בעסטיאל אפ די פויערימ. מע האָט זיכ ארייַנגעריסנ אינ די הייזער, געשלאָגנ יונג אונ אלט, איזדיעקעוועט זיכ איבער מענער אונ פרויענ, פארניכטעט דאָס פויערישע גוטס. דריי טעג איז אָנגעגאנגענ די ווילדע אָרגיע. ניט געווענ קיינ כאטע, ווו עס זאָל ניט ליגנ עמעצער א צעקאליעטשעטער, א צעמיימעסטער פונ דער פאָליציי.

פונ דאָרפ צו דאָרפ האָבנ זיכ געטראָגנ די מוירעדיקע געשרייענ פונ די געפייניקטע. די נעכט זיינענ געווענ אָנגעפילט מיט אייִמע אונ פאכעד. פיל פויערימ האָבנ זיכ באהאלטנ אינ די וועלדער. נאָכ דריי טעג ווילדעווענ איז די שטראָפ-עקספעדיציע צוריקגעפארנ אינ שטאָט, מיטנעמענדיק מיט זיכ 21 ארעסטירטע פויערימ, אפ וועמענ די פאָליציי-שפיאָנענ האָבנ אָנגעוויזנ, אז זיי זיינענ געווענ די אָנפירער פונ איבערפאל. גערא סימענ איז געלונגענ צו אנטלויפנ.

אינ דער דעפענזיווע האָט מענ די ארעסטירטע מוירעדיק געפייניקט, געצווונגענ זיי אונטערצושרייבנ פאלשע פראָטאָקאָלנ. אייניקע האָבנ ניט אויסגעהאלטנ אונ זיכ אליינ פארשאָטנ, ארויסגעבנדיק אנדערע.

נאָר ניט געקוקט אפ אַלע באַמיִונגענ פונ דער דעפענזיווע, איז איר ניט געלונגענ ארויסצובאַקומענ פונ די ארעסטירטע דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט.

די דעפענזיווע האָט גלײַכ פונ אָנהייב געוואָלט צוגעבנ די געשעע־נישנ דעם כאַראַקטער פונ א באַוואָפנטנ אופשטאַנד, אָרגאַניזירט פונ דער קאָמפּאַרטיי. נאָר אַלע ארעסטירטע האָבנ דאָס קאַטעגאָריש גע־לייקנט אונ דערקלערט, אז די פּאַרטיי האָט ניט גערופנ צו קיינ באַ־וואָפנטנ אופשטאַנד, אז דאָס איז געווענ א סטיכישער אופברויז. די דעפענזיווע איז געווענ אומצופרידנ. פאַר יעדנ פּרײַז מוז מענ דאָס פאַרשרײַבנ אפנ כעזשבנ פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דערצו מוז מענ צוטשעפּענ צום פּראָצעס א באַוווסטנ קאָמוניסט. נאָר וועמענ? פונ סעריאָזשענ האָט ווישנעווסקי זיכ דערוווסט, אז אירע איז פאַר איר ארעסט געווענ אינ דער דאָזיקער געגנט, איר דאַרפ מענ עס באַשול־דיקנ, אז זי האָט צוגעגרייט א קאָמוניסטישנ אופשטאַנד.

אירע איז צוריק געפירט געוואָרנ פונ דער טפיסע אינ דער דעפענ־זיווע, אפ א נײַער אויספאָרשונג. די טעג, וואָס אירע האָט פאַרבראַכט אינ דער פּאָליציי, זײַנענ געווענ טעג פונ ווילדנ קאָשמאַר אונ גרויל.

זי איז שאָענוויַז געהאַנגענ מיטנ קאָפּ אראָפּ, מע האָט איר געגאָסנ אינ די נאָזלעכער פלעשער מיט עסיק. זי האָט זיכ געהאַלטנ שטאַרק, געשוויגנ. נאָר זי האָט געפילט, אז די קויכעס פאַרלאָזנ איר, אז לאַנג וועט זי פּאָשעט ניט אויסהאַלטנ. עס האָט איר געמאַטערט דער גע־דאַנק, אז זי וועט ניט קאָנענ ביזנ סאָפ אויסבאַהאַלטנ פונ אירע פּײַ־ניקער די פיזישע שוואַכקײַט אירע.

זי האָט געפּרוווט צוויי מאָל אַנטלויפנ פונ דער דעפענזיווע.

ווענ מע האָט זי געפירט פונ עקזעקוציע־צימער צוריק צו דער אויספאָרשונג, האָט זי זיכ ארויסגעריסנ אפ דער גאַס אונ געלאָזט זיכ לויפנ. זי האָט געוווסט, אז דאָס איז אַנ אומזינ, אז אַנטלויפנ איז אוממעגלעכ, נאָר זי האָט עס געטאָנ בעקיווונ. זי האָט געהאָפט, אז די אַנטקעגנ וועלנ זי נאָכשיסנ. נאָר זיי האָבנ ניט געשאָסנ. זי איז זיי ניי־טיק געווענ א לעבעדיקע. זיי האָבנ זי געכאַפּט, ווידער געפּײַניקט. זי האָט ווידער געפּרוווט לויפנ, אָבער זיי האָבנ ווידער ניט געשאָסנ.

זי האָט געוווסט, אז זי באַגייט א פעלער, אז דאָס איז פּאָשעט א פּרווו צו באַגיינ זעלבסטמאָרד, אָבער איר פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד

איז דעמאָלט געווען אַזאַ, אַז זי האָט פֿאַרלאַנגט איינס: רו, מער ניט געפּײַניקט ווערן, ס'זאָל נעמען אַ סאָף. זי האָט געוואָלט שטאַרבן. עס איז געווען שרעקלעך, ס'איז אוממעגלעך איבערצוטראָגן די אַלע יעסורים, וואָס זיי האָבן איר אָנגעטאָן.

שטאַרבן האָט מען איר ניט געלאָזט. אָבער אַפֿילו די דאָזיקע איבערמענטשלעכע יעסורים האָבן איר צונג ניט צעבונדן. די דעפֿענזיווע האָט גאָרניט דערגרייכט. מע האָט זי אַוועקגעלייגט אין שפּיטאָל, אַהין האָט מען איר אין קורצן געבראַכט אַ מעלדונג, אַז זי ווערט געשטעלט פֿאַר אַ שטאַנד-געריכט צוזאַמען מיט די אַרעסטירטע פּויערים.

אירע האָט פֿאַרשטאַנען — דאָס גרייט די פּוילישע יוסטיץ אַ קלאַסנגעריכט איבער דער קאָמפּאַרטיי. זי האָט צוזאַמענגענומען איר גאַנצן ווילנסקראַפֿט און איז געבליבן רויִק: זי וועט ניט באַפֿלעקן די קאָמוניסטישע פֿאָן.

דאָס געריכט איז פֿאָרגעקומען זייער שנעל. די געריכט-געבײַדע איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטאַרקע פּאָליציי-אָפּטיילונגען. ווען זי איז אַרײַן אין געריכטזאַל, האָט זי דערזען די פֿרעמדע געסט, — קאָרעספּאָנדענטן פֿון אויסלענדישע און פּוילישע צײַטונגען. אין זאַל האָט געהערשט אַן ערנסטע פֿײַערלעכקײַט, ווי בײַ אַ פּרעמיערע אין גרויסן טעאַטער. זי האָט אַ שמייכל געטאָן. די פֿאַשיסטישע יוסטיץ גרייט צו אַ פֿײַערלעכע פֿאָרשטעלונג. זײַן רויִק. אויסהאַלטן. צעשטערן די האָזיקע שענדלעכע קאָמעדיע. זי האָט צוזאַמענגענומען איר גאַנצע ענערגיע. מע האָט זי אַוועקגעזעצט אויבנאָן, פֿאָרויס פֿון אַלע באַשולדיקטע. איין שטאָטיש מיידל, אַ ייִדישע, צווישן 21 פּויערים. זי דאַרף עס סימוואָליזירן די קאָמפּאַרטיי, וואָס רופֿט די פּויערים צו באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד. אַזוי ווילן די פֿאַשיסטישע רעזשיסאָרן. ס'איז אַ קויכעס-פֿאַרמעסט. יאָ, זי איז גרייט.

נאָך איידער דאָס געריכט האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי געוווּנען די סימפּאַטיע בײַ אַ טייל פּובליקום אין זאַל. אירע גליִענדע גרינע אויגן, איר לענגלעך געזיכט, אַף וועלכן ס'זײַנען נאָך געווען שטאַרקע סימאָנים פֿון קלעפּ, איר גאַנצע פֿיגור, אַ ביסל אָנגעבויגן אָן אַ זײַט, האָט געאָטעמט מיט דעצידירטקײַט און ווילן. די אַדוואָקאַטן האָבן פֿרײַנטלעך געשמייכלט צו איר.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס. אירע, אַלס די הויפּט-באַ-

שולדיקטע, איז אויסגעפרעגט געוואָרנ די ערשטע. צוערשט פאָרמאַליטעטנ, נאָמענ, פאַמיליע, רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט, ווו געבוירנ. זי האָט געענטפערט קורצ.

— רעליגיעלאָז.

— אײַער נאָמענ, וואָס איר גיט אָנ, איז א פאַלשער.

— דאָס איז מײַנ ריכטיקער נאָמענ.

— אָבער אײַער פּאַס איז א פאַלשער, אינ ערגעצ ניט ארויסגעגעבנ.

— דער פּאַס איז טאַקע א פאַלשער, נאָר דאָס איז מײַנ ריכטיקע פאַמיליע.

— איר ווילט, הייסט עס, ניט זאָגנ, אײַער ריכטיקנ נאָמענ?

א שטילשווייגנ.

— צי געהערט איר צו דער קאָמפּאַרטיי?

— יאָ, — האָט זיכ געהערט איר רויִקע, זיכערע שטימ.

דער פּראָקוראָר אונ פאָרזיצער האָבנ אופגעלעבט.

— איר זײַט א מיטגליד פונ צענטראַל-קאָמיטעט פונ דער קאָמפּאַרטיי?

— אָ, ניינ, איכ האָב ניט דעמ דאָזיקנ גרויסנ קאָווּעד. דאָרטנ זיצנ מענטשנ פייִקערע פאַר מיר.

— אײַכ איז, נאַטירלעכ, באַוווּסט, אז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַרבאָטנ.

— יאָ.

— אז פאַר געהערנ צו דער קאָמפּאַרטיי ווערט מענ באַשטראָפט לויטנ געזעצ.

— איכ אָנערקענ ניט דעמ דאָזיקנ געזעצ, געשאַפנ פונ די סאָנימ פונ ארבעטער-קלאַס.

— וואָס איז געווענ אײַער טעטיקײַט אינ דער קאָמפּאַרטיי?

— איכ זאָג זיכ אָפּ צו געבנ ענטפערס ווענג אינערלעכע פּאַרטיי-איניאָנימ.

— צי זײַט איר געווענ מיט עטלעכע וואָכנ צוריק אינ ג-ער-א-יאָנ?

— יאָ.

— וואָס האָט איר דאָרטנ געטאָנ?

— אינ פּאַרטיי-שליכעס.

— צי האָט איר געגעבן דירעקטיוון די פויערים איבערצוגיין צו א באוואָפנטן אופשטאנד?

איך זאל ווערט פלוצלינג זייער שטיל. די קאָרעספאָנדענטן, אָנגעשטרענגט, האלטן גרייט זייערע פעדערס, גרייט שנעל צו פארנאָטירן איר יעדעס וואָרט.

— ניין, — איר שטים קלינגט קלאָר און שטארק. — ניין. איך האָב ניט געקאָנט געבן אזא דירעקטיוו. דאָס וואָלט געהייסן גיין קעגן דער פארטיי־ליניע. די פארטיי איז קעגן רופן אין איצטיקן מאָמענט צו א באוואָפנטן אופשטאנד.

עס הייבט זיך אוף דער פראָקוראָר.

— די באשולדיקטע זאָגט ניט דעם עמעס. אין דער קאָמוניסטישער פראָגראם שטייט בפירעש געשריבן, אז די קאָמוניסטן זיינען פאר א באוואָפנטן אופשטאנד.

דער פראָקוראָר קוקט טריומפירנדיק איבערן זאל. אירע קוקט אים אָן רויק, מיט פאראכטונג.

— איך וואָלט געראטן דעם הער פראָקוראָר בעסער צו לייענען, וואָס עס שטייט געשריבן אין אונדזער פראָגראם. דער פראָקוראָר האָט ניט פארשטאנען, וואָס ער האָט געלייענט. — דער פראָקוראָר ווערט רויט פאר רציחה. — ס'איז עמעס, אז די קאָמפארטיי אנערקענט דעם באוואָפנטן אופשטאנד, אלס א מיטל אראָפצווארפן די מאכט פון דער בורזשואזיע און איינצופירן די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט, ראטנמאכט, די ארבעטער־פויערים־רעגירונג, די פראָלעטארישע דעמאָקראטיע. נאָר אין דער פראָגראם שטייט בפירעש געשריבן, וואָס דער הער פראָקוראָר האָט אין זיין ברען און אייפער פארגעסן, ווען די קאָמפארטיי רופט צו א באוואָפנטן אופשטאנד. דערצו איז נייטיק א רעוואָלוציאָנערע סיטואציע, ווען די ארבעטער און פויערים אין לאנד ווילן מער ניט לעבן אפן אלטן שטייגער און זיינען גרייט צו קעמפן, צו שטורמען דעם קאפיטאליזם, ווען דאָס קליינבירגערטום ווערט רעוואָלוציאָניזירט, ווען דער בורזשואזער מעלוכע־אפאראט הייבט זיך אָן פאנאנדערצולייגן. אזוי האָט אונדז געלערנט לענין, דער געניאלער סטראטעג און טאקטיקער פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע. אין דער קאָמוניסטישער פראָגראם שטייט ניט, אז מיר רופן צו א באוואָפנטן אופשטאנד אין אייך דאָרף,

אינ איינ ראיאָנ. דאָס איז קעגנ די אינטערעסנ פונ דער רעוואָליוציאָנע־רער באַוועגונג, דאָס וואָלט נאָר געווענ אינ די אינטערעסנ פונ די הערנ פּראָקוראָרנ אונ דער רעגירונג. אינ איצטיקנ מאָמענט איז נאָכ ניטאָ קיינ רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע אינ פּוילנ, זי האַלט איצט באַם רייפ ווערנ. די פּאַרטיי וואָרנט איצט די מאַסנ קעגנ פריצייטיקע אַרויסטרעטונגענ, הער פּראָקוראָר.

דער פּראָקוראָר איז אומצופרידנ, וואָס מע לאָזט זי אַזוי לאַנג ריידנ. דער פּאָרזיצער איז אויפגערעגט: אירע רייד שעדיקנ דעם גלאַטנ גאַנג פונ פּראָצעס.

די אַדוואָקאַטנ שמייכלענ.

— מיר האָבנ אָבער יעדנעס, אַז איר האָט יאָ גערופנ צו אַ באַ־וואָפנטנ אויפשטאַנד.

— דאָס זיינענ נידערטרעכטיקע ליגנס! — שרייט זי אויס אַנ אויפ־גערעגטע, — דאָס זיינענ געמיינע דעפענזיווע־אינסינואַציעס!

דער פּאָרזיצער קלינגט נאָכ מער אויפגערעגט:

— איכ וועל ניט דערלויבנ אַזעלכע באַליידיקנדיקע אויסדרוקנ אַפּ די רעגירונג־באַאַמטע.

— קוקט אָפ מיינ געזיכט, — אירע שפּרייט אויס אירע הענט צומ זאַל, — אָפ מיינ געזיכט זעענ זיכ נאָכ סימאָנימ פונ שרעקלעכע פּייני־קונגענ אינ דער טפיסע. מע האָט מיכ געבראַכט אינ געריכט־זאַל פונ שפּיטאָל. די דאָזיקע מאַליאָנימ האָבנ מיכ געוואָלט צווינגענ דורכ פּיי־ניקונגענ אונטערצושרייבנ אַ פאַלשנ פּראָטאָקאָל. — אירע אויגנ ברע־נענ פונ צאָרנ, איר גאַנצע פיגור, אַנ אָנגעשטרענגטע, ציטערט פונ אויפרעגונג.

אינ זאַל איז אַ שרעקלעכער טומל. דער פּאָרזיצער פאַרלירט דעמ גלייכגעוויכט. ער האַלט אינ איינ קלינגענ.

— אויב איר וועט נאָכ זאָגנ איינ וואָרט קעגנ דער פּאָליציי, נעמ איכ בא אייכ צו דאָס וואָרט.

עס הייבט זיכ אויפ אַנ אַדוואָקאַט. ער וויל שטעלנ אַ פראַגע דער באַשולדיקטער. דער פּאָרזיצער דערלויבט.

— וואָס איז די טאַקטיק פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי היינט צו טאָג?

— אָרגאַניזירנ די מאַסנ פאַר זייערע לעבנס־פאָדערונגענ אָפּ דער

באזע פֿונ אײנהײטלעכנ פֿראָנט, אָנפֿירנ מיט זײער קאַמפֿ פֿאַר זײערע טאָגטעגלעכע נויטנ, שאַפֿנ א ברײטע מאסנ-באַװעגונג, ברעכנ די צאמענ פֿונ פֿאשיסטישנ טעראָר, קעמפֿנ פֿאַר לעגאַליטעט, ארויספֿירנ די באַװעגונג אַפֿנ שליאַכ פֿונ מאסנ-ארבעט. קאַמפֿ קעגנ פֿאשיזם אונ מילבאַמע-געפֿאַר, קאַמפֿ פֿאַר דער נאציאָנאַלער באַפֿרײַונג פֿונ די אונטערדריקטע פֿעלקער, — איר שטימ איז רויִק אונ זיכער.

— צי אָנערקענט די קאָמפּארטײ אינדיװידועלנ טעראָר? — פֿרעגט דער אדװאָקאט.

— נײנ. די קאָמוניסטנ האָבנ שטענדיק באַקעמפֿט אינדיװידועלנ טעראָר, װײל ער שטערט דעמ מאסנ-קאַמפֿ. מיר זײַנענ ניט קײנ סעקטע פֿארשװערער, מיר זײַנענ א מאסנ-פּארטײ.

דער אדװאָקאט פֿרעגט װידער.

— װער, לויט אײַער מײנונג, האָט אָרגאניזירט דעמ איבערפֿאַל אפֿנ פּאָליצײ-פּאָסטנ?

— נאָכ מײַנ מײנונג, האָט דעמ דאָזיקנ איבערפֿאַל אָרגאניזירט די פּראָװאָקאציע פֿונ דער פּאָליצײ, דאָס איזדיעקעװענ זיכ איבער דער באַפֿעלקערונג, די שטײַערנ-עקזעקוציעס, דאָס אומענטשלעכע פּײַניקנ די ארעסטירטע. דאָס איז געװענ א ספּיכישער אויסברוכ פֿונ פֿארצװײפֿלונג אונ נויט קעגנ דער פֿארהאסטער פּאָליצײ, די פּאָליצײ האָט אױמישנע פּראָװאָצירט די פּויערים צו ארויסטרעטנ, קעדײ צו קאָנענ אָרגאַניזירנ א בלוטבאָד אונ אײַנאָרדענענ הײַנט דעמ דאָזיקנ אומבאַגרינדעטנ שטאנד-געריכט.

דער פּאָרזיצער נעמט בא איר צו דאָס װאָרט, פֿאַר באַלײדיקנ דאָס געריכט. אירע זעצט זיכ. זי פֿילט, זי האָט די ערשטע אטאַקע אָפּגעשלאָגנ אונ ארויס א זיגערנ. די פּענעמער פֿונ די אדװאָקאטנ אונ א טײל קאָרעספּאָנדענטנ שמײכלענ צו איר, באַװונדערנ איר דרײסטקײַט.

ס'הײבט זיכ אָנ די אויספֿאָרשונג פֿונ די איבעריקע באַשולדיקטע. אלע באַמיִונגענ פֿונ פּראָקוראָר אונ פּאָרזיצער ארויסצובאַקומענ פֿונ זײ די נײטיקע ידיעות פֿאַר דער באַשולדיקונג ענדיקנ זיכ מיט א דורכפֿאַל. עס העלפֿט ניט דער שטרענגער דראָענדיקער טאָנ פֿונ פּאָרזיצער.

אפֿ דער פֿראגע, צי די באַשולדיקטע קענענ אירענ, ענטפֿערנ אלע — נײנ. זײ זעענ איר הײַנט דאָס ערשטע מאָל. אפֿ דער פֿראגע, צי האָט

די קאָמפאַרטיי גערופנ צו א באַוואָפנטנ אופשטאַנד, ענטפערנ די פויערים מיט א קאַטעגאָרישנ ניינ. אייניקע לייקענענ אָפ זייער אָנטייל אינ אָנפאַל אופנ פּאָליציי־פּאָסטנ, ציִענ צוריק זייערע דערקלערונגענ, געגעבענע אינ דער דעפענזיווע. דאָס האָט מענ דורכ פּייניקונגענ געצוווּנגענ זיי אונטערצושרייבנ א פאַלשנ פּראָטאָקאָל. אייניקע אָנערקענענ, אַז זיי האָבנ אָנטייל גענומענ אינ איבערפאַל. ווער האָט גערופנ צום איבערפאַל? זיי וויסנ ניט ווער. עס האָט געהערשט אַנ אַלגעמיינע אופרעגונג. אַלע זיינענ געגאַנגענ, זיינענ זיי אויכ געגאַנגענ.

די אייִנציקע האָפענונג פאַרנ פּראָקוראָר בלייבט דאָס איידעס זאָגנ מיצאַד דער באַשולדיקונג. דאָס זיינענ אייגענע מענטשנ, פּאָליציי אונ דעפענזיוו־אַגענטנ. זיי וועלנ זאָגנ דאָס, וואָס דער פּראָקוראָר וויל. דער פּראָקוראָר איז ווידער צופרידנ. ער וועט זיינס אויספירנ.

אופנ צווייטנ טאָג פונ פּראָצעס הייבט זיכ אָנ דער פאַרהער פונ די איידעס מיצאַד דער באַשולדיקונג. דער ערשטער ווערט אַרויסגערופנ קאָמיסאַר ווישנעווסקי. ווי ער באַווייזט זיכ נאָר אינ זאַל, הייבנ זיכ אירע אופגערעגט אופ פונ איר אָרט. אויכ די איבעריקע אַרעסטירטע שפּרינגענ אופ פונ זייערע ערטער.

— מערדער! טאַליענ! — באַגעגענענ אימ די אַרעסטירטע מיט אויסגעשרייענ.

אינ זאַל איז אַנ אומבאַשרייבלעכער טומל. אייניקע פרויענ פונ די באַשולדיקטע צעוויינענ זיכ היסטעריש. דער פּאָרזיצער קלינגט אופגערעגט. עס לויפט אַרײַנ פּאָליציי. נאָר די אַרעסטירטע קאָנענ זיכ ניט באַרויִקנ. איינ פויער רייסט אַראָפּ דאָס העמד פונ זיכ אונ דרייט זיכ אוים מיט דער פּלייצע צום זאַל. צוויי טיפע בלוטיקע וווּנדנ, בלויע, געשוואָלענע פּאַסנ אופנ לייב. די גאַנצע פּלייצע איז איינ שרעקלעכע וווּנד. די אַדוואָקאַטנ אונ קאָרעספּאָנדענטנ קוקנ מיט שרעק אופנ דאָזיקנ בילד. דער פּראָקוראָר איז בלייכ. ווישנעווסקי שטייט דערשראָקנ אונ קאַלט, ווי א געפאַקטער גאַזלענ.

אירע שפּרינגט אַרופ אופ א שטול.

— פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער עפנטלעכקייט, פאַר דער פּוילישער פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט דערקלער איכ, אַז אינ די פּוילישע דעפענזיוועס פּייניקט מענ, מאַכט מענ מענטשנ פאַר קאַליקעס. דער דאָזיקער אויסוווּרפ האָט מיט זיינע אייגענע הענט מיכ געפּייניקט. דאָס

פאשיסטישע קלאסנ־געריכט שטיצט זיכ אפ טעראָר אונ אינקוויזיציע.

זי באוויַזט ניט צו ענדיקנ. גראָבע פאָליצייִשע הענט שלעפנ זי אראָפ פונ שטול. די באשולדיקטע ווערנ ארומגערינגלט מיט א פארשטארקטנ פאָליציי־פאטרול.

דער פאָרזיצער קומט צו זיכ.

— פאר שטערנ די רו אונ באליידיקנ די מאכט ווערנ אלע ארעסטירטע באזײַטיקט פונ דער הײַנטיקער געריכט־זיצונג. ארויספירנ זיי פונ זאל!

מיט גוואלד ווערנ די ארעסטירטע ארויסגעשלעפט פונ געריכט אונ צוריק אָפגעפירט אינ טפיסע. דער זאל באַרויִקט זיכ ביסלעכווײַז. איצט ווערט מענ שוינ אומגעשטערט פירנ די ווײַטערדיקע געריכט־פארהאנדלונגענ. נאָר אלע אַנוועזנדיקע אינ זאל קוקנ נאָכ אלצ אפ די ליידיקע בענק פונ די באשולדיקטע, ווי זיי וואָלטנ געוואַרט, אז אָט וועלנ זיי זיכ ווידער באווײַזנ.

ווישנעווסקי קומט צו זיכ. מיט מיליטערישנ טראָט, וואָליונגעריש, דערנעענטערט ער זיכ צומ געריכט־טיש. ער גיט אָפ א שוועע, אז ער וועט זאָגנ בלויז דעמ עמעס. ער רעדט לאנג אונ נודנע. דערציילט, אז ער האָט שוינ לאנג נאָכגעפאָרשט די הויפט־באשולדיקטע. זי איז אנ אלטע קאָמוניסטישע טוערנ, ניט איינ מאָל שוינ געזעסנ אינ טפיסע פאר קאָמוניסטישער טעטיקײַט. ער האָט גענויע יעדיעס, אז דער אָנפאל אפנ פאָליציי־פאָסטנ איז געווענ אָרגאניזירט דורכ דער קאָמוניסטישער פארטיי. אירע האָט גערופנ צו א באוואָפנטנ אויפשטאנד. ער גיט איבער אויספירלעכ וועגנ דער טעטיקײַט פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי אינ היגנ קרײַז. דער פאָרזיצער אונ פראָקוראָר טריומפירנ. ענדלעכ האָט די באשולדיקונג באקומענ א באשטעטיקונג.

די אדוואָקאטנ נעמענ דעמ קאָמיסאר אפ א קרייצ־פארהער. ווישנעווסקי ווערט מיד, הייבט זיכ אָנ צו פלאָנטערנ, עס פארשווינדט זײַנ בראוויקײַט אונ זיכערקײַט. די אדוואָקאטנ זײַנענ געניטע, געפערלעכע קענער. ווישנעווסקי הייבט אָנ ענטפערנ פאָרזיכטיק, לאנגזאמ, ציילנדיק די ווערטער. דער פראָקוראָר גיט אימ צו מוט, נאָר די אדוואָקאטנ זײַנענ אָנ ראכמאָנעס. זיי ווילנ וויסנ גענוי, פונוואנענ האָט דער קאָמיסאר יעדיעס, אז די באשולדיקטע האָט גערופנ צו א באוואָפנטנ אויפ־

שטאנד. אלע באשולדיקטע לייקענענ דאָכ קאטעגאָריש. ווישנעווסקי האָט דאָכ ניט געהערט איר רופנ צו באוואָפנטנ אופשטאנד.

— ניינ, איכ אַלײנ האָב דאָס ניט געהערט, נאָר איכ האָב באקומענ גענויע יעדיעס פונ באגלויבטע קאָנפידענציעלע קוועלנ.

— רופט אָנ די דאָזיקע קוועלנ.

— איכ קאָנ דאָס ניט טאָנ. ס'איז שטרענג פארטרוילעכע יעדיעס. מיר איז ניט דערלויבט אָנצורופנ קיינע נעמענ.

דער אדוואָקאט ווענדט זיכ אופגערעגט צום געריכט.

— באַשעווער געריכט, איכ בינ געצוווּנגענ פעסטצושטעלנ, אַז דער גאנצער באשולדיקונג-אקט איז געבויט אפ א זייפנבלאָז, אפ פינצטערע פראָוואָקאטאָרישע קוועלנ. די פּאָליציי זאָגט זיכ אפילע אָפ אָנצורופנ די נעמענ פונ די פראָוואָקאטערס. ניטאָ קיינ באווייז, וואָס זאָל באשטעטיקנ די באשולדיקונג. לויט דער קאָנסטיטוציע קאָנ ניט דאָס געריכט זיכ שטיצנ אפ געהיימע קוועלנ. עס מוזנ זײַנ אײדעס, וואָס האָבנ געזענ אונ געהערט אונ וועלכע זאָלנ דאָס באשטעטיקנ. אזעלכע זײַנענ ניט פאראנ.

ווישנעווסקי, א באנאָכענער מיט שווייס, זעצט זיכ ענדלעכ אוועק. די איבעריקע פּאָליציי-אײדעס טרעטנ ארויס שטארק קעגנ די באשולדיקטע פויערים. זיי דערציילנ, אַז זיי האָבנ זיי אַלײנ געזענ בייסנ אָנפאל. ווענ אירענ שווײַגנ זיי. זיי האָבנ איר ניט געזענ. עטלעכע פּאָליציי-אגענטנ כאַזערנ איבער ווישנעווסקיס רייד. דער אײדעס-פארהער איז פארענדיקט.

די אדוואָקאטנ פאָדערנ ארויסרופנ נאָכאמאָל אלס אײדעס ווישנעווסקינ. דער פּראָקוראָר איז קעגנ. די אדוואָקאטנ פארופנ זיכ אפנ געזעצ. דאָס געריכט איז געצוווּנגענ מאַסקעמ צו זײַנ. ווישנעווסקי ווערט נאָכאמאָל ארויסגערופנ. אנ אדוואָקאט שטעלט פראגנ.

— האָט מענ אינ דער דעפענזיווע געפּײַניקט די ארעסטירטע?

ווישנעווסקי קוקט מיט רעציכע אפנ אדוואָקאט אונ ענטפערט כוצפעדיק:

— ניינ. אינ דער דעפענזיווע שלאָגט מענ ניט.

— וואָס באטײַטנ די בלויע צייכנס אפנ געזיכט פונ דער באשולדיקטער?

— דאָס האָט זי זיך אַליינ צעדראַפּעט דאָס געזיכט, כּדי צו וואַרפנ אַפּ דער פּאָליציי אַ באַשולדיקונג.

דער דאָזיקער פּרעכער ענטפער רופט אַרויס אויפרעגונג אונ געלעכטער אינ זאַל.

— אונ וואָס באַטײַטנ די שרעקלעכע וווּנדנ אויפ דער פּלייצע פונ איינעמ פונ די באַשולדיקטע.

— ער האָט זיכ געשלאָגנ מיט אַ צווייטנ אַרעסטירטנ.

דער זאַל שטורעמט פונ געלעכטער. ווישנעווסקי איז בלאַס.

דער אַדוואָקאַט פאָדערט אַ מעדיצינישע אונטערזוכונג פונ אַלע אַרעסטירטע. דאָס געריכט, נאָכ אַ קורצער באַראַטונג, וואַרפט אָפּ די פאָדערונגענ פונ אַדוואָקאַט. אַלע אַדוואָקאַטנ גיבנ איבער דעמ פאָרזיצער אַ שריפטלעכנ פּראָטעסט.

צומאָרגנס האָט מענ אַלע אַרעסטירטע צוריק געבראַכט אינ געריכט.

עס רעדט דער פּראָקוראָר. ער רעדט לאַנג אונ מיט פּאַטאָס. ער רעדט וועגנ פּוילנס גאַנצקייט, וועגנ דער קאָמוניסטישער געפאַר, וועגנ די פאַרברעכנס קעגנ דער פּוילישער מלוכה, וואָס קומענ פאָר יעדנ טאָג אינ מערעוו־ווײַסרוסלאַנד, באַזונדערס שטאַרק דעמ ראַטנפאַרבאַנד. נאָכ זײַנ מיינונג, איז פּוילנ אַ גאַניידנ אינ פאַרגלײַכ מיט פּסטר. נאָר די קאָמוניסטנ שטערנ דאָס פרידלעכע צוזאַמענלעבנ. ער האַלט, אַז עס איז דערוויזנ געוואָרנ די אָרגאַניזאַטאָרישע, אָנפירנדיקע ראָל פונ דער קאָמפּאַרטיי אינעמ דאָזיקנ אָנפאַל אויפנ פּאָליציי־פּאָסטנ, אַז ס'איז דערוויזנ געוואָרנ דער אָנפירנדיקער אָנטייל אינ די דאָזיקע געשעענישנ פונ דער באַשולדיקטער. זי האָט געהעצט די פּויערים. ער באַמיט זיכ צו שילדערנ אַ גרויזאַמ בילד פונ נעקאָמע פונ די פּויערים איבער דער פּאָליציי. ער פאַרענדיקט זײַנ רעדע מיט אַ הייסער ווענדונג:

— הויכער געריכט, פּוילנ איז אַרומגערינגלט פונ אַלע זײַטנ מיט שׂונאים. איר געפערלעכסטער שׂונא איז דער קאָמוניזמ. די דאָזיקע אַזיאַטישע מאַגייפע איז טיפ אַרײַנגעדרונגענ אינ פּוילישנ אָרגאַניזמ. דאָס איז אַ גאַנגרענע, וועלכע מע מוז מיט פײַער אויסברענענ. דאָס דאָרפ איז אומרויק. די פּויערימ, געהעצט פונ די קאָמוניסטנ, זײַנענ באַפאַלנ

א פּאָליצײ-פּאָסטנ. מאָרגנ, פאַרײניקט מיט די אַרבעטער, װעלנ זײ באַפאַלנ די שטעט. מיר אַלע געדענקענ נאָכ גוט די געשעענישנ פונ ערשטנ מײַ. עס מוז נעמענ א סאָפּ צו דער דאָזיקער שרעקלעכער געפאַר. פּױלנס גאַנצקײַט איז אינ סאַקאָנע. אינ נאָמענ פונ פּױלנס זיכערקײַט פאָדער איכ אָנצוװענדנ מיט דער גאַנצער האַרבקײַט דאָס געזעצ. עס קאָנ ניט זײַנ קײנ האַכמאָנעס. מע טאָר ניט אַרױסװײַזנ קײנ שװאַכקײַט. דער דאָזיקער פּראָצעס דאַרפ זײַנ א לערע אונ א װאָרענונג פאַר אַלע, װאָס בונטעװענ. איכ פאָדער טױטשטראָפ פאַר אַלע באַשולדיקטע.

אינ זאַל איז שטיל. יעדער פילט, װי די פליגל פונ טױט שפּרײטנ זיכ אױס. מענטשנ װאַרפנ א פאָרזיכטיקנ קוק אַפ די באַשולדיקטע. די באַשולדיקטע זיצנ רויִק. אירעס געזיכט איז װי אױסגעהאַקט פונ שטײנ. די װאַכ-פּאָליציאַנטנ, מיט בלישטשענדיקע באַגנעטנ, שטײענ אױסגעצױגנ, װי סטרונעס.

עס רײדנ די אַדװאָקאַטנ. זײ אָפּאָנירנ דעמ פּראָקוראָר. יעדער פאַרטײדיקט זײַנ באַשולדיקטנ. אײניקע װאַרפנ אָפּ אינגאַנצנ די באַשולדיקונג. אַנדערע בעטנ מילדערע שטראָפנ, בעטנ, אַז דאָס געריכט זאָל נעמענ אינ אַכט די באַדינגונגענ, בײַ װעלכע ס'זײַנענ פאָרגעקומענ די געשעענישנ. עס רעדט אירעס פאַרטײדיקער. מיט זאַכלעכע אַרגומענטנ צעקלאַפּט ער די פּאַטאָסרעדע פונ פּראָקוראָר אונ באַװײַזט, אַז ס'זײַנענ ניטאָ קײנ שומ באַװײַזנ צו שטעלנ אירענ אונטער א שטאַנד-געריכט. ער פאָדערט איבערצוגעבנ די באַשולדיקטע צו א געװײנלעכנ געריכט. דאָס שטאַנד-געריכט האָט ניט קײנ רעכט זי צו מישפּעטנ.

דער פאָרזיצער פרעגט די באַשולדיקטע, צי זײ װילנ זיכ באַנוצנ מיט זײער „לעצט װאָרט". זײ זאָגנ זיכ אָפּ. זײ זײַנענ מאַסקעמ מיט די רעדעס פונ זײערע אַדװאָקאַטנ. ער װענדעט זיכ צו אירענ. זי װעט זיכ באַנוצנ מיט איר רעכט. דער גאַנצער זאַל קערט זיכ אומ צו איר. װאָס װעט זאָגנ די דאָזיקע פרױ, פאַר װעלכער דער פּראָקוראָר פאָדערט טױטשטראָפ? אירע האָט זיכ דעמ לעצטנ טאָג, זיצנדיק אינ קאַרצער, געגרײט צו איר לעצט װאָרט. זי האָט אַנאַליזירט דעמ גאַנג פונ פּראָצעס, זײַנ פּאָליטישע באַדײַטונג. זי האָט געװוּסט, אַז צו איר

לעצט וואָרט וועלנ מיט אומגעדולד זיכ צוהערנ צענדליקער טויזנטע אַרבעטער אונ פויערימ.

— איכ וועל ניט רירנ וועגנ דער פאָרמעלער זײַט פונ פּראָצעס, — האָט זי אָנגעהויבנ, — דאָס האָט געטאָנ בעסער פאַר מיר מײַנ אַדוואָקאַט. איכ וועל זיכ בלויז אָפּשטעלנ אויפ אייניקע פּאָליטישע מאָמענטנ, וועלכע זײַנענ באַריכט געוואָרנ אויפנ דאָזיקנ פּראָצעס, וועלכע האָבנ, בליסאָפעק, מער ווי א לאָקאַלע באַדײַטונג. איכ וואָלט קוידעמקאָל געוואָלט קלאָר מאַכנ מײַנ שטעלונג אונ, ווי איכ רעכנ — אויכ די שטעלונג פונ דער קאָמפּאַרטיי — צו די געשעענישנ אויפנ פּאָליציי-פּאָסטנ. איכ וואָלט ניט געוואָלט, אז עס זאָל זיכ שאַפנ א מיינונג, אז איכ גרענעצ זיכ אָפּ אָדער איכ פאַרורטייל די האַנדלונג פונ מײַנע מיטבאַשולדיקטע. איכ דערקלער מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקײַט, אז ניט איכ, ניט מײַנ פּאַרטיי, האָבנ א שײַכעס צו די דאָזיקע געשעענישנ, אז איכ האָב ניט גערופנ צו קיינ באַוואָפנטנ אויפשטאַנד, אז די קאָמפּאַרטיי איז קעגנ איינצלנע, צעשפּליטערטע אַרויסטרעטונגענ. אינ דער זעלבער צײַט מוז איכ אונטערשטרײַכנ מײַנ גרעסטע אַכטונג אונ ליבע צו די דאָזיקע העלדישע מיטבאַשולדיקטע. דער דאָזיקער אָנפאַל אויפנ פּאָליציי-פּאָסטנ איז ניט געווענ קיינ אָנפאַל פונ איינצלנע פויערימ. דאָס איז געווענ א מאַסנ-באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנצע דערפער, אַלס פּראָטעסט קעגנ פּאָליצײַישנ טעראָר, אַלס ענטפער אויפ דער שרעקלעכער פּראָוואָקאַציע. דאָס איז געווענ א העראָישע באַוועגונג צו באַפרײַענ פונ פּאָליצײַישע הענט א געפײַניקטע פרוי. מענטשנ, וועלכע ריזיקירנ אַזוי מיט זייער לעבנ, זײַנענ ניט קיינ פאַרברעכער, ווי דער הער פּראָקוראָר וויל. ניינ, זיי זײַנענ העלדנ אונ קעמפער, אונ אַלס אַזעלכע וועלנ זיי באַטראַכטנ די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אונ פויערימ פונ גאַנצ פוילנ. דער הער פּראָקוראָר האָט זיכ באַמיט צו שילדערנ א גרויל-בילד, ווי די פויערימ האָבנ זיכ אָפּגערעכנט מיט דער פּאָליציי. ער האָט אָבער פאַרגעסנ צו שילדערנ דעמ עמעסנ גרויל פונ די טאָגטעגלעכע גוואַלדטאַטנ איבער די אַרבעטנדיקע. ער האָט פאַרגעסנ איבערצוגעבנ וועגנ די צענדליקער דערשאָסענע אונ הונדערטער פאַרוווּנדעטע קאָרבאָנעס פונ דער פּאָליציי. איכ דערקלער מײַנ רעוואָלוציאָנערע סאָלידאַריטעט מיט זייער העלדישער האַנדלונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט ווי געהעריק אָפּשאַצנ די

לעצטע געשעענישנ אונ באמיִענ זיכ אפ ווײַטער אַנטיציפירנ מיטנ מאסנ= קאמפ פונ די פויערימ אונ ארבעטער אינ היגנ קרײַז, באהערשנ דעמ סטיכישנ דראנג פונ די מאסנ צומ קאמפ, אופהייבנ אימ אפ א העכ= ערנ פאָליטישנ ניוואָ. ווענ דער פראָקוראָר וויל מיט מיטלענ פונ טויטשטראָפ פארמײַדנ אזעלכע ווײַטערדיקע געשעענישנ, מוז איכ דאָ דערקלערנ, אז די דאָזיקע מיטלענ וועלנ ניט העלפנ, מיט טויטשטראָפ אונ טליִעמ דערשטיקט מענ ניט קיינ רעוואָליוציאָנערע מאסנ=באוועגונג. פארקערט, מע פארשארפט זי נאָר. קעדײַ אויסצומײַדנ אזעלכע גע= שעענישנ, מוז צוערשט ליקווידירט ווערנ די סיבע, וועלכע פירט דערצו. עס מוז ליקווידירט ווערנ די קאפיטאליסטישע סיסטעמ.

דער פּאָרזיצער רײַסט זי שארפ איבער.

— איר האָט באקומענ אײַער לעצט וואָרט ניט אפ צו האלטנ א קאָמוניסטישע רעדע.

— הער פּאָרזיצער, איכ ענטפער בלויז דעמ הער פראָקוראָר. האָט ער דאָכ געהאלטנ א פּאָליטישע באשולדיקונגס=רעדע, דערלויבט מיר אָפּצוענטפערנ. דער הער פראָקוראָר האָט גערעדט וועגנ ראטנפארבאנד. געשילדערט א בילד פונ גרויל אונ שרעק. יעדער באוווסטזיניקער מענטש ווייס, אז דאָס איז ניט עמעס, אז די יעדיִעס פונ פראָקוראָר זײַנענ גענומענ פונ דער גאסנ=פרעסע. אינ ראטנפארבאנד הערשט ניט קיינ הונגער. איכ האלט, אז ס'איז ניט נייטיק דאָ, אינ געריכט=זאל, צו פארטיידיקנ דעמ ראטנפארבאנד. ער איז צו שטארק, אז ער זאָל זיכ נייטיקנ אינ דעמ. איכ וואָלט נאָר געראטנ דעמ הער פראָקוראָר צו ווענדנ זײַנ הויכע פאנטאזיע ניט אזוי ווײַט איבער דער גרענעצ. זאָל ער זיכ אומקוקנ א ביסל נעענטער. אָט דאָ, אינ מײַרעוו=ווײַסרוס= לאנד, ווו עס הערשט הונגער, ווו פויערימ עסנ גראָז, ווו ס'בושעווענ עפּידעמיעס, ווו עס וואקסנ זעלבסטמאָרד=פאלנ אונ שטערבלעכקײַט. גוויס אונ פארצווייפלונג הערשט אינ שטאָט אונ אינ דאָרפ.

דער פראָקוראָר, אנ אופגערעגטער, רײַסט איבער.

— פונוואַנענ האָט איר גענומענ די דאָזיקע יעדיִעס?

זי קוקט אימ אָנ איראָניש.

— די דאָזיקע יעדיִעס האָב איכ גענומענ פונ באגלייבטע אָפיציִ= עלע קוועלנ. איכ גלייב, אז דער הער פראָקוראָר וועט זיכ ניט אָפּזאָגנ פונ זײַנ פאשיסטישער צײַטונג „קוריער ווילענסקי", פונ דער דאָזיקער

צײַטונג — איר שטימ קלינגט העכער, זי ווענדעט זיכ צומ זאל — וועלכע האָט אַזוי ליב דעמ ראַטנפאַרבאַנד, ווי דער הער פּראָקוראָר, האָב איכ גענומענ די דאָזיקע יעדיעס. איר קאָנט זיי דאָרטנ לייענענ זייער אָפט. די יעדיעס פונ שרעק אונ פאַרצווייפלונג, נויט אונ הונגער, וואָס הערשט אינ מײַרעוו-ווײַסרוסלאַנד. אָט ווו עס זײַנענ די סיבעס, הערנ ריכטער, פונ פאַרצווייפלטנ, העלדישנ שריט פונ די פויערימ. איכ בינ געווענ אינ דאָרפ, זיכ צוגעקוקט אונ געזענ מיט מײַנע אייגענע אויגנ, ווי די פּאָליציי איזריעקוועט זיכ איבער דער באַפעלקערונג, ווי די שטײַער-עקזעקוטערס שינדנ די הויט פונ פויער, איז א וווּנדער, ואָז די פויערימ קאָנענ מער ניט אויסהאַלטנ? די געשיכטע כאַזערט זיכ איבער, די געשיכטע פונ קלאַסנקאַמפ! איכ פאַרשפּאָר צו ברענגענ באַווײַזנ. זיי זײַנענ באַוווּסט דעמ הער פּראָקוראָר אונ דעמ געריכט.

דער פּראָקוראָר איז בלאַס. די קאָרעספּאָנדענטנ ריידנ זיכ שטיל איבער. איינ אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט ווענדעט זיכ אַפנ קאָל צו זײַנ פּוילישנ קאָלעגע.

— איכ האָב דעמ אײַנדרוק, אַז זי פאַרטיידיקט זיכ ניט, אַז זי באַשולדיקט גאָר.

דער קאָלעגע ענטפערט ניט. דער פאָרזיצער מאַכט איר ווידער א שאַרפע באַמערקונג, דראָעט מיט צונעמענ בײַ איר דאָס וואָרט.

— איכ ענדיק שוינ, הער פאָרזיצער. אונדזער טעטיקײַט, די טעטיקײַט פונ דער קאָמפּאַרטיי, קומט פאָר אָפנ, פאַר אַלעמענ אינ די אויגנ. איכ האַלט פאַר איבעריק נאָכאַמאָל אָפּצוּוואַרפנ די אומגעלומפּערטע באַשולדיקונג קעגנ מיר. דער פּראָקוראָר פּאָדערט פאַר מיר טורמע-שטראָף. איכ אַנערקענ זיכ ניט פאַר שולדיק אינ די פאַרברעכנס, וואָס דער פּראָקוראָר וואַרפט מיר פאָר. מיכ שרעקט ניט דאָס בורזשואַזע געריכט. מיכ וואָלט געשראָקנ, ווענ איכ וואָלט נעדאַרפט זיכ שטעלנ פאַר א פּראָלעטאַריש געריכט. פאַר א פּראָלעטאַריש געריכט וואָלט איכ געשטאַנענ, ווענ איכ וואָלט געהאַט פּריווילעגיע צו א באַוואָפנטנ אויפשטאַנד, ווענ איכ וואָלט געפילט אַפ זיכ די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַרנ פאַרגאָסענעמ בלוט פונ די פויערימ. די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר די געשעענישנ ליגט אַפ דער פּאָליציי, אַפנ רעגירונגאַפּאַראַט, אימ וועט מישפּעטנ דאָס פּראָלעטאַרישע געריכט!

לאַנג האָט זיכ געצויגנ די באַראַטונג פונ געריכט. די אַרעסטיר=

טע, צונויפגעפרעסט אינ ענגע פאליציי־וואכטע־צימער, האבנ זיכ אומרויק אלע מינוט אומגעקוקט אפ דער טיר. אירע האט זיכ באמיט זיי צו בארויקנ. איר רעדע האט זיי צוגעגעבנ מוט. זיי האבנ מיט ליבשאפט איר געדריקט די הענט. אייניקע האבנ באדויערט זייער שוואכקייט אונ פאכדאנעס ביים דער אויספארשונג. איינ געדאנק האט אלעמענ געפײַניקט — טויטשטראפ.

אירע האט געטראכט וועגנ אירע אייגענע געפילנ. זי איז געווענ מיד פונ דער זיצונג, פונ איר רעדע. עס האט איר געקאסט א געוואלדיקע אנשטרענגונג. זי האט נאכאמאל איבערגעלעבט די געשעענישנ פונ די לעצטע טעג. וואס פאר אנ אורטייל וועט דאס געריכט ארויסטראגנ? זי האט זיכ אויפמערקזאמ אײַנגעקוקט אינ די געזיכטער פונ די איבעריקע באשולדיקטע, אײַנקריצנדיק אפ אייביק אינ זיקארנ דעמ אויסדרוק פונ מענטשנ, וועלכע ווארטנ אפ א טויט־אורטייל. פארשיידנ האבנ זיי רעאגירט. אייניקע זײַנענ געשטאנענ אנגעשפארט אנ דער וואנט, זיי האבנ געקוקט פאר זיכ שטאר, מיט פארגליווערטע פנעמער, מיט גארניט זעענדיקע אויגנ. עס האט זיכ געדוכט, אז די האזיקע מענטשנ האבנ זיכ פארשלאפנ, טראגנ אינ זיכ א שוידערלעכנ, נאר פאר זיי באוואוסטנ סאד — דעמ סאד פונ ווארטנ אפנ טויט. אנדערע האבנ נערוועז גערעדט, באמיענדיק זיכ צו פארטרײַבנ דעמ געדאנק פונ טויט. זיי האבנ גערעדט הויכ, זשעסטיקולירנדיק אומגעוויינלעכ מיט די הענט. זיי האבנ גערעדט פונ זײַטיקע זאכנ. אירענ האט זיכ געדוכט, אז די האזיקע מענטשנ באמיענ זיכ אליינ אפצונארנ, פארטרײַבנ פונ זיכ דעמ שאטנ פונ טויט. ס'איז גלײַכער אזוי. זי האט זיכ באמיט אונטערצוהאלטנ דעמ געשפרעכ. נאר איינצלנע זײַנענ געווענ נאטירלעכ אינ זייער שרעק אונ האפענונג, זיי האבנ געזוכט פאר זיכ א וועג צומ לעבנ.

— ניט עמעס, כאווערטע, מע וועט מיכ ניט פארמישפעטנ צומ טויט? קעגנ מיר זײַנענ ניט פאראנ קיינ באווײַזנ, — האט זיכ איינ באשולדיקטער געווענדעט צו איר.

אירע האט אימ בארויקט. זי האט געהאפט, אז מע וועט אימ ניט פארמישפעטנ. זי האט זיכ געוווּנדערט, ווי רויק דער זעלבער פויער איז געווענ, ווענ דער פראקוראר, דערמאנענדיק זײַנ נאמענ, האט געפאדערט פאר אימ טויטשטראפ.

עס האָט זיכ געעפנט די טיר אונ עס האָבנ זיכ באוויזנ אייניקע אדוואָקאטנ. זיי האָבנ אריינגעבראכט אופלעבונג צווישנ די באשולדיקטע. די באשולדיקטע האָבנ זיי גלייכ ארומגערינגלט. נייִנ, זיי זיינענ זיכער, אז קיינער וועט ניט פארמישפּעט ווערנ צומ טויט. דער פּראָצעס האָט ארויסגערופנ א צו גרויסנ אינטערעס אינ גאנצנ לאנד, ווי אויכ אינ אויסלאנד. איינער אנ עלטערער אָנגעזעענער אדוואָקאט, האָט געמאכט א קאָמפּלימענט אירענ:

— נאָכ מיינ מיינונג, האָט איר געהאלטנ די בעסטע פארטיידיקונג-רעדע.

שפּעט באנאכט האָט מענ די באשולדיקטע צוריק אריינגעפירט אינ געריכט-זאל. דער זאל איז געווענ פול געפּאקט מיט אדוואָקאטנ, געריכט-באאמטע, קאָרעספּאָנדענטנ, אייניקע געסט אונ פּאָליציי. עס האָט זיכ באוויזנ דאָס געריכט. שטייענדיק, האָבנ די באשולדיקטע אויסגעהערט דעמ אורטייל. דער פּאָרזיצער האָט אימ געלייענט פייערלעכ אונ ערנסט.

די שולד פונ דער באשולדיקטער... אינ רופנ צו א באוואָפנטנ אויפשטאנד איז ניט דערוויזנ געוואָרנ. איר איניענ ווערט אויסגעטיילט פונ שטאנד-געריכט אונ ווערט איבערגעגעבנ צו א געוויינלעכנ געריכט, ווו זי וועט געמישפּעט ווערנ פאר אָנגעהעריקייט צו דער קאָמפּארטיי. די באשולדיקונג קעגנ די אנדערע באשולדיקטע אינ אָנטייל נעמענ אינ א באוואָפנטנ איבערפאל אפ א פּאָליציי-פּאָסטנ אונ דערהארגענענ עטלעכע פּאָליציאנטנ, אונטערצינדנ דאָס פּאָליציי-הויז אונ פארברענענ א פרוי אונ אייניקע פּאָליציי-באאמטע איז יאָ דערוויזנ געוואָרנ. דאָס געריכט נעמט אינ אכט אייניקע מילדערנדיקע אומשטאנדנ אונ פארמישפּעט דריי פויערימ, וועמעס אָנטייל עס איז געווענ באזונדערס אקטיוו, צו לעבנסלענגלעכער שווערער טפּיסע — דער זאל אָטעמט לייכטער אָפּ, דער שאָטנ פונ טויט איז פארשוווּנדנ — זעקס — צו פופצנ יאָר שווערע טפּיסע, פיר — צו צענ יאָר... אכט יאָר... דריי יאָר...

קיינ איינ באשולדיקטער איז ניט באפרייט.

דער זאל הערט אויס מיט שטילשווייגנ דעמ דאָזיקנ שווערלעכנ אורטייל. ניט טויטשטראָפ, אָבער לעבנסלענגלעכע טפּיסע. שווערע לאנגע יאָרנ קאטאָרגע.

אירעם געזיכט ברענט פון צאָרן און אופרעגונג.

— דאָס איז ניט קיין געריכט־אורטייל, דאָס איז קלאַסן־נעקאָמע!

די פּאָליציי שטופּט שנעל אַרויס די פאַרמישפּטע פון געריכט־זאַל.

עטלעכע באַראָשים שפּעטער איז אירע געשטאַנען פאַר א געווינ־לעכן קרייז־געריכט. זי איז פאַרמישפּט געוואָרן אַף 15 יאָר שווערע טפּיסע.

דימיטרי

נאָך דעם, ווי סעמיאָן מיט אירע זיבן אַרעסטירט געוואָרן, איז אַף דער זיצונג פון די פאַרבליבענע מיטגלידער פון קרייז־קאָמיטעט גע־וויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר דימיטרי. די מאַסן־אַרעסטן האָבן ווי־דער שטאַרק אָפּגעשוואַכט די פּאַרטיי־אָנפירונג אין קרייז. מיט פיל ערטער איז איבערגעריסן געוואָרן די פאַרבינדונג. דער הונגער האָט זיך פאַרשטאַרקט אין דאָרף. אויך די שטאָט האָט אָנגעהויבן שטאַר־קער פילן דעם יאָקערעס און הונגער. די אַרבעטלאָזע האָבן עטלעכע מאָל דעמאָנסטרירט פאַרן שטאָטישן מאַגיסטראַט, געפאָדערט שפּייזע. די פּאָליציי האָט זיי ברוטאַל צעטריבן. דאָס לאַנד איז אָנגעפילט גע־וואָרן מיט מוירע, שרעק, פאַרביטערניש און אומזיכערקייט. די פּאָלי־ציי איז געוואָרן נערוועזער. זיי זיינען געגאַנגען איבער די גאַסן, מיטן געווער אין די הענט, גרייט יעדע מינוט צו שיסן. זייערע אויגן האָבן אָנגעשטרענגט געקוקט. דאָס דאָרף איז געווען אָנגעזאַפּט מיט רעציכע און האַס.

עס זיינען אָפּטער איידער פריער אונטערגעצונדן געוואָרן די הייז־זער פון די פּוילישע שפּיאָנען, עס זיינען אָפּטער איידער פריער דער־מאָרדעט געוואָרן געהיימאַגענטן. אין דאָרף לע איז געשען א פאַל, וואָס האָט באַוויזן, ווי ווייט ס'איז דערגאַנגען די שטימונג בא די מאַסן. זונטיק, נאָכן גאָטעסדינסט, ווען די פּויערים האָבן פאַרלאָזן די קירך, איז צוגעגאַנגען צו א באַוואַכטן פּוילישן שפּיאָן א יונגער פּויער, אויסגעשאָסן און אַוועקגעלייגט אים א טויטן אַפן אָרט. דער שיסער האָט רויק אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין קעשענע און ניט אַנט־לאָפן. קיינער האָט אים ניט אַרויסגעגעבן. ער איז ווייטער פאַרבליבן אין דאָרף. די פּאָליציי איז געווען הילפלאָז קעגן דעם דאָזיקן מאַסן־

טעראָר, כאָטש זי האָט אָנגענומען דראָקאָנישע מיטלען, כאָטש זי האָט געדראָעט מיט קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונ די פויערים.

ענדע זומער האָט די מאַכט אָנגעהויבנ טרייבנ די פויערים אַפ די וועגנ צו בויענ נייע שאָסייען. די קאָמפּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַנ אויפרופ ניט צו גיינ אַפ שאָסיי-אַרבעט, ווייל די וועגנ זיינענ סטראַטעגישע, זיי ווערנ געבויט מיטנ ציל צוצוגרייטנ א קאָנטררעוואָליוציאָנערע מילכאָמע קעגנ ראַטנפאַרבאַנד. די פויערים האָבנ בויקאָטירט אונ, ניט געקוקט אויפנ טעראָר פונ דער מאַכט, ניט געגאַנגענ צו דער אַרבעט. עס האָבנ זיכ געמערט די פאַלנ פונ שעדיקערייַ אַפ די שאָסייענ.

די מאַכט האָט זיכ געאיילט צו פאַרענדיקנ די שאָסיי-אַרבעט פאַרנ אָנקומענ פונ ווינטער, האָט זי אַרויסגעשיקט גרופּעס אַרבעטלאָזע ייִדן-בעטער פונ שטאָט. גרופּעס פויערים האָבנ באַגעגנט די אַרבעטלאָזע, פאַרשטעלט זיי דעמ וועג, ניט געלאָזט ווייטער גיינ. א יונגער פויער — בעראַפּים — האָט זיכ אַרויסגערוקט פאָרויס:

— כאַוויירים, צי זייט איר קעגנ ראַטנפאַרבאַנד?

— ניינ. — האָבנ עטלעכע צענדליק אַרבעטלאָזע געענטפערט.

— צי זייט איר גרייט צו פאַרטיידיקנ די סאָוועטנ-מעלוכע?

— מיט אַלע קויכעס, — האָבנ אייניקע אַרבעטלאָזע אָפּגעענטפערט.

— צי ווייסט איר, אַז די פּוילישע מאַכט בויט שאָסייענ, קעדיי צוצוגרייטנ מילכאָמע קעגנ די סאָוועטנ?

א פאַרלעגנהייט צווישנ די אַרבעטלאָזע.

— דער דאָזיקער שאָסיי איז אונדז ניט נייטיק. ער האָט אַנ אויסגעשפּראָכנ אַנטי-סאָוועטישנ, מיליטערישנ כאַראַקטער. מיר בויקאָטירנ אונ אַרבעטנ ניט. צי וועט איר, שטאָטישע אַרבעטער, זיינ שטרייקברעכער?

די אַרבעטלאָזע האָבנ זיכ צו דער אַרבעט ניט געשטעלט. אינאָווענט איז פאָרגעקומענ אינ דאָרפ א געמיינזאַמער מיטינג פונ די אַרבעטלאָזע אונ פויערים. עס האָט גערעדט א דאָרפישער קאָמוניסט וועגנ דער רעוואָליוציאָנערער סאָלידאַריטעט פונ די אַרבעטער אונ פויערים. עס האָט אימ אָפּגעענטפערט אַנ עלטערער אַרבעטלאָזער.

— כאַוויירים פויערים, — האָט ער אָנגעהויבנ מיט א ציטערדיק

קאָל, — איר האָט אונדז הײַנט פאַרשעמט, אונ מיט רעכט. מיר, אַרבעטער, האָבנ זיכ דאַסמאָל אַרויסגעוויזנ מער אָפּגעשטאַנענ, מער צעברעקלט ווי איר. מיר האָבנ הײַנט באַקומענ פונ אײַכ א רעוואָלוציאָנערע לעקציע. איכ בינ זיכ מוידע, אַז פיל פונ אונדז האָבנ ביז ניט לאַנג צוריק געקוקט אַפ אײַכ מיט גרינגשעצונג, געהאַלטנ, אַז דאָס דאָרפ איז ניט פײַיִק צו קײנ רעוואָלוציאָנערע מײַסים. איר האָט אונדז הײַנט באַוויזנ א בײַשפּיל, וויאַזוי צו האַנדלענ. איכ, אַנ אומפּאַרטײַישער, בינ פולשטענדיק מאַסקעמ מיטנ קאָמוניסטישנ רעדנער. נאָר אינ אײניקײט איז אונדזער קויעכ. זאָל לעבנ די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע סאָלידאַריטעט פונ די אַרבעטער אונ פויערימ!

די פויערימ האָבנ געשפּײַזט די אַרבעטלאָזע מיט וואָס זײ האָבנ געקאָנט. אינדערפרי זײַנענ די אַרבעטלאָזע צוריק אַוועק אינ שטאָט.

די ראַזיקע געשעענישנ האָבנ אַרויסגערופנ גרויס אויפרודערונג צווישנ די אַרבעטער. זײ זײַנענ דיסקוטירט געוואָרנ אינ די פאַבריקנ אונ וואַרשטאַטנ. דימיטרי האָט אַרויסגעלאָזנ אַנ אויפרופ אינ נאָמענ פונ דער פּאַרטײ, אונטערגעשטראָכנ די גוואַלדיקע באַדײַטונג פונ דער דאָזיקער פאַרברידערונג, דערמאָנט די אַרבעטער, די ראָליע פונ די פויערימ אינ דער ערשטמײַיקער דעמאָנסטראַציע, דערמאָנט די שטיצע, וואָס די פויערימ האָבנ געגעבנ די שטרײַקנדיקע הוטע=אַרבעטער, געוואָרנט פאַר דער געפאַר, אַז די פויערימ וועלנ אומזיסט אויסלאָדנ זײער רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, ניט באַקומענדיק קײנ שטיצע פונ פּראָלעטאַריאַט. די פויערימ קוקנ אַפנ אַרבעטער אַלס דעמ העגעמאָנ פונ דער רעוואָלוציע. די אַרבעטער דאַרפנ זיכ שטעלנ אינ די ערשטע רײענ פונ קאַמפ, אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ.

דימיטרי איז קימאַט ניט געווענ אינ שטאָט. ער אונ איוואַנ האָבנ די גאַנצע צײַט געשפּרײַזט איבער די ראַיאָנענ, אָרגאַניזירט, פאַרשטאַרקט די אָרגאַניזאַציעס, צוגעגרייט זײ צומ קאַמפ אינעמ פאַרשטײענדיקנ קאַלטנ, הונגעריקנ ווינטער. דימיטרי האָט צוריק אויפגעשטעלט דעמ שטאָטישנ קאָמיטעט.

אינ שטאָט זײַנענ פאָרגעקומענ אײניקע קלענערע שטרײַקנ פונ די שנײַדער=אונ סטאָליער=אַרבעטער. ווי נאָר די שטרײַקנ זײַנענ אויס-

געבראָכנ, איז פליצלינג ארעסטירט געווארנ מאַטווײ און נאָכ צוויי מיטגלידער פונ שטאָטישנ קאָמיטעט. דימיטרי, ווי פריער סעמיאָנ, האָט זיכ געבראָכנ דעמ קאָפּ צו טרעפנ ווער איז דער פראָוואָקאטער. נאָכ דעמ ווי סעמיאָנ מיט אירענ זײַנענ ארעסטירט געווארנ, האָט ער אָנגענומענ אלע פאָרזיכט=מיטלענ, געביטנ אלע אדרעסנ און פאראָלנ, פאנאנדערגעלאָזט די אלטע טעכניק, באשטימט נײַע, פולשטענדיק טרויענסווערטע כאווײרימ. איוואנ האָט שווער, ערנסט, שטומ, אָבער אקשאָנעסדיק געטראכט, געזוכט דעמ פראָוואָקאטער.

יאנינא

ווענ יאנינא איז געקומענ צו זיכ, האָט זי זיכ געפונענ אינ א ליכטיקנ ווײַסנ זאל. פונ בײדע זײַטנ פונ איר בעט זײַנענ געשטאנענ עטלעכע ווײַסע בעטנ. אונטער טונקעלע קאָלדרעס זײַנענ געלעגנ אויסגעצויגנ פרויענ. די שאָכנטע פונ לינקס האָט שווער געקרעכצט.

זי האָט זיכ מיט שרעק אויפגעכאפּט. אינ קאָפּ האָט שטארק גערוישט. זי האָט געפילט א שוואכקײַט אינ איר גאנצנ קערפּער. די פיס זײַנענ געווענ קאלט, זי האָט זיי אינגאנצנ ניט געשפּירט. די ברוסט האָט שטארק געדריקט, ווי עמעצער וואָלט אפ איר ארופגעלייגט א שווערע מאסע. זי האָט ברײט געעפנט די אויגנ: ווו געפינט זי זיכ? פארוואָס איז זי ניט אינ דער היימ? וואָס איז מיט איר געשענ? ווו איז וולאדעק?

א קראנקנ=שוועסטער האָט צוגעלייגט אײַז צו איר צעהיצטנ קאָפּ. זי האָט אָנגעכאפּט די שוועסטער בײַ דער האנט.

— ווו געפינ איכ זיכ? ווער האָט מיכ אהער געבראכט?

— באַרויִקט אײַכ, איר זײַט אינ שפּיטאָל, איר זײַט פארווונדעט.

זי האָט זיכ דערמאָנט און אויפגעשוידערט. עס האָט ווידער אויפגעלעבט די שרעק. ס'האָט זי פארפאָלגט קאָוואלסקיס מערדעריש געזיכט, זײַנ רעוואָלווער. זי האָט זיכ אָנגעהויבנ אומרויִק ווארפנ. געריסנ זיכ אויפשטיינ. די קראנקנ=שוועסטער האָט גערופנ הילפ. צוויי סאניטארנס האָבנ זי פעסט צוגעהאלטנ. ס'איז געקומענ צו לויפנ דער דאָקטער. ער האָט מוירע געהאט, אז די קראנקע זאָל ניט אראָפּרײַסנ דעמ באנדאזש, עס זאָל זיכ ניט באקומענ קײנ בלוט=שטורצ.

יאַנינאַ האָט זיכ געריסנ פונ זײערע הענט.

— לאָזט מיכ, — האָט זי זיכ געבעטנ, — איר זעט דענ ניט, נעמט אים אַראָפּ.

עס האָט זיכ איר געדוכט, אַז אַ גרויסער רויטער שפּינ, מיט פײַערדיקע אויגנ, קריכט אַפּ איר. אָט האָט ער זיכ אײַנגעביסנ מיט זײַנ רויטנ שנאָבל אינ איר ברוסט! אָט זויגט ער איר בלוט. זי האָט געוואָלט אַראָפּרײַסנ דעם באַנדאַזש פונ זיכ.

— וולאַדעק! — האָט זי געשריענ אינ היצ, — נעמ אַראָפּ דעם שפּינ, ער נאָגט אויס מײַנ גאַנצ בלוט.

זי האָט פאַרלוירנ דעם באַוווסטזײַנ. עטלעכע טעג האָבנ די דאָקטוירימ זיכ געשראָקנ פאַר איר לעבנ. מע האָט איר די גאַנצע צײַט געהאַלטנ אונטער אײַז אונ אַפּ מאָרפי. זי האָט קעסיידער גערעדט פונ היצ, גערופנ וולאַדעקנ, זיכ געריסנ פונ בעט. די שוועסטער זײַנענ מיד געווענ פונ דער ראַנגלעניש מיט איר.

דער יונגער דאָקטער האָט געקוקט מיט מיטלייד אונ מיטגעפיל אַפּ דער קראַנקער, ניט אַוועקגעגאַנגענ פונ איר בעט. אָפטמאָל געקומענ צו גײנ באַנאַכט, אָפּגעזעסנ לעבנ איר גאַנצע שאָענ.

אַפנ זעקסטנ טאָג האָט אָנגעהויבנ פאַלנ די היצ. יאַנינאַ איז ביסלעכווײַז געקומענ צו זיכ. דער יונגער דאָקטער האָט געשײַנט.

— איכ קאָנ אײַכ גראַטולירנ. מיר האָבנ מוירע געהאַט פאַר אײַכ. מיר האָבנ אײַכ אַרויסגעריסנ פונ טויט.

זי האָט שוואַכ געשמייכלט מיט אירע פולע בלאַסע ליפּנ. די אויגנ אירע זײַנענ פאַרבליבנ קאַלט אונ טרוקנ, געטראָגנ אינ זיכ עפּעס אַ סאָד. זײ האָבנ געקוקט ווײַט אונ פרעמד.

יאַנינאַ איז געלעגנ רויק. מער ניט באַאומרויקט די קראַנקנ-שוועסטערס, ניט געענטפערט אַפּ די צענדליקער פראַגנ פונ די אַרומיקע קראַנקע. זי האָט זיכ פאַרשלאָסנ אינ זיכ, געטראַכט שווער. מע האָט איר איבערגעגעבנ, אַז וולאַדעק איז אַרעסטירט. זי האָט זיכ באַמיט צו פאַרשטײנ וואָס איז לעצטנס מיט איר פאָרגעקומענ.

פאַרוואָס האָט קאָוואַלסקי זי געשאָסנ? וואָס האָט זי אַזוינס געטאָנ? פאַרוואָס האָט מענ געשאָסנ אינ האַמוינ? די מענטשנ זײַנענ דאָכ געשטאַנענ אַזוי רויק, געפרייט זיכ, געווענ באַגײַסטערט. וואָס האָבנ זײ געטאָנ שלעכטס? קײנער פונ זײ האָט ניט דערוואַרט

דעמ טויט, ניט געריכט זיכ. ווער איז שולדיק אינ דער דאָזיקער בלוט=באָד?

זי האָט ווידער דערהערט דעמ איימעדיקנ געשריי פונ האמוינ, האָס פאלנ פונ די קערפערס, די קלאפערײַ פונ האסטיקע טריט, זי האָט ווידער געזענ פאר זיכ די לויפנדיקע מענטשנ מיט די אײַנגעבויגענע פלייצעס. די מוירעדיקע שרעק אינ זייערע אויגנ. די דאָזיקע שרעק האָט זי אָנגעפילט אינגאנצנ. זי האָט זיכ ניט געקאָנט באפרײַענ פונ איר.

וואָלאדעק איז ארעסטירט געוואָרנ באמ טויער פונ שפיטאָל. דאָס האָט איר איבערגעגעבנ דער יונגער סימפאטישער דאָקטער. ער האָט דאָס דערציילט מיט מיטגעפיל אונ סימפאטיע צו וואָלאדעקנ. איר איבערגעגעבנ: ער האָט זיכ געריסנ צו איר. זי האָט זיכ ניט געקאָנט פאָרשטעלנ, ווי עס זעט אויס א טפיסע אינעווייניק. עס מוז זײַנ שרעקלעכ. ווי פילט ער זיכ דאָרט? בא זיי אינ הויז איז פוסט, אָנ וואָלאדעקנ. וואָס פאר א זינ האָט עס צוריק צו גייג אהיימ, צו וואָס?

זי האָט זיכ דערמאָנט אָנ זייער קריגערײַ. ווי גאריש זי איז דעמאלט געווענ. קאָוואלסקי, דער כאזיירימ=קאצעוו, ווי פרעכ ער האָט עס געקוקט אפ איר דעקאָלטע אינ קלויסטער. עס האָט איר דעמאלט ארומגענומענ א שוידער.

קאָוואלסקי האָט זיכ גענומענ דאָס רעכט צו שיסנ אפ אומבאוואָפנטע מענטשנ. אינ וועמעס נאָמענ? ביידע זײַנענ זיי געשטאנענ אינ קלויסטער, ביידע האָבנ זיי געבעטנ צו גאָט. דאָ איז עפעס ניט אינ אָרדענונג. זי, אונ א מערדער, אנ אויסוואורפ. אונ דער גאלעב? צי איז ער בעסער? וואָלאדעק איז גערעכט, ווענ ער האָט איר דערמאָנט די געשיכטע מיט זאָשקענ. צי נאָר מיט זאָשקענ? איצט פארשטייט זי א סאכ זאכנ, וועלכע זי האָט פריִער ניט באמערקט.

זי דערמאָנט זיכ איצט, ווענ דער גאלעב האָט געקוקט אפ איר, ווענ זי איז געשטאנענ אפ די קני באמ מיסוואָרדע זײַנ זיכ פאר אימ. דער גאלעב האָט געהאלטנ די גאנצע צײַט אראָפגעלאָזט די אויגנ, זײַנע ליפנ האָבנ געציטערט. זי האָט דעמאלט געמיינט, אז ער שעפטשעט א געבעט. ניינ, דאָס איז ניט געווענ קיינ געבעט. ער האָט די גאנצע צײַט געקוקט אפ איר הויכער ברוסט, אפ אירע קײַלעכדיקע קני, וועלכע האָבנ זיכ ארויסגעזענ פונ איר קורצנ קליידל, זי דערמאָנט זיכ איצט.

איינמאָל, ווענ זי האָט געוואָלט אופשטיינ, האָט דער גאַלעכ ארופגעליגט זײַנ האנט אָפ איר אונ ווי ניט ווילנדיק אָנגערירט מיט זײַנע פעטע קלעפּיקע פינגער איר ברוסט. ער האָט זי געצוווּנגענ זיכ ווײַטער מיסוואָדע זײַנ, אלע איינצלהײַטנ דערציילנ פונ איר ערשטער ליבעספאַרהעלטעניש מיט וואָלאָדעקנ. זי איז נאָכ דערמלט געווענ א מיידל, זי האָט זיכ אָפּגעהערציק מוידע געווענ פארנ גאַלעכ אינ אירע „זינד”.

ווי נאַיִוו, ווי נאַריש זי איז דעמלט געווענ! א שרעק! א בושע! ווי האָט זי געקאָנט אזא ברודיקנ מענטשנ דערציילנ אלע איינצלהײַטנ פונ איר אינטימענ לעבנ? זי האָט עס דעמלט געהאַלטנ פאַר נאַטירלעכ. אלע אירע באַוווּרטעס האָבנ דאָס זעלבע געטאָנ. צי פאָדערט עס טאַקע גאָט?

וואָלאָדעק איז אינ טפיסע. ער איז פיל ערלעכער פאַר קאָוואַלסקינ. ער האָט קיינעמ ניט דערהאַרגעט, ער האָט קיינעמ ניט געשעדעט. די גאַנצע שטאָט ווייסט, ווי קאָוואַלסקי האָט שיקערערהייט פאַרגוואַלטיקט מאַנדענ, זײַנ דינסט. מע האָט אימ דערפאַר גאָרניט געטאָנ. ער איז אָנגעזעענ, ער איז דער פירער פונ די סטוּשעליצעס. צי דאַרפ עס טאַקע אזוי זײַנ?

די מוטער איז צו איר געקומענ מיט א באזוכ, געבראַכט די הענט, באַוויינט די איינציקע טאָכטער, געשאָלטנ דעמ מערדער. יאַנינא האָט געקוקט מיט מיטלייד אָפ דעמ צעדרונצלטנ פּנימ פונ איר מאַמענ, באַרויִקט זי, זיכ נאָכגעפרעגט אָפ וואָלאָדעקנ. די מאַמע האָט גאָרניט געוווּסט, אז ער איז אַרעסטירט.

— וואָס האָבנ זיי צו אימ? — האָט זי געפרעגט בא דער טאָכטער — אזא גוטער אונ האַרציקער. פאַרוואָס פּײַניקט מענ אימ?

מוטער אונ טאָכטער האָבנ ביידע זיכ געפרעגט די זעלבע פראַגע אונ ניט באַקומענ קיינ ענטפער.

אומבאַקאַנטע האָבנ איר געשיקט פרוכט, שאָקאָלאַד, עסנוואַרג. זי האָט זיכ געוווּנדערט — ווער קאָנ דאָס זײַנ? די קראַנקנ־שוועסטער האָט געהיימניספול געשמייכלט.

— מיסטאַמע אײַערע גוטע פרײַנט. עסט אונ פאַרבעסערט זיכ, איר דאַרפט דאָס האָבנ. איר האָט צופיל בלוט פאַרלוירנ. אײַער פּנימ איז צו בלאַס.

יאַנינע האָט ניט געהערט די בלאַסקײַט פונ איר געזיכט, איר האָט

געעקבערט דער געדאַנק: ווער זײַנען עס די גוטע פרײַנט, וואָס שיקנ איר אַזעלכע גוטע זאַכנ און ווײַזנ זיכ ניט.

דער דאָקטער, צו ווענעמ זי האָט זיכ געווענדעט, האָט איר געזאָגט דעמ עמעס.

— דאָס מוזנ זײַנ די כאַווײרימ פונ אײַער מאַנ. בא זײ העלפט מענ אײנער דעמ אַנדערנ.

זי האָט מער ניט געפרעגט. זי האָט געקוקט מיט דאַנקבאַרקײט אַפ די געבראַכטע זאַכנ — „וואָלאַדעקס כאַווײרימ", האָט זי געטראַכט מיט צאַרטקײט וועגנ אימ.

אַפ דער זעקסטער וואָכ האָט זי זיכ אויסגעשריבנ פונ שפּיטאָל. זי איז נאָכ געווענ זײער שוואַכ. די דאָקטוירימ האָבנ איר נאָכ ניט געוואָלט אויסשרײַבנ. זי האָט זיכ געבעטנ בא זײ. דער יונגער דאָקטער האָט פאַרשטאַנענ.

— איר ווילט זענ אײַער מאַנ? — האָט ער איר שטיל געפרעגט.

— יאָ! — האָט זי געענטפערט.

ער האָט געדריקט איר האַנט.

— גיט אימ איבער מײַנ האַרציקנ גרוס.

זי איז געווענ גערירט פונ זײַנ גוטסקײט און כאַווערישקײט.

— איכ וועל אימ איבערגעבנ, אַז עס געפינענ זיכ נאָכ מענטשנ, וועמענ מע קאָנ גלײבנ און געטרויענ.

ער האָט זיכ פאַרויטלט.

— געדענקט, אַז צו יעדער צײַט בינ איכ גרײט אײַכ צו העלפנ מיט וואָס איכ קאָנ.

ער האָט זי אָפּגעפירט ביז צו איר וווינונג.

צו מאָרגנס איז ער געקומענ צו איר. פאַרנ אוועקגײנ האָט ער אַרויסגענומענ 50 זלאָטעס און איבערגעגעבנ איר.

זי האָט אימ אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, מיט קאַס.

— איכ האָב זיכ ניט געריכט אַפ אײַכ, איר באַלײדיקט מיכ.

ער האָט געקוקט אַפ איר פאַרלעגנ, געוואָרנ רויט.

— איכ באַלײדיק אײַכ ניט. דאָס איז ניט מײַנ געלט. מע האָט מיר געהײסנ אײַכ איבערגעבנ די דאָזיקע סומע. ביז איר וועט ניט ווערנ אינגאַנצנ געזונט, וועט איר יעדע צוויי וואָכנ באַקומענ 50 זלאָטעס.

— ווער האָט אײַך געהייסנ איבערגעבנ מיר דאָס געלט?

— די כאַווײרימ פונ אײַער מאַנ.

זי האָט אימ שטומ אָנגעקוקט אייניקע סעקונדנ.

— איר זייט אויכ א...

ער האָט זיכ צעשמייכלט:

— איכ בינ נאָר א סימפּאַטיקער, איכ העלפ מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע אונ זייערע פאַמיליעס. כאָטש מיט עפּעס באַהילפיק זײַנ.— האָט ער זיכ ווי פאַרענטפערט.

זי האָט זיכ געפּרוווט אָפּזאָגנ פונעמ געלט, זי האָט ניט קיינ רעכט. נאָר ער האָט געפאָדערט, אז זי זאָל אָננעמענ די הילפ. איר אָפּזאָג וועט באַליידיקנ די כאַווײרימ, וועט ווי טאָנ איר מאַנ. זי האָט מאַסקעמ געווענ.

★

וואָלאַרעק האָט זעקס וואָכנ געהאַט זייער ווינציק יעדיִעס פונ יאַ־ נינענ. אינ די ערשטע צוויי וואָכנ, ווי נאָר ער איז צו זיכ געקומענ פונ די קלעפּ, איז ער אַרומגעגאַנגענ אינ דער טפּיסע ווי א צעדולטער. צי לעבט זי? מיט וואָס האָט זיכ פאַרענדיקט די אָפּעראַציע? ער האָט ניט געקאָנט שלאָפנ. ער איז אויסגעדאַרט געוואָרנ. זײַנ געזיכט איז געל געוואָרנ אונ די אויגנ זײַנענ אײַנגעפאַלנ. די כאַווײרימ האָבנ זיכ באַמיט אימ צו באַרויִקנ. נאָר זיי האָבנ ניט געוווּסט מיט וואָס. זיי האָבנ פאַר־ שטאַנענ זײַנ צאַר. זיי זײַנענ זיכ באַגאַנגענ מיט אימ ווי מיט א קראַנקנ. גערעדט שטיל אינ קאַמער, באַפרײַט אימ פונ אַלע טפּיסע־פליכטנ. ער האָט עס אַפילע ניט באַמערקט. ער האָט געוואַנדערט אינ קאַמער ווי א לונאַטיקער, ניט געהערט וואָס מע רעדט צו אימ.

מיט צוויי וואָכנ שפּעטער האָט ער באַגעגנט אפנ שפּאַציר פיליפּנ. ער האָט זיכ דערפרייט. פיליפּ האָט אימ איבערגעגעבנ, אז יאַנינאַ לעבט, עס דראָעט איר מער ניט קיינ געפאַר. זי וועט געזונט ווערנ. וואָלאַרעק האָט היימ געדריקט פיליפּס האַנט. ער האָט אויפגעלעבט, גע־ וואָרנ אַקטיוו. זײַנע אויגנ האָבנ צוריק אויפגעלויכטנ. די כאַווײרימ פונ זײַנ קאַמער האָבנ פרײַער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבנ זיכ שוינ מער ניט געשראָקנ פאַר אימ.

ווענ מע האָט אימ אַרויסגערופנ אפ א זעונג מיט איר, האָט ער אויפגעציטערט. ער האָט זיכ א ריס געטאָנ פונ קאַמער, געשפּרונגענ

איבער די טרעפּ. דורכ די דאָפּלטע קראטנ האָט ער דערזענ א בלײַכע, אנ אויסגעדארטע פרוי מיט טונקעלע רייפנ אונטער די אויגנ. „יאנינא!" — האָט ער מיט פרייד הויכ אויסגעשריִענ. אלע האָבנ זיכ אומגעקוקט אפ אימ.

זי איז צוגעפאלנ צו די קראטנ. וולאדעק איז געווענ ניט ראזירט. דאָס געזיכט געל אונ שטארק פארעלטערט, דאָס טפיסע־העמד צעריסנ באמ האלדז אונ אָפנ. זײַנע אויגנ האָבנ געברענט מיט אנ אומגעזונט פײַער. זי האָט זיכ שטיל צעוויינט.

— וולאדעק, וואָס האָבנ זיי געמאכט פונ דיר?

ער האָט געקוקט אפ איר אונ פארשולדיקט געשמייכלט.

— ס׳איז מיר גאָרניט, טײַערע, איכ פיל זיכ זייער גוט. איכ בינ נאָר ניט אָפּגעראזירט. ווי פילסטו זיכ? פונ וואָס לעבסטו? — זי האָט דערפילט זײַנ שרעק.

— זײַ רויִק, מיר פעלט גאָרניט.

— איכ האָב דאָכ דיר קימאט ניט איבערגעלאָזט קיינ געלט.

זי האָט א ביטערנ שמייכל געטאָנ.

— דו האָסט פארגעסנ, אז דו האָסט פרײַנט.

ער האָט פארשטאנענ אונ א גליקלעכער זיכ צעלאכט. שנעל זײַנענ פארבײַ די צענ מינוט. יאנינא האָט מיט פארצווייפלונג נאָכגעקוקט וולאדעקנ. דורכ דער אָפענער טיר האָט זי געזענ, ווי ער איז פאר־שוואונדנ אינעמ האלב־פינצטערנ קאָרידאָר. זי האָט געוואַרט אונ גע־ציילט מיט אומגעדולד די פערצנ טעג, ווענ זי וועט זיכ ווידער קאָנענ זענ מיט אימ.

דער טויט פונ א פראָוואָקאטער

אינ דער רעפענזיווע, אונ דערנאָכ אינ דער טפיסע, האָט סעמיאָנענ געפּײַניקט איינ געדאנק — וואָס שנעלער צו וויסנ געבנ דער אָרגאני־זאציע, אז סעריאָזשע איז א פראָוואָקאטער, ראטעווענ די פארטיי פונ פרישע קאָרבאָנעס.

עטלעכע וואָכנ האָט מענ אימ געהאלטנ איזאָלירט אינ א באזונ־דערער קאמער, דאָ איז פאר אימ אוממעגלעכ געווענ זיכ צו פארבינדנ מיט די אנדערע ארעסטירטע כאווײרימ. נאָכנ צווייטנ פארהער באמ

אויספאָרשונג־ריכטער האָט מען אים איבערגעפירט אין א געמיינזאמער קאמער מיט אנדערע כאוויירים. ער איז געוואָר געוואָרן וועגן שטאנד־געריכט איבער אירע, וועגן דער טויט־געפאר, וואָס זי האָט אויסגעמיטן. עס האָט אים באגאָסן א קאלטער שווייס. דאָס איז סעריאָזשעס ארבעט. וואָס שנעלער באפרייען די אָרגאניזאציע פון דעם דאָזיקן אויסוואורף. נאָר וויאזוי גיט מען צו וויסן?

ער האָט אויסגעפונען, אז די לעצטע ארעסטן האָבן איבערגעריסן די פארבינדונג צווישן דער טפיסע און דער פרייהייט. גלייך נאָך אים איז ארעסטירט געוואָרן דער אָנפירער פון „מאָפּר" און ס'איז פארשאָטן געוואָרן די פארבינדונג מיט דער טפיסע. אָנטרויען זיך צופעליקע געלעגנהייטן האָט ער מוירע געהאט. ער האָט געשפּרייזט אומרויִק אין קאמער.

אפן טפיסע־שפּאציר האָט ער זיך באגעגנט מיט מיכאלן. פון געשפּרעך מיט אים איז פאר אים שוין געווען מער ווי זיכער, אז סעריאָזשע איז א פּראָוואָקאטער. פיליפּ האָט אים איבערגעגעבן, אז אין דער דעפענזיווע האָט מען אים געפרעגט וועגן נאטאשען. פיליפּ האָט זיך געוואונדערט, פונוואנען ווייס די דעפענזיווע איר נאָמען, ווען ערשט נעכטן אף דער זיצונג פון קריי־קאָמיטעט האָבן די קאָמיטעט־מיטגלידער אליין דאָס ערשטע מאָל געהערט איר נאָמען.

דורך א קרימינעלן ארעסטאנט האָט ער באקומען א בריוול פון אירען. דאָס דאָזיקע קורצע בריוול איז געלייענט געוואָרן פון אלע פּאָליטישע ארעסטירטע. זי האָט באשריבן דעם פּראָצעס, איר האלטונג. איר בריוו איז געווען א מונטערער, פול מיט האָפענונגען: זי האָט איראָניזירט איבער איר פאָרשטייענדיקן „געוויינלעכן" געריכט. אין א שטיפערישן טאָן האָט זי אים געפרעגט, צי נאָך דעם, ווי זי וועט אין 15 יאָר ארום ארויסגיין פון דער טפיסע אן אלטע און א גרויע, וועט ער נאָך אלץ וועלן „ארבעטן מיט איר צוזאמען". ער האָט פארשטאנען דעם מיין פון אירע ווערטער. ס'איז אים וואַרעם געוואָרן פון געדאנק, אז אירע האָט פארשטאנען זיינע געפילן. זי האָט אויך דערמאָנט וועגן פּראָוואָקאציע. זי האָט געפאָדערט וואָרענען די אָרגאניזאציע.

אומגעריכט איז אונטערגעקומען א גוטע געלעגנהייט. אף די באמיונגען פון דער פאמיליע איז וואָלאדעק באפרייט געוואָרן ביזן פּראָ־

צעם אפ קאוציע.[1] סעמיאָנ האָט וולאדעקנ איבערגעגעבנ גענוי אלע באוויזנ קעגנ סעריאָזשענ. וולאדעק האָט זיכ אופמערקזאמ צוגעהערט. זײַנ געזיכט איז געווענ שטרענג אונ הארט. די דינע ליפּנ פעסט צונויפגעקוועטשט. ער האָט כאווערישׂ געדריקט סעמיאָנס האנט, זיכ צעקושט מיט אימ. סעמיאָנ קאָנ זײַנ רויִק. זײַנ אופטראָג וועט אויסגעפילט ווערנ.

נאָכ דער ערשטער פרייד פונ טרעפנ זיכ אפ דער פרײַ האָט וולאדעק צארט אװעקגעזעצט יאנינענ צו זיכ אפ די קני אונ שטומ זי אָנגעקוקט. זי האָט מיטביידע הענט ארומגענומענ זײַנ קאָפּ, צוגעטוליעט זיכ צו אימ.

— יאנינא, דו האָסט זיכ געענדערט.

זי האָט געשמייכלט.

— איכ האָב פאר דער דאָזיקער צײַט א סאכ איבערגעטראכט.

— דו וועסט זיכ איצט מער ניט בייזערנ, אויב איכ וועל אמאָל קומענ שפּעט אהיימ?

זי האָט זיכ נאָכ פעסטער צוגעטוליעט צו אימ.

— איכ וועל זײַנ אומרויִק. אָבער מע דארפ זיכ צוגעוווינענ.

— איכ וואָלט געוואָלט אייג זאָג, אז דו זאָלסט ווערנ אנ אונרזוע־ריקע.

— גיב מיר צײַט, וולאדעק, — האָט זי זיכ געבעטנ, — איכ וועל דיר אליינ זאָגנ דעמ טאָג.

ער האָט אריבערגעפירט דעמ געשפּרעכ אפ אנ אנדער טעמע.

וולאדעק האָט ניט געטראָפנ דימיטרינ. אינ ראיאָנ האָט זיכ אָנגעהויבנ א שטארקע באוועגונג פונ די פויערימ. זיי האָבנ זיכ אינ די נעכט פארזאמלט גרופנווײַז אונ געהאקט די פּריצישע וועלדער. יעדנ טאָג זײַנענ פאָרגעקומענ צוזאמענשטויסנ צווישנ די פויערימ מיט די וואלד־וועכטער. דימיטרי איז ארויסגעפאָרנ אינ ראיאָנ.

וולאדעק האָט אופגעזוכט איוואנענ. ער האָט אימ איבערגעגעבנ, וואָס ער האָט געהערט פונ סעמיאָנענ. איוואנ האָט די גאנצע צײַט צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ. ער האָט זיכ שווער אופגעהויבנ פונ אָרט.

— איכ בינ געווענ זיכער דערינ.

1 אַרויס־געגעס,

ער האט איבערגעגעבנ וולאדעקנ וועגנ זײַנ באגעגעניש מיט סעריאָזשענ אינ קלויסטער.

א לאנגע צײַט האבנ בײדע געשוויגנ.

— מע דארפ ווארטנ אפ דימיטרינ. — האט וולאדעק זיכ אָפּגערופנ.

— צו וואָס? — האט איוואנ אָפּגעענטפערט. — צו וואָס ארײַנציענ אינ דעמ דאָזיקנ איניענ דימיטרינ. מע מוז אימ איצט היטנ ווי אנ אויג אינ קאָפּ. אלײנ דארפנ מיר אנטשײדנ...

וולאדעק האט פעסט געדריקט איוואנס האנט. ער האט פארשטאנענ אונ שטומ מאסקעמ געווענ.

★

ס'איז געווענ א קאלטער, פינצטערער אָקטיאבער־אָוונט. דאָס קלײנע וועלדל הינטערנ שטאָט איז געווענ אײַנגעהילט אינ געדיכטער פינצטערניש. די ארויפגעפאלענע בלעטער האבנ געשאָרכט אונטער די פיס. איוואנ אונ וולאדעק האבנ אומגעדולדיק שפּאצירט. זײ האבנ געווארט. זײ האבנ צווישנ זיכ ניט ארויסגערעדט קײנ אײנ וואָרט, צוגעהערט זיכ אומרויִק צומ מינדסטנ גערויש.

זײ האבנ געשיקט גרישקענ פונ דער יוגנט נאָכ סעריאָזשענ, גערופנ אימ אפ א עקסטרע וויכטיקער זיצונג. צי וועט ער קומענ? ס'האבנ זיכ דערהערט טריט אונ גרישקעס יונגע שטימ.

— אָט דאָ, כאווער סעריאָזשע, שוינ ניט ווײַט.

סעריאָזשע איז געווענ אומצופרידנ:

— ניט געפונענ קײנ אנדער אָרט אפ א זיצונג, ווי אינ וואלד. ס'איז קאלט.

איוואנ האט אימ בארויִקט:

— מיר האבנ באקומענ אויסערגעוויינלעכע ידיעות, וואָס מוזנ טײַקעפּ באטראכט ווערנ. — מיר האבנ ניט געקאָנט באקומענ קײנ דירע. ס'וועט ניט דויערנ לאנג.

אלע פיר האבנ זיכ געלאָזט גײנ צומ נאָענטנ טײַכל אונ זיכ אוועקגעזעצט אפ א גרויסנ אָפּגעהאקטנ בוימ.

איוואנ האט געעפנט די זיצונג.

— אינ טאָג־ארדענונג שטײט אײנ פראגע: די לעצטע ארעסטנ אונ פראָוואָקאציע אינ דער פּארטײ.

סעריאָזשע האָט זיכ אַנ אויפגערעגטער אויפגעהויבנ.

— וואָס פאַר א זיצונג? אינ וועמעס נאָמענ? דאָס זײַנענ עס די וויכטיקע יעדיִעס?

וולאַדעק האָט אימ צוריק אַוועקגעזעצט.

— ניט וויכטיק אינ וועמעס נאָמענ. מיר האַלטנ די פראַגע פאַר זייער וויכטיק. מיר מוזנ אויסגעפינענ ווער עס איז דער פראָוואָקאַטער.

— נאָר וואָס עפעס פלוצעמ אַזוי אײַליק?

סעריאָזשע האָט זיכ באַמיט ניט אַרויסצווײַזנ זײַנ שרעק.

וולאַדעק האָט אַרופגעלייגט זײַנ שווערע האַנט אפ סעריאָזשעס אַקסל.

— די באַווײַזימ אינ טפיסע האָבנ מיר באַפולמעכטיקט אויפצו-קלערנ דעמ דאָזיקנ איניענ וואָס שנעלער. די פאַרטיי קאָנ ניט וואַרטנ. יעדער טאָג ברענגט פרישע קאָרבאָנעס.

— איכ טראַכט אויכ די גאַנצע צײַט וועגנ דעמ, — האָט סעריאָזשע מיט אַנ אומשולדיקער מינע אָפגעענטפערט. — נאָר איכ קאָנ בעשום-אופנ ניט דערגייִנ ווער. איכ האָב א חשד אפ אייניקע. נאָר גענוי ווער, ווייס איכ נאָכ ניט.

— אונ איכ האָב א חשד נאָר אפ איינעמ. שײַנט מיר, אַז איכ האָב ניט קיינ טעות — איוואַנס שטימ איז געווענ הייזעריק.

— אפ וועמענ?!

אייניקע סעקונדנ האָט געהערשט א קאַלטער שווײַגנ. יעדער האָט געהערט דאָס קלאַפנ פונעמ צווייטנס האַרצ.

— אפ דיר! — האָט וולאַדעק קורצ אָפגעענטפערט.

— ווי וואַגסטו?! — סעריאָזשע איז אויפגעשפרונגענ, נאָר וולאַ-דעקס האַנט האָט אימ פעסט צוגעשמידט צומ אָרט. — ווי וואַגסטו מיכ אַזוי צו באַליידיקנ מיכ, א מיטגליד פונ קרײַז-קאָמיטעט! ווער זײַט איר? דאָס איז א געמיינהײַט! איכ וועל זיכ ווענדנ צומ צענטראַל-קאָמיטעט!

סעריאָזשע האָט זיכ געקאָכט, געהיצט. ער האָט גערעדט הייזעריק, אָפגעהאַקט, ווי עס וואָלט אימ פאַרפעלט אָטעמ.

— ניטאָ וואָס צו היצנ זיכ! — האָט אימ איוואַנ קאַלט איבערגע-שלאָגנ — פאַרטיידיק זיכ אויב דו קאָנסט. מיר האָבנ זיכ באַשטימט אַלס געריכט איבער אַנ אויסוואָרפ, א פראָוואָקאַטער. ווער מיר זײַנענ,

פּרעגסטו? פּאַרטײַ-באַװײַרים. װער האָט אונדז געגעבן רעכט? — די צענדליקער אַרעסטירטע באַװײַרים — דײַנע קאַרבאָנעס, מיר האַלטן, אַז דאָס איז גענוג. מיר האָבן באַװיזן, אַז דו ביסט אַ פּראָװאָקאַטער. דו האָסט דאָס רעכט צו פּאַרטײַדיקן זיך און אָפּשלאָגן אונדזערע באַװײַזן.

סעריאָזשע האָט זיך אײַנגעקאַרטשעט. קיין פּראָטעסטן װעלן ניט העלפֿן. איצט פֿאַרשטייט ער. זיי האָבן אים אומישנע פֿאַרנאַרט אין װעלדל, װײַט פֿון מענטשלעכן יישעװ. געװײנען צײַטן, פּרובירן זיך אַרױסדרײען, ניט פֿאַרלירן די קאַלטבלוטיקײַט. ער האָט זיך פּאַרטײַדיקט, פּרובירט אָפּלייקענען. נאָר װאָלאָדקעס באַװײַזן האָבן געשלאָגן אַן ראַסמאַנעס. ס'איז אים װאָס אַמאָל שװערער געװאָרן. ער האָט זיך געפֿילט װי אַ פֿאַרפּלאָנטערטע בהמה. גיין, — האָט ער געטראַכט פֿאַר־צװייפֿלט. זיי זײַנען אַן ראַסמאַנעס. פֿון זיי איז ניט צו דערװאַרטן קיין מיטגעפֿיל. שרײַען, מאַכן אַ גװאַלד!

װאָלאָדקע האָט װי געליענט זײַנע געדאַנקען. ער האָט אָנגעשטעלט אַף אים דעם קאַלטן בראַונינג.

— אויב דו װעסט געבן אַ געשריי, דערשיס איך דיר װי אַ הונט.

סעריאָזשע האָט גיך אױסגעהאַלטן. װען װאָלאָדקע האָט פֿאַרענ־דיקט מיט דעם, אַז סעמיאָן האָט אים געזאָגט, אַז סעריאָזשע איז אַ פּראָװאָקאַטער, האָט ער צוזאַמענגעבראָכן און געפֿאַלן אַף די קני.

— זײַט מוחל, באַװײַרים! ס'איז עמעס. כ'האָב געדינט אין דער פּאָליציי. איך בין אַן אױסװורף. נאָר איך בין ניט שולדיק. הערט מיך אויס.

— װי לאַנג ביסטו פּראָװאָקאַטער?

— 5 יאָר.

— די גאַנצע צײַט, װאָס דו ביסט אין דער פּאַרטײ?

— יאָ!

גרישע האָט זיך אַ ריס געטאָן, געװאָלט זיך װאַרפֿן אַף אים. איװאַן האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— רויק, גרישע! ניט היצן זיך.

— איך װעל אַלץ דערציילן! — האָט ער זיך געבעטן. — לאָזט מיך אױסרײדן.

זיי האָבן אים געלאָזן.

— ביז מיט 5 יאָר צוריק האָב איכ זיכ ניט פאַרנומענ מיט קיינ שום פּאָליטיק, געווענ אַנ אָנגעשטעלטער אינ א ווײַסרוסישנ קאָאָפּעראַטיוו. מײַנ שוואָגער האָט מיכ אַרײַנגעצויגנ אינ זײַנע פינצטערע געשעפטנ. ער האָט געהאַט א פאַבריקל פונ פאַלשע זילבער־זלאָטעס. איכ פלעג דאָס פאַלשע געלט אויסטוישנ אפ די מערק, ביז מיר זײַנענ אַרײַנגעפאַלנ. מענ האָט אונדז אַרעסטירט. מיט מיר האָט זיכ פאַרינטערעסירט די דעפענזיווע. מע האָט מיר פאָרגעלייגט צו ווערנ א פּאָליטישער פּאָליציי־אַגענט. איכ האָב אינ אָנהייב ניט פאַרשטאַנענ, וואָס זיי ווילנ. דער שעפ פונ דער דעפענזיווע האָט מיר אַלצ אויפגעקלערט. אָדער איכ וועל האָבנ א פּראָצעס אונ באַקומענ פינפ יאָר שווערע טורמע פאַר מאַכנ פאַלש געלט, אָדער איכ ווער גלײַכ אַרויסגעלאָזנ אפ דער פרײַ. דער פּראָצעס קענ מיר ווערנ באַטל אונ איכ וועל נאָכ באַקומענ געצאָלט פונ דער פּאָליציי. איכ בינ א ווײַסרוסישער טוער אונ זיי דאַרפנ אַזעלכע. איכ בינ אײַנגעגאַנגענ דערויפ. זיי האָבנ מיר געהייסנ זוכנ א קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי אונ אַרײַנטרעטנ אינ איר. דאָס איז מיר לײַכט אָנגעקומענ. זיי האָבנ מיכ געהאַט אינ דער האַנט. איכ האָב מורא געהאַט פאַר קאַטאָרגע.

— פאַר דער גאַנצער צײַט פונ דײַנ שענדלעכער אַרבעט, — האָט אים וולאַדעק איבערגעריסנ, — האָסטו ניט געהאַט קיינ געוויסנביסע, יודא! איבערגעגעבנ כאַווייריִמ, וואָס גלייבנ דיר, האָבנ צו דיר צוטרוי?

סעריאָזשע האָט געזוכט א רעטונג פאַר זיכ.

— ניט איינ מאָל האָב איכ זיכ מיטנ געדאַנק געפּײַניקט — האָט ער שנעל צוגעגעבנ, — נאָר די דעפענזיווע האָט מיר געדראָעט, אַז זי וועט אַרויסגעבנ, אַז איכ בינ א פּראָוואָקאַטער אונ די קאָמוניסטנ וועלנ מיר דערמאָרדנ.

— זאָג, ווער נאָכ איז א פּראָוואָקאַטער? — האָט וולאַדעק געפאָדערט.

סעריאָזשע האָט אָנגערופנ עטלעכע נעמענ, צווישנ זיי אויכ וולאַדימירנ. ער האָט זיכ געוואָלט אויסקויפנ, האָט ער זיי אויכ איבערגעגעבנ וועגנ סעמיאָנס כשאַד אפ וולאַדימירנ.

עטלעכע מינוט זײַנענ אַלע געבליבנ זיצנ שטיל. וולאַדעק האָט פאַרזיכטיק ווידער אַרויסגענומענ דעמ רעוואָלווער.

איוואַנ האָט איבערגעריסנ דאָס שטילשווײַגנ.

— דער איניע איז קלאָר. וואָס פאר א שטראָף ליגט איר פאָר? פאר פאראט און פראָוואָקאציע, פארן ארעסט פון צענדליקער כאווירים, פאר די פייַניקונגען פון אירען, נאטאשען און סעמיאָנען?

— טויט! — איז גרישע אויפגעשפרונגען.

— טויט! — האָט וואָלאָדקע שטיל צוגעגעבן.

— פארניכטן די שלאנג! — איז איוואן מאסקעם געווען.

ווידער האָט עטלעכע מינוט געהערשט א שרעקלעכע שטילשווייַגן.

נייַן, ס'קאָן ניט זייַן! — האָט סעריאָזשע אין כייַשער שרעק געטראכט. טויט! ווער האָט דאָס געזאָגט! זיי וועלן ניט וואגן! זיי וועלן מוירע האָבן!.. זיי ווילן אים נאָר אָפּשרעקן!.. ער וועט אנטלויפן פון דאנען... ער וועט זיך ווענדן צו דער דעפענזיווע, אז זי זאָל אים אריבערפירן אף א צווייט אָרט... ער וועט זיך נאָך אָפּרעכענען מיט די דאָזיקע דרייַ... ער וועט זיי ווייַזן, ווער ער איז!.. זיי האָבן אים פארמישפּעט צום טויט! זיי — אים?! ער האָט הינטער זיך די פּאָליציי!.. ער האָט הינטער זיך די מאכט... זיי וועלן ניט וואגן אים שלעכטס צו טאָן! אָט הייבט ער זיך אוף און גייט אוועק פון זיי... היינט מעלדעט ער וועגן זיי אין דער דעפענזיווע... מאָרגן איז ער שוין ווייַט פון דאנען... זיי — אים?!..

דאָס האָט אים די שטילקייַט אזוי בארויִקט. דאָס האָט זי אים איינגעשפּריצט די פאלשע האָפענונג.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. וואָלאָדקעס האנט איז מער ניט געלעגן אף זייַן אקסל.

ער האָט זיך געלאָזט גיין. א שווערער שטומער קלאפּ האָט אים אומגעוואָרפן. ער איז געבליבן ליגן אומבאוועגלעך.

זיי האָבן אים געשלעפּט צום טייַך, ארייַנגעלייגט אין זייַנע קעשענעס שווערע שטיינער און ארייַנגעוואָרפן דעם טויטן קערפּער אין טייַך. א הילכיקער וואסער־פּליעסק האָט זיך דערהערט און דערנאָך איז ווידער אלץ שטום און טויב געוואָרן.

דער וואלד איז געלעגן איינגעהילט אין דער טויבער פינצטערניש פון הארבסטיקער נאכט.

ערעוו שטורעמ

דער צוג האָט זיכ געשלענגלט צווישנ שניי־ווײַסע פעלדער. פויערשע כאַטעס האָבנ ארויסגעסטאַרטשעט פונ טיפנ שניי. טיילמאָל איז דער צוג אַפ לאַנג פארשלונגענ געוואָרנ דורכנ וואַלד. די פענצטער זײַנענ געווענ פארקלעפּט מיט געדיכטע שטיקער אײַז. די פּאַסאַזשירנ האָבנ זיכ געטוליעט אינ זייערע ווינטער־מאַנטלענ. זיי זײַנענ געווענ מיד פונ דער רײַזע, פונעמ לאַנגזאַמענ שלעפּנ זיכ פונ צוג.

דימיטרי איז געזעסנ באַמ פענצטער. ער האָט געבלאָזנ אינ דער גאַנצער קראַפט פונ זײַנע געזונטע לונגענ אַפ דער שויב, געמאַכט אינעמ אײַז א קליינ „אויגל". נאָר ס'איז אימ שוינ נימעס געוואָרנ דאָס ארויסקוקנ דורכנ פענצטער. די קעלט האָט זיכ געלאָזט פילנ. ער האָט זיכ טיפ אײַנגעגוריעט אינ זײַנ לײַכטנ מאַנטל, אײַנגעקאָרטשעט זיכ. אינ וואַגאָנ איז געווענ שטיל. דימיטרי האָט געטראַכט וועגנ דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש אינ צענטער. מע האָט אימ ארויסגערופנ אָפּגעבנ א באַריכט וועגנ דער טעטיקײַט פונ קרײַז־קאָמיטעט פאַר די לעצטע פינפ כאָדאָשימ. מיט וועמענ וועט ער זיכ טרעפנ, ווי־אַזוי וועט מענ אימ אופנעמענ? ער האָט זיכ באַמיט צוריק אופשטעלנ אינ זיקאָרנ די געשעענישנ פאַר די לעצטע עטלעכע כאָדאָשימ.

ס'איז געווענ א שווערע צײַט פאַר דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אונ אויכ פאַר אימ פערזענלעכ. נאָכ די גרויסע ארעסטנ האָט א געוויסע צײַט געהערשט אנ אָפּשוואַכונג אינ דער אַרבעט. דער בעסטער אַקטיוו איז ארעסטירט געוואָרנ. אייניקע זײַנענ געווענ שטאַרק אָנגעשראָקנ. ס'האָט זיכ זיי קעסיידער געדוכט, אז מע גייט זיי נאָכ. פּראָוואָקאַציע, אומזיכערקײַט האָבנ געמאַכט נערוועז. מיט פיל ערטער איז איבערגעריסנ געוואָרנ די פאַרבינדונג. דימיטרי האָט צונויפגעזאַמלט די פאַרבליבענע אַקטיוויסטנ. אינ אָנהייב זײַנענ זיי געווענ צו ציילנ אַפ די פינגער: איוואַנ, גרישקע, שטיינ, קאָלענדאַ, האַנקע, פעטרוס, זינאַ אונ נאָכ אייניקע. מיט זיי האָט ער זיכ גענומענ צו דער אַרבעט, אופשטעלנ קוידעמקאָל די שטאָטישע אָרגאַניזאַציע, די פאַבריק־קאָמערלעכ, ווײַלנ א נײַעמ שטאָט־קאָמיטעט, פאַרבינדנ זיכ צוריק מיט די ראַיאָנענ, אײַנשטעלנ פרישע קאָנטאַקטנ, פאַרבינדונגענ.

ס'איז געווענ א גרויסע אונ שווערע אַרבעט. טיילמאָל, ווענ ס'האָט זיכ געדוכט, אז אַלצ איז שוינ ווידער אינ אָרדענונג, איז ווידער אָנ־

נעקומענ אנ אומגעריכטער ארעסט אונ צעשטערט. דימיטרי אונ די איבעריקע באוויירימ האבנ געהארפט אנשטרענגענ זייער גאנצע ענערגיע אונ ווילנ, קעדיי זיכ דורכצושלאגנ דורכ די דאזיקע שטערונגענ, באקעמפנ דעמ פעסימיזמ, איבערגעשראקנקייט בא אייניקע באוויירימ. ער דערמאנט זיכ אנ עפיזאד: די קליינע טאשקע, די טשעבניקערינ, איז צוריקגעקומענ פונ א רייזע איבערנ קריז. זי איז געקומענ א צעטומלטע, אנ איבערגעשראקענע, מיט טיפע קנייטשנ אפ איר קלארנ יונגנ שטערנ אונ פינצטערע רייפנ אונטער די אויגנ. זי האט דערציילט וועגנ מאסנ=ארעסטנ אונ פארענדיקט מיט פאלגנדיקס:

— באווער דימיטרי. מיר האט זיכ געדאכט, אז איכ גיי איינע אליינ אינ א געדיכטנ וואלד. ארומ קראכנ אונ פאלנ ביימער. יעדער מינוט קאנ אנ אומגעפאלענער בוימ זיכ ארופווארפנ אונ צערייבנ.

ער האט איר דעמלט גוט אויסגעמוסערט, אנגעוויזנ אפ דער דאזיקער געפערלעכער שטימונג. יא, טאשקע, אפגעזונדערט, אונ א זייט פונ מאסנ=קאמפ, שטענדיק אליינ אפ איר געפערלעכער ארבעט, איז לייכט ארונטערגעפאלנ אונטער די דאזיקע שטימונגענ אונ אפנ עס אויסגעדריקט. אונ ער האט געזענ, אז זי איז ניט די איינציקע, וואס איז אנגעשטעקט מיט דער דאזיקער קראנקייט.

אבער די שטימונג בא די ארבעטער, בא די פויערימ האט זיכ ניט געענדערט. זי איז געווענ א מונטערע, א קעמפערישע. ס'האט זיכ שנעל ארויסגערוקט א פרישער אקטיוו, א דרייסטער פול מיט לוסט אונ דורשט צו ארבעט. דאס וואס די פראוואקאטערס: טעריאזשע, וולאדימיר אונ אייניקע אנדערע, קלענערע פארשיטערס זיינענ דעמאסקירט אונ אראפגעראמט געווארנ פונ וועג, האט אפגעפרישט די לופט, צוגעגעבנ פרישנ מוט. איצט האט די ארגאניזאציע א פרישנ געזונטנ ארבעטער-אונ פויערימ-אקטיוו. טייל זיינענ נאכ זייער רוי, אבער זיי וואקסנ שנעל, רוקנ זיכ ארויס. עס גייענ נייע קאדרענ.

ער קאנ איצט מיט א זיכערקייט מעלדנ דעמ צענטראל-קאמיטעט, אז די ארגאניזאציע איז אופגעשטעלט, אז ס'איז איינגעשטעלט א פארבינדונג מיט אלע ראיאנענ, אז ס'זיינענ צוגעקומענ נייע קעמערלעכ. די שטאט אונ דארפ ארבעטנ אקטיוו. דער ווינטער איז ניט אדורכ אומזיסט. ס'גייט א גרויסע צוגרייטונג=ארבעט. געווענ עטלעכע קליינע שטרייקנ, דער קאמפ קעגנ די שטייערנ גייט אנ.

פויל האָט זיכ געשלעפט דער צוג. זיכ אָפגעשטעלט בא יעדער קלייִנער סטאנציע. פארפרוירענע פאסאזשירנ מיט א געדיכטער פארע פונ מויל האָבנ זיכ שווער געשלעפט אינ וואַגאָנ. זיי האָבנ מיט זיכ פונ דרויסנ געבראכט דעמ פראָסט, שטיקלעכ אייִז אפ די ברעמענ, בערד אונ וואָנצעס. דער וואַגאָנ איז אלצ פולער געוואָרנ. דימיטרי האָט זיכ נעענטער צוגערוקט צומ שאָכנ, זיכ עטוואָס אָנגעוואַרעמט. נאָכ מיטיק האָט זיכ דער צוג אָפגעשטעלט אינ ישטאָט.

די באַגעגעניש האָט אימ דערפרייט. ער האָט זיכ געטראָפנ מיט אנ אלטנ באַוער, צו וועמענ ער האָט געפילט גרויס אַכטונג. ער האָט זיכ ניט גערארפט פאַרשטעלנ. דער באַוער פונ צענטער האָט זייער גוט געקענט דימיטרינ. דימיטרי האָט א סאַכ אמאָל געלערנט פונ אימ. ער האָט אימ געהאָלפנ שטעלנ די ערשטע טריט אינ דער באַוועגונג.

דער באַוער פונ צענטער האָט אימ אויפמערקזאַמ אויסגעהערט, אויסגעפרעגט. דימיטרי האָט געפילט אינ די האָזיקע פראגעס הילפ אונ אָנווייַזונג, עס זייַנענ פאר אימ קלאָר געוואָרנ נייַע פראָבלעמענ, זיכ געעפנט נייַע האָריזאָנטנ. יעדער פראגע האָט אימ געצוווּנגענ זיכ פאַרטראַכטנ, איבערקלערנ, דערזענ אָפטמאָל דאָס, וואָס ער האָט אינ זייַנ טאָגטעגלעכער פראַקטיק ניט באַמערקט, ניט צוגעגעבנ קיינ באַדייַטונג. דימיטרי האָט זיכ געפילט אָפגעפרישט. ער האָט זיכ צוגעהערט צו די אָנווייַזונגענ אונ דערקלערונגענ, צו דער קריטיק פונ איינצלנע פעלערנ אינ זייַנ ארבעט, ער איז מאַסקעמ געווענ מיט איר.

ער האָט זיכ געטראָפנ נאָכ מיט איייניקע אנדערע באַוויירימ. אלע האָבנ אימ אויפגענומענ מיט אויסגעשפרייטע אָרעמס. געלויבט זייַנ ארבעט, צוגעגעבנ אימ מוט. צוזאַמענ מיט אימ זייַנענ אויסגעארבעט געוואָרנ דירעקטיוונ פאר דער ווייַטערדיקער ארבעט פונעמ קרייַז. מע האָט אימ אינפאָרמירט וועגנ דער לאַגע אינ אנדערע קרייַזנ, וועגנ דער אלגעמיינער לאַגע אינ לאַנד, וועגנ די וויכטיקסטע אויפגאַבנ, וואָס די פארטיי שטעלט פאר זיכ אינעמ איצטיקנ מאָמענט.

דימיטרי האָט געזענ פאר זיכ א גראַנדיעז בילד פונ רעוואָליוציאָנערנ אויפבויִ. ס'זייַנענ פאר אימ נאָכ קלאָרער געוואָרנ די אויפגאַבנ פונ זייַנ קרייַז, זייַנע אייגענע אויפגאַבנ: קאָאָרדינירנ, פאַרבינדנ

זײַנ אַרבעט מיט די אַלגעמײנע פּערספּעקטיװנ אונ אויפגאַבנ פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. העלפנ דערציִענ אַ נײַעם אַקטיװ, נײַע פרישע קױכעס, שלאָגנ זיכ פאַר יעדער דעראָבערטער פּאָזיציע. ניט אָפּטרעטנ.

אינ זײַנ לעצטנ געשפּרעכ, נאָכדעמ װי ס'זײַנענ שוינ געלײזט געװאָרנ אַלע פּאַרטײ-איניאָגימ, האָט דער כאַװער פונ צענטער פאַרפירט אַ געשפּרעכ װעגנ דימיטריס פערזענלעכ לעבנ. דימיטרי האָט ניט ליב געהאַט צו רײדנ װעגנ זיכ. ער האָט אויכ דאָס מאָל געפּרוּװט אָפּענטפערנ קורצ אונ אָפּגעהאַקט. נאָר דינ שמײכלענדיקע, קלוגע גרויע אויגנ פונעמ עלטערנ כאַװער האָבנ געקוקט מיט װאַרעמקײט אונ כאַװערישער ליבע. דימיטרי האָט געעפנט פאַר אימ דאָס האַרצ, דערצײלט פראַסטימ װעגנ זײַנ קינדהײט, יוגנט, אַרבעט אינ דער פּאַרטײ. ער האָט פאַר אימ געשילדערט זײַנע איבערלעבונגענ פאַר די לעצטע כאַדאָשימ. ער האָט זיכ מוידע געװענ, אַז ער איז געפאָרנ מיט אַ ביסל מוירע פאַר דעמ אויפנעמ אינ צענטער. דאָס ערשטע מאָל פירט ער אָנ מיט אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציע. די פאָדערונגענ זײַנענ זײער גרויסע. צי איז ער געשטאַנענ אויפ דער הײכ פונ די האַזיקע אויפגאַבנ? האָט ער אַמאָל ניט געמאַכט קײנ שװערע פעלערנ?

דערצײלנדיק װעגנ זיכ, האָט ער ערשט דערפילט װי אינטימ נאָענט דער עלטערער כאַװער איז אימ. עס איז אימ געװענ לײַכט אונ גוט. פאַר דער פּאַרטײ, האָט ער געטראַכט, קאָנסטו אונ דאַרפסט דערצײלנ אַלצ. דאָ געפינסטו הילפ, פאַרשטענדעניש.

דער כאַװער פונ צענטער האָט לאַנג געשװיגנ. נאָכדעמ האָט ער אימ איבערגעגעבנ אײניקע עפּיזאָדנ אונ פּאַסירונגענ פונעמ לעבנ פונ אַנדערע כאַװײרימ, דערצײלט, װי זײ זײַנענ אַרײַנגעװאַקסנ אינ דער פּאַרטײ, פאַרהאַרטעװעט זיכ, װעלכע שװעריקײַטנ, אַלגעמײנע אונ פערזענלעכע זײ זײַנענ בײַגעקומענ. דימיטרי איז אימ געװענ דאַנקבאַר דערפאַר. די האַזיקע בײַשפּילנ װעגנ אַנדערע זײַנענ געװענ דער בעסטער ענטפער פאַר אימ, ער האָט אינ זײ געפונענ דעמ װעג פאַר זיכ.

באַמ געזעגענענ זיכ האָט דער כאַװער פונ צענטער אימ פעסט געדריקט די האַנט, צעקושט זיכ מיט אימ.

— קוקנדיק אפ דיר, דימיטרי, ווערט פרייליכ אפנ הארצנ. איכ געדענק דיר, ווי דו האסט זיכ געלערנט שטעלנ די ערשטע טריט אינ דער פארטיי, ווענ דו ביסט נאכ געווענ א פאליטישער אנאלפאבעט. מיט דער הילפ פונ דער פארטיי אונ פונ דיינ אייגענער קאמוניסטישער אקשאנעס ביסטו אויסגעוואקסנ אונ רייפ געווארנ. איצט ביסטו א דערוואקסענער טוער. מיר האבנ צו דיר פולשטענדיקנ צוטרוי. מיר געטרויענ דיר אזא גרויסע ארגאניזאציע. דערצי אונ כאווע אויס פרישע קאדרענ, קאדרענ, וועלכע זאלנ פייִק זיינ, ווענ ס'וועט זיינ נייטיק, איבערנעמענ דיינ ארבעט.

דימיטרי האט געשעפט מיט דער גאנצער ברוסט די פרישע לופט אפ דער גאס. ער האט נאכ געהאט א סאכ צייט ביזנ אפגיינ פונ זיינ צוג. האט ער זיכ געלאזט גיינ איבער די גאסנ, געקוקט אפ די פארבייגייענדיקע, אפ די הייזער. ער איז פארבייגעגאנגענ די טפיסע. אינ דער דאזיקער טפיסע געפינט זיכ סעמיאנ, אירע אונ נאטאשע, געפינענ זיכ א סאכ כאוויירים, מיט וועלכע ער האט געארבעט צוזאמענ.

ער האט געקוקט אפ די טפיסע-פענצטער מיט די בלעכענע זעק. הינטער וועלכנ פענצטער געפינט זיכ נאטאשע? שוינ א קנאפ יאר זי ניט געזענ, אפילע קיינ „זיי געזונט“ ניט געזאגט. אלצ איז דעמלט געווענ אזוי פלוצעם, אומגעריכט, ער האט איר געהאט א סאכ צו זאגנ. צי טראכט זי וועגנ אימ? זיכער. ער ווייסט דאס: ניט איינ מאל אינ א שלאפלאזער נאכט טראכט ער וועגנ איר אונ פילט, אז עפעס ניט דערזאגטס שוועבט נאכ ביז היינט צווישנ זיי.

ער האט זיכ שנעל געלאזט גיינ אפ זיינ קאנספיראטיווער דירע. ער האט געשריבנ צו נאטאשענ א בריוו אונ געבעטנ די כאוויירים, אז זיי זאלנ אימ איבערגעבנ אינ דער טפיסע.

„ליבע נאטאשע, — האט ער געשריבנ. — ניט לאנג צוריק האב איכ געזענ מארוסיענ אונ סעראפימענ. דיינ ארבעט אינ ראיאנ איז ניט געווענ קיינ אומזיסטע. ס'זיינענ אויסגעוואקסנ פרישע קויכעס, וועלכע דו האסט געהאלפנ שטעלנ זיכ אפ די פיס. דער ראיאנ איז ווייטער דער ערשטער אינ קרייז. ס'זיינענ צוגעקומענ עטלעכע צענדליק נייע כאוויירים. דיינ באטראקנ-קעמערל האט זיכ שטארק אנטוויקלט אונ שפילט איצט אנ אנגעזעענע ראליע אינעם אלגעמיינעמ

פּאַרטיי=לעבנ. די כאַווײרים געדענקענ דיר און דערמאָנענ דיך אָפט. די באַטראַקעס האָבנ גענומענ שעפּטשענ איבער דיר, שיקנ דיר פּראָדוקטנ אינ טפּיסע. מאַרוסיע איז געוואָרנ אַנ אַקטיווע טוערינ. זי באַטראַכט זיך אַלס דײַנע א פּאַרטיי=טאָכטער.

די אַרבעט איז שטאַרק אויסגעוואַקסנ און האָט זיך פּאַנאַנדערגעשפּרייט. מיר באַדויערנ אַלע זייער שטאַרק, וואָס דו, סעמיאָנ, אירע און די אַנדערע כאַווײרים זײַנענ ניט מיט אונדז. איר זײַט אונדז שטאַרק נייטיק. ווי וואָלט איר זיך געפרייט באַם אָנבליק פונ די פרישע קויכעס, וואָס זײַנענ פאַר דער דאָזיקער קורצער צײַט צוגעקומענ! ס'גייענ אָנ קעסיידערדיקע פאַרשלאַכטונג צווישנ אונדז און פאַשיזמ. מיר גרייטנ זיך צו די קומענדיקע אַנטשיידנדיקע קאַמפנ. מיר האָפנ, אַז באַ דער אַנטשיידענער שלאַכט וועט איר זײַנ מיט אונדז צוזאַמענ.

גאַטאַשע! איך גלייב, אַז ווענ ס'וועט שלאָגנ די גרויסע שאָ פונ אונדזער אָקטיאַבער, וועסטו זיך געפינענ מיט מיר אינ איינ ריי. אויב ס'וועט ניט מעגלעך זײַנ פריער, וועלנ מיר זיך דעמאָלט טרעפנ, קעדיי ווײַטער שווינ גייג אויגייגעמ.

גיב איבער אינ טפּיסע, אַז מיר זײַנענ מיט אײַך.

דײַנ דימיטרי.